STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02260

DOS NAYE HOYZ

Herz Bergner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דאס נייע הויז

DOS NAJE HOJZ
by H. BERGNER

Printed by YORK PRESS Pty. Ltd., 198-200 Faraday
Street, Carlton, N.3., Melbourne, Australia.

הערץ בערגנער

דאס בייע הויז

נ אָ ו ו ע ל ן

מעלבורן — 1941

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פריינד און
דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק „קדימה"

דרוקעריי „יאָרק פּרעס", מעלבורן
געזעצט: א. זעגער; מאָנטירט: מ. שמשוני

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין פאָטער
אפרים בערגנער

באַנקראָט

אין אַ האַרבסטיקן אָוונט, ווען די רעגנס האָבן שוין געגאָסן דעם דריטן טאָג נאָכאַנאַנד, האָבן זיך פּלוצים דערהערט קולות אין הויף. ס'האָבן זיך באַלד געעפנט די פענסטער אין הויז און שכנים האָבן זיך איבערגעפרעגט, פון וואַנען עס קומען די געוואַלדעס. אויף שטום־לשון האָט מען זיך איבערגעווונקען און לסוף אָנגעוויזן אויף די פענסטער פון ר' שמואל שעמיאָנס דירה, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט דער וועש־קראָם זיינער.

קופּקעס שכנים האָבן זיך שוין געזאַמלט אין הויף, זיך פונאַנדערגעפאַלן און זיך צוריק באַהאָפטן. די מענטשן זענען בהלהדיק געשפּרונגען פון איין קרענצל צום אַנדערן, זיך געטוליעט צו דער פינסטערניש, צו די מויערן, געדרונגען און געטייטשט פאַרשידנס. אַ דינער רעגן האָט נאָכאַנאַנד געשמיסן אין דער קרום, ווי ער וואָלט וועלן באַהעפטן דעם הימל מיט דער ערד, געקלונגען אין די דעכער, געווייקט די מויערן, די מענטשן. דער הימל האָט זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט, אָנגעלאָדנט מיט פּחד און מיט האָריקע קנוילן וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געדיכט און שוואַרץ געוויקלט. אָבער די שכנים האָבן נישט געפילט, נישט דעם רעגן, וואָס האָט זיי נאָכאַנאַנד געווייקט, נישט דעם בייכיק־אָנגעלאָדנטן הימל און נישט די פינסטערניש, וואָס איז אַלעמאָל געדיכטער געוואָרן און געפּלאָנטערט זייערע טריט. זיי האָבן זיך געטוליעט צו די מויערן, געשפּרונגען אין בהלה פון איין רעדל צום אַנדערן און אָנגעוויזן, פול מיט סוד, אויף ר' שמואלס פענסטער, וואָס האָבן געברענט עפּעס צו ליכטיק און צו יום־טובדיק אין דער רעגנדיקער צעווינטער נאַכט. די יום־טובדיקייט איז געווען אַ צו רעשיקע אין דער וואָכעדיקייט פון דער נאַכט, געריסן אין די אויגן און אָנגעוואָרפן אַ מורא...

די טירן פֿון ר׳ שמואלס דירה זענען שוין געשטאַנען צעפּראַלט — מיט אָפֿענע אָרעמס. ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אַ האַנט און אַ פֿוס האָט איצט געקענט אַהער אַריין. אין די גרויסע שטובן האָט געבלאָזן אַ קעלט און ס׳האָט זיך דאָ געיאָגט מיט זיך אַליין אַ ווינט. ס׳האָט געשמעקט מיט יענער הפקרות, ווי אין די דירות, וווּ מ׳עט טראָגט אַרויס אַ מת. אויף די שיינע שפּיגלדיקע פּאָדלאָגעס האָבן מענטשן אָנגעטראָגן די חושכדיקע נאַכט און דעם רעגן פֿון דרויסן און די קאַלוזשעס וואַסער האָבן זיך צעגאָסן, זיך אויסגעשניטן אין אומעטיקע פֿלעקן... פֿון אָט די פֿלעקן האָט ר׳ שמואל, וואָס איז געזעסן אויבן־אָן ביים טיש בשום־אופֿן נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן. ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי די דינסט, אַ פֿאַרפֿלאָמטע און אַ דערצערנטע, לויפֿט נאָך יעדן איינציקן, וואָס קומט צו אים אַריין, און הייסט זיך אָפּווישן די פֿיס. אָבער מען הערט זי אײַנגאַנצן נישט און מ׳רייסט זיך צו אים אין די שטובן אַריין מיט אַ רעש און מיט יענער זיכערקייט, ווי אַלעמאָל אין אַן עת־סכנה.

ר׳ שמואל קוקט נישט אויף קיינעם. ער קוקט אַלץ אַראָפּ אויף די פֿיל באַשטיוולטע און באַשיכטע פֿיס, וואָס ברענגען אַריין מיט זיך די פֿינסטערע נאַכט און דעם רעגן פֿון דרויסן. ער זעט, ווי די קאַלוזשעס אויף די שפּיגלדיקע פּאָדלאָגעס זײַנע ווערן גרעסער, צעוואַקסן זיך משונהדיק אין דער לענג און אין דער ברייט אין גרויסע שמוציקע קעפּ, מיט ווילדע צעשויבערטע בערד... די שטובן האָבן שוין אָנגעוווירן זייער אייגענעם היימישן ריח און שמעקן מיט פֿרעמדע אויסגעווייקטע מלבושים און מיט אַן אומהיימלעכער, פֿאַרנדיקער נעץ. דאָס ווייב, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, לויפֿט כּסדר אַרום מיט גיכע, אומרואיק־פֿאַרזאָרגטע הענט, וואָס פֿלאַטערן אַרום איבער דער שטוב, ווי צעשראָקענע פֿייגל, און פּרוּוון אַלץ פֿאַרשטעלן און פֿאַרווישן. זי שפּרינגט פֿון איין מענטש צום אַנדערן און בעט זיך, מען זאָל שטיל זײַן, מען זאָל נישט ליאַרמען:

— וואָס דאַרף די גאַנצע וועלט וויסן פֿון דער בראָך, וואָס האָט מיך געטראָפֿן? — בעט זי זיך — פֿון דער גרויסער חרפּה, וואָס שיילט מיר אָפּ דאָס פּנים!...

אָבער מען הערט נישט איר געבעט און מען קוקט זיך אויף איר נישט אום. זי האָט שוין באַלד נישט צו וועמען צו רעדן. עס קומט אויס, זי רעדט צו זיך אַליין, צו די ווענט, צו דעם מעבל, וואָס שטייט ביי איר אין דער דירה. אָבער זי לאָזט נישט אָפּ. דאָ הייבט זי אויף אַ בענקל, וואָס מען האָט אין דער בהלה אומגעוואָרפֿן, דאָ מאַכט זי גלייך דאָס טישטוך, וואָס האָט זיך אָנגעלאָדנט מיט ווינט, בייניק פֿאַרהויבן איבערן טיש, ווי זי וואָלט מורא געהאַט מען זאָל נישט דערזען זיין נאַקעט לייב. מיט גרויס געלאַסנקייט גלעט זי נאָכאַנאַנד און גלייכט אויס דאָס טישטוך, ביז עס ליגט צוריק מיט מנוחה אויסגעשפּרייט אויפֿן טיש. נאָר דער עיקר האַלט זי אין איין צומאַכן די טירן, וואָס די מענטשן האַלטן דווקא אין איין אויפֿפּראַלן מיט אַ טראַסק. זי ווערט נישט מיד כּסדר די טירן צוריק צו פֿאַרמאַכן מיט אַזאַ בנעימותדיקייט, גלייך דאָ, אין די שטובן, וואָלט גאָרנישט נישט געשען. אַלעמאָל לויפֿט זי אַקעגן די אַלע נייגעריקע צוקוקערס, פֿאַרשמעלט מיט די הענט די הויכע שכנים אירע, מען זאָל נישט דערזען, וואָס אינעווייניק טוט זיך:

— גייט'ס!... גייט'ס געזונטערהייט!...— באַמיט זי זיך אויסצובאַהאַלטן די טירן אין אירע אויגן — וואָס האָט עמ'ס דאָ דערזען אַזוינס?... ס'זענען געקומען צו מיר עטלעכע מענטשן... צו גאַסט... ס'איז גאָרנישט וואָס צו זען...

ר' שמואל זעט ווי די מענטשן רייסן זיך דווקא נאָך צו אים. עס פֿאַלן אויף זיין צעראָפּגעבויגענעם קאָפּ קולות:

— קוקט'ס נאָר אָן, ווי ער זיצט דאָס, ווי אַ שטיל בוניקל!... גאָט די נשמה שולדיק!

— ווי עמ'ס קוקט אים אָן קען ער נישט קיין צוויי ציילן!...

— זעט'ס נאָר דעם צדיק אין פּעלץ!...

— פֿריער ביסטו אויך געזעסן מיט אַזאַ אַראָפּגעלאָזט קעפּל?...

— ווו האָסטו באַהאַלטן די סחורה פֿון דער קראָם?...

— גזלן!...

— רויבער!...

— מיט פֿרעמדע הענט איז גוט פֿייער צו שאַרן!...

— מיט אונזערע געלטער האָט ער זיך אַזוי ברייט געשטעלט! געפירט גרויסע געשעפטן!...

מער פון אַלע האָט זיך געריסן צו אים אַ הייזעריקלעך קול און אַ פּאָר קאַלט־בלישטשענדיקע, אויסגעפּוצטע שייבעלעך פון ברילן, וואָס האָבן כעסדיק געטאַנצט אויף אַ בלויער נאָז:

— כ'וויל מער נישט פון אים, נאָר אַ וואָרט זאָל זיין אַ וואָרט!... — האָבן זיך די אויסגעפּוצטע שייבעלעך געוואָרפן — ער האָט מיר צוגעזאָגט אויף היינט דאָס געלט!... ס'גייט מיר אין זיין וואָרט!... מער גייט מיר שוין אין גאָרנישט!...

מען האָט אים געזאָגט „דו". די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן ערשט יענע וואָך זיך געבעטן ביי אים מיט תחנונים, געציטערט, האָבן איצט געשריגן אויף אים גראָב און באַפעלעריש.

די מענטשן, וואָס האָבן נאָך איצט בשום־אופן זיך נישט געקענט צוגעוווינען צו ליאַרמען אויף אים מיט העזה, האָבן זיך שטיל געבעטן:

— מיך באַעוולט נישט ר' שמואל!... איך קען נישט ליידן!... איך בין אַ בלוטיקער אָרעמאַן... גלויבט מיר, אַז כ'זאָג אמת!...

אַן אלמנה פון דעם הויף, אַ קליינע און אַ דאַרע יידענע, וואָס האָט געהאַט „גאַנץ וואַרשע אויף איר קאָפּ" צוזאַמען מיט אַ ברוין, אָפּגעשאָסן שייטל, וואָס איז אַרומגעפּאָרן ביי איר, ווי אַ לעבעדיקע זאַך, האָט געשלעפּט הינטער זיך אַן אויסגעצירטע מויד, אַ גרויסע און אַ שווערע. די מויד איז וואָס אַמאָל רויטער געוואָרן, געפלאַמט איינגאַנצן פון גרויס חרפּה. זי איז געווען אויסגעסטראָיעט אין עסיק און אין האָניק, אין אַ רוישנדיק, זיידן קלייד, ווי צו דער אייגענער חתונה, און בשום־אופן נישט געוואָלט פאָלגן דער מאַמען, וואָס קען איר נאָך אָנמאַכן די גרעסטע בושות און אויסשטעלן צו לייטיש געלעכטער. די אלמנה איז געווען זייער אַ רירעווודיקע, פול מיט אויפטוערישקייט, האָט זי צוגע־שלעפּט די טאָכטער אירע צו ר' שמואלן און זי אים געשטופּט גלייך אין פּנים אריין:

— אָט דאָס מלכותדיקע קינד מיינס, טרייבט איר אין דער ערד אריין, גערענקען!... — האָט זי אים געוואָרנט מיט אַ פינגער האַרט פאַרן פּנים — אָט דאָס לאַבטיקע כלה־מיידל ווערט מוזן

צוליב אײך פֿאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ אַרײַן!... איר װענט אַ מלאך־המות איבער איר יונג לעבן!... כ'האָב אָפּגעשפּאָרט דעם ביסן פֿון מויל... צוזאַמענגעקליבן פֿאַר איר דעם נדן... אַזאַ בריליאַנטן קינד... אַזאַ שטילע טויב!... זי װאָלט דאָך געקענט אײַנשטײַן בײַם קײזער!...

זי האָט באַװײַזט איר טאָכטער, צוגעטראָגן אַלעמען צו די אויגן די אײגענע אויסגעשטופּטע אַרבל, די צויטן און לאַטעס אויף דער שאַל:

— זעט'ץ האַרצעדיקע מענטשן, װי אַלץ איז אויף מיר אָפּגעשײַלט!... קוקט'ץ נאָר אָן דעם הולך מײַנעם!... און דאָס איז מײַן יום־טוב און מײַן אינדערװאָכן...

מיט אַ ירגזון האָט זי געשלעפּט די אויסגעצירטע טאָכטער, װי זי װאָלט װעלן אַראָפּרײַסן פֿון איר די שײנע מלבושים. זי האָט געװאָרפֿן די מויד פֿון אײן אָרט אויפֿן אַנדערן, גלײַך זי װאָלט נישט געװען קײן לעבעדיק נפֿש, נאָר עפּעס אַ חפֿץ. די מויד האָט זיך געפֿילט שלעכט, סײַ מיט איר גרויסקײט און אַנזעװודיקײט און סײַ מיט איר אויסגעפּוצטן הלוך, װי צו דער אײגענער חתונה, װאָס האָט זיך אַהער אינגאַנצן נישט געפּאַסט, און זי האָט זי זיך אײַנגעקורטשעט, מען זאָל זי װאָס װײניקער אַרויסזען. צום סוף האָט זי אַראָפּגעװאָרפֿן די בושה, פֿאַרגעסן אין אירע שײנע מלבושים און גענומען צוגלײַך שרײַען מיט דער מאַמען אירער...

ר' שמואל האָט זיך צוגעקוקט, װי מען צעזעצט זיך בײַ איב אין די שטובן, די מענטשן הױבן זיך אָן דאָ צו פֿילן װי בײַ זיך אינדערהײם. טאַטע־מאַמע באַדינען זיך מיט זײערע קינדער, שיקן זײ אַראָפּ געגנ, שרײַען עפּעס אַלעמאָל צו זײ אַריבער. עפּעס אַ געפּאַקטער ברײטער ייד, װאָס ר' שמואל האָט אַפֿילו נישט געדענקט איצט, װי נאָך ער הײסט, האָט אויסגעטון געמיטלעך דעם אויבערמלבוש, די קאַלאָשן, מיט די אַרײַנגעשטעקטע צײַטונגען, צוליב גרויסקײט. דאָס שטעקעלע מיטן מאָנאָגראַם און זילבערנעם הענטל האָט ער אָנגעלענט אָן דער טיר און ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. פֿאַרן זעצן זיך האָט ער צענומען די עקן פֿון זײַן קאַפּאָטע, זײ זאָלן זיך נישט צעקנײטשן. ער האָט זיך געגלעט

נאָכאַנאַנד דאָס זילבערנע בערדל, וואָס איז געווען פֿאַרשווירן אין אַ לאָפּאַטקעלע, אַרויסגענומען געלאַסן פֿון דער קעשענע אַ פּעקל וואַטע, געצופּט דערפֿון ברעקלעך און זיי פֿאַוואָליע אַריינגעשטופּט אין די אויערן. מיט די פֿינגער האָט ער אַ פּאָר מאָל אַ פּויק געטון איבערן טיש, אַ בלאָז געטון מיט די ליפּן און זיך בנעימות אומגעקוקט איבער דער שטוב מיט אַ שבינישן בליק. די אַלע מענטשן אַרום זיך האָט ער גישט געזען, געקוקט אַריבער זיי און זיך אָנגערופֿן צו שמואלן מיט אַ פֿעסטקייט און אַ געזעצטקייט, ווי דאָס גאַנצע געשטעל זיינס:

— אַ גאַנץ פֿיין דירהלע!... האַ, וואָס זאָגט עטץ?... כ'על מיך דאָ אַריינציִען מיט מיין ווייב און קינדערלעך, זיי זאָלן מיר געזונט און שטאַרק זיין!... האַ, וואָס זאָגט עטץ צו דעם?... עטץ זאָגט עפּעס?...

ר' שמואל האָט גאָרנישט געזאָגט. די טירן פֿון זיין דירה זענען געשטאַנען שוין אינגאַנצן הפֿקר, מיט פֿונאַנדערגענומענע אָרעמס צעפֿראַלט. דאָס ווייב האָט זיך אַלץ געפּאָרעט אַרום די מענטשן, געפּרווט צוריקברענגען די שטוב צו אַ שטיקל ליים. איר'ע הענט האָבן אַרומגעפּלאָטערט מיט אומרואיקייט און פֿאַרזאָרגטקייט, ווי מידע פֿייגל. אָבער באַלד איז אַלץ צוריק געלעגן צעזייט, ווי אַ בייזער ווינט וואָלט דאָ אַריבער. דער געפּאַקטער ייד האָט אים אַלץ נישט אָפּגעלאָזט, כסדר אַריינגערעדט אין אים:

— וויפֿיל האָט עטץ געגעבן אָפּטרעט־געלט פֿאַר דעם דירהלע?... — האָט ער זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן געלאַסן איבער די שטובן, אויסגעטון דעם קאַפּעליוש און אַרויסגענומען אַ קאַפּל פֿון בוזים־קעשענע — ס'האָט געמוזט ענק קאָסטן אַ שיינע מטבע!... און עטץ האָט עס געמוזט קויפֿן אין אמתן פֿייער, ווען דירות זענען געשטאַנען מיט גאָלד צוגלייך!... האַ, וואָס זאָגט עטץ?... עטץ זאָגט עפּעס?...

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער טיר, מיט איין פֿינגער אַ קלאַפּ געטון אין מזוזה, כדי אויסצופּרווון, צי זי איז געגוג מאַסיוו. דערנאָך האָט ער באַקוקט די ווענט, דעם סופֿיט און מיט די פֿיס אַ געזונטן טריט געטון אויף דער פּאָדלאָגע, זיך איבערגעצייגט, אַז זי איז נאָך גענוג שטאַרק.

ער האָט זיך צוריקגעקערט אויף זיין אָרט, זיך גוט אָוועקגעזעצט אויפן בענקל, געלאָסן זיך אויסגעגלייבט. באַלד האָט ער זיך אַריבערגעבויגן צו ר׳ שמואלן, אונטערגעשטעלט אַן אויער, ווי אַ טרייבל:

— האַ?... וואָס זאָגט עטץ?... עטץ זאָגט עפּעס?... די פּוטרינעס פון די פענסטער זענען גאַרנישט קיין שטאַרקע!... און ווען קומט אויס צו צאָלן דאָס דירה־געלט?... כ׳על מיך דאָ אַריינציען מיט מיין ווייב און קינדערלעך, זיי זאָלן מיר נאָר געזונט און שטאַרק זיין!... וואָס זאָגט עטץ צו דעם?... ביי מיר וועט עטץ מיר אָפּצאָלן דאָס געלט ביז צו אַ גראָשן!... באַרעם געלט וועט עטץ מיר אויסצאָלן!... כ׳קען עפּעס פון קאַפּיטאַל אַראָפּלאָזן... כ׳קען מיך מיט ענק רעגולירן... אָבער ס׳איז נישט הפקר אַ וועלט!... עטץ הערט, וואָס מ׳רעדט צו ענק!...

ר׳ שמואל האָט נישט געהערט. די אלמנה פון דעם הויף האָט זיך שוין געבעטן ביי אים מיט זייער אַ שטיל קול, וואָס מען האָט קוים־קוים פאַרשטאַנען, ער זאָל איר אָפּגעבן דעם נדן פון דער טאָכטער. צו דער טאָכטער האָט זי געשריגן:

— בעט אויך ביי ר׳ שמואלן!... אפשר וועסטו זיין האַרץ רירן!... אפשר וועסטו ביי אים עפּעס פועלן!... וואַרף זיך אַנידער צו זיינע פיס און בעט!...

אַ גאַנצע משפּחה — אַ מאַן און אַ ווייב מיט קינדערלעך — האָבן זיך איצט אַריינגעריסן מיט געוואַלט צו אים, מיט אַזאַ פאַרהאַוועטקייט און פאַרסאָפּעטקייט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. דאָס ווייב האָט געמאַכט קולות, אַז שוין פון היינט אָן וועט זי דאָ נעכטיקן מיט אירע קינדערלעך. זי האָט געהערט, אַז ר׳ וואָלף יאַבלאָנקע, דער אָנגעשטאָפּטער, אָנגעפּאַקטער גביר, וויל זיך דאָ אַריינציען, איז זי בילבער. אָנגעלאָדנט איז זי געוועזן מיט קיך־מכשירים, מיט פאַרסאַזשעטע טעפּ און לעפל, און געשריגן, אַז שוין שטעלט זי זיך אַוועק אָפּקאָכן אַביסל וויעטשערע. באַלד וועט זי לייגן די קינדערלעך שלאָפן. זי האָט זיי טאַקע אויף גיך אויסגעטון. די קינדערלעך, אין די בלויזע העמדלעך, האָבן מורא באַקומען פאַר די אַלע מענטשן דאָ, פאַר די

געשרייען און פאַר די אַלע שאָטנס, וואָס זענען אויף דער וואַנט געשפרונגען משונהדיק־ווילד און שנעל:

— אַהיים, מאַמע־ע!... האָבן זיי געוויינט, פול מיט פחד.

אָבער די מאַמע האָט זיך אויף זיי אָנגעבייזערט:

— ניטע!... מען טאָר נישט וויינען!... דאָ איז ענקער היים!... די מאַמעליו דאַרף מען האָרכן!...

זיי האָבן זיך גערימן צו איר אויף די הענט, האָט זי זיי מיט כעס אָוועקגעזעצט אויפן טיש איינס נאָכם אַנדערע, אַז זיי האָבן זיך נאָך העכער צעוויינט, צוליב גרוים ווייטיק. זי האָט מיטגע־וויינט מיט זיי, געטוליעט זיי צו זיך:

— די מאַמעליו האָט ווי געטון... — האָט זי זיך געבעטן — נו, וווּ האָט די מאַמעליו ווי געטון?... זאָל מיר זיין פאַר אייער מינדסט נעגעלע... נו, שלאָפט'ץ, שלאָפט'ץ... איי־ליו־ליו... איי־ליו־ליו...

זי האָט זיך פּלוצים צעזונגען טרויעריק און לאַנג, אַריינגע־וואָרפן די קינדער אין די הויך־פאַרדעקטע בעטן. ווען זי האָט באַמערקט, אַז אין בעטל, וווּ ס'זענען געלעגן ר' שמואלס קינדער, איינגעקורטשעטע אין שרעק, איז דאָ נאָך אַ פריי שטיקל אָרט, האָט זי אירס אַ ייִנגעלע דאָרט אַריינגעשטופּט. די קינדער האָבן זיך אין אָנהויב מיט מורא אַוועקגערוקט פון פרעמדן ייִנגעלע, אים הינטנאָרום, קיינער זאָל נישט זען, אָנגעהויבן צו קנייפּן. זיי האָבן אָבער באַלד פאַרגעסן פון דער שנאה, זיך צונויפגערוקט אַלע און זיך צוזאַמען געשפּילט מיט די שאָטנס אויף דער וואַנט, וואָס האָבן זיך ווילד געשלאָגן...

ר' שמואלן האָט אַרומגענומען אַזאַ גלייכגילטיקייט צו דעם אַלעמען, וואָס האָט זיך געטון אַרום אים, ווי די שטובן וואָלטן נישט געווען זיינע. ס'האָט אים אפילו איצט באַנג געטון, וואָס ער האָט אַוועקגעשיקט די טעכטער, די דערוואַקסענע כלה־מיידלעך פון שטוב. זיינע שוואַרצע אויגן זענען געווען מאַט און אויסגע־לאָשן. די יחסניש־ברייטע, געפּוצטע באָרד — פאַרשפּיצט און לאַנג, ווי אַ קלין. שטענדיק אַ בעל־בטחון, וואָס האָט זיך ברייט גע־שטעלט און געפירט שטאָט איבער די כוחות, האָט ער זיך איצט געפילט איינגאַנצן פאַרלוירן. ער האָט זיך אויף זיך אַליין געתי־

דושט, געוווסט, אַז ער דאַרף זיך אויפהויבן פון אָרט, ליאַרמען און שרייען, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט. ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי פרעמדע אויגן עסן זיך איין מיט זשעדנעקייט אין די שטובחפצים זיינע און פרעמדע הענט באַטאַפּן זיי, שאַצן אָפּ זייער ווערט, ווי נאָך אַ גוטן מקח. אַ פּאָר ברייטע, מענערישע הענט האָבן זיך פּלוצים אויסגעצויגן צום שטיי־זייגער און אַ מענערישער קאָפּ, מיט אַ גרויסער, געשוואָלענער באָרד, האָט זיך מיט זיכערקייט אַראָפּגעבויגן צו אים, אונטערגעשטעלט אַן אויער און זיך איינגעהערט, צי ער גייט. דערנאָך האָבן די זעלבע הענט אויפגעמאַכט מיט פּאָרזיכטיקייט, ווי ביי אַן אייגענער טייערער זאַך, וואָס איז אַ שאָד זי צו צעברעכן, די גלעזערנע דעק און זיך צוגעקוקט צום געווערק. די באָרד האָט זיך דערביי נחתדיק צעצויגן אין דער ברייט. די הענט האָבן גענומען מייסטרעווען ביים זייגער, אַרויסציען פון אים די גרויסע מעשענע וואָגן און דעם גאַנצן מעשענעם איינגעווייד, וואָס האָט זיך הויך צעקלונגען. דער זייגער האָט אַ כאָרכל־געטון, ווי אַ דערוואָרגענער, אָנגעהויבן שנעלשנעל און הויל צו אָטעמען, גלייך ער וואָלט אויסגעשפּיגן מיטאַמאָל די לונגען. אָן דעם ציפערבלאַט איז ער שטיין געבליבן, ווי אַ בעל־מום מיט אַן אויסגעהאַקט בלינד אויג...

ר׳ שמואלס אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיטן ליידיקן, בלינדן בליק פונם זייגער. ער האָט געזען, ווי די פּאָר הענט, וואָס האָבן ביי אים אַרויסגעצויגן דאָס מעשענע געווערק, טראָגן עס איצט אַרויס פון שטוב. באַלד האָבן זיך אָבער די זעלבע הענט צוריק אומגעקערט, זיך אויסגעצויגן צום ליידיקן קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען פאַרשעמט אין ווינקל שטוב. דער קאַסטן האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון אָרט, זיך שווער צעוויגט און איבערגעלאָזט אויף דער וואַנט אַ גרויסן פיר־עקיקן פלעק און איבערגעהאַקטע, סאַמעטענע שטיקלעך שפּינוועבס, ווי צעריסענע פייגלשע פליגעלעך...

פּאַוואָליע האָט זיך ר׳ שמואל אַ הויב־געטון פון זיין אָרט, פּאַוואָליע צוגעגאַנגען צו דעם באַלעבאָס פון די הענט און פונקט אַזוי פּאַוואָליע אויפגעריסן דאָס העמד אויפן האַרץ און אויסגעשטרעקט דעם האַלז צו אים:

— נעמט׳ס אַ מעסער און שערט׳ס!... — האָט ער געזאָגט מיט אַ רואיק קול — וואָס דאַרפט׳ר אַזוי לאַנג באַלאַמו־טשען?... ר׳ווילט מיך באַגראָבן, גראָבט׳ס דאָ אויס אַ גרוב און לייגט׳ס מיך אַריין!... דערווייל בין איך נאָך נישט געשטאָרבן! כ׳האָב נאָך דערווייל קיינעם נישט אָנגעזעצט!... דערווייל הייס איך נאָך שמואל שעמיאָן!...

ער איז געווען אינגאַנצן רואיק. אָבער דווקא פאַר דער רו־איקייט זיינער האָט מען זיך דערשראָקן. מען האָט די גאַנצע צייט געוואַרט אויף זיינס אַ טרייסט־וואָרט, אָבער אַז עס איז נישט גע־קומען, האָט מען זיך שוין לחלוטין נישט אומגעקוקט אויף אים, זיך צוגעוווינט צו זיין שטילקייט. אַז ער האָט זיך פּלוצים צע־רעדט, האָט מען זיך דערשראָקן פאַר זיין קול, ווי אַ בר־מינן וואָלט באַקומען לשון. ס׳איז דאָ אַזוי שטיל געוואָרן, אַז מען האָט דערהערט פּלוצים, ווי דער רעגן קלינגט אין די רינעס און דעכער. בלויז דאָס ווייב האָט איבערגעריסן די שטילקייט. זי איז צוגע־לאָפן צום מאַן, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, מיט קרומע אַקסלען, אַראָפּגעלאָזטע צו דער ערד. מיט ביידע הענט האָט זי אים אָנגעכאַפּט, ווי זי וואָלט אים וועלן פאַרשטעלן פאַר די פרעמ־דע בליקן, פאַר די פרעמדע מענטשן, געגלעט אים איבער דער ציטערדיקער פּלייצע, איבער די צעקרומטע אַקסלען, איבער די שווערע אָרעמס. זי האָט זיך צעשריגן אין דער רעגנדיקער נאַכט אַריין, מיט אַ לאַנג, שפּיציק, אויסגעצויגן קול, ווי זי וואָלט באַ־וויינט אַ טויטן:

— וואָס האָט עטץ געמאַכט פון אים!... — האָט זי געקלאָגט און אים כסדר געגלעט, ווי זי וואָלט אויסגעפּרווט, צי ער האָט נאָך דאָס חיות אין זיך — וואָס האָט עטץ געוואָלט פון אים האָבן?!... קוקט׳ס נאָר אָן, ווי ער זעט אויס!... ער איז דאָך שוין אויס מענטש!... אַז פינסטער און ווי איז מיין לעבן!...

כדי אויפצווייזן, אַז ער איז שוין טאַקע אויס מענטש, האָט זי מיט אים אַ טרייסל־געטון, אַז ער איז שיער נישט אומגעפאַלן. ער האָט געלאָזט טון מיט זיך, וואָס נאָר איר האַרץ האָט באַגערט. ביסלעכווייז האָט מען זיך אָנגעהויבן בגנבה און איינציקווייז

אַרויסשאַרן פֿון דער שטוב. מען האָט זיך אויסגעמיטן צו קוקן אין די אויגן אַריין, זיך געשעמט אײנער פֿאַרן אַנדערן...

אין די שטובן איז געבליבן אַ נעץ און ס'האָט זיך געפֿילט מיט פֿרעמדע, הארבע ריחות. דער זייגער, אָן דעם געווערק, איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, מיט אַן אויפֿגעריסענער דעק, ווי אַ שוואַרצער ליידיקער ארון... ר' שמואל איז אַ גאַנצע נאַכט אויבן־אָן אויף זיין שטענדיק אָרט,ביים טיש געזעסן, און דאָס ליכט האָט געברענט צו רעשיק און צו יום־טובדיק ביזן העלן טאָג אַריין...

שיפס-ברידער

I

די שיף האָט זיך שוין געגרייט צום אָפּפאָר. געברומט, געוואָרפן פון זיך קנוילן רויך, שווער געאָטעמט, ווי זי וואָלט קיין כוחות נישט געהאַט זיך צו לאָזן אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין. אָנגעלאָדן מיט פּעק, מיט וואַליזעס, האָט אַ געדיכטער עולם זיך געשטופּט איבער דעם שמאָלן בריקל, וואָס האָט געפירט אויפן דעק אַרויף. כאָטש מען האָט שוין פון פאָרויס געהאַט באַשטימט די קאַבינעס און די געלעגערס, האָט מען זיך פונדעסטוועגן געאײַלט, געשטופּט, זיך געריסן איינער פאַרן אַנדערן, ווי צו פאַרכאַפּן אַ בעסער אָרט.

די יידן האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער — אָפּגערוקט פון אַלע. מיט גרויס פאַרזיכטיקייט, ווי זיי וואָלטן טרעטן אויף גלאָז, האָבן זיי זיך, אַלע אין איין קופּע, געשאַרט איבער די אויסגעריבענע ברעטער פון דער שיף, איבער די שמאָלע און גליטשיקע שטיגעלעך, וואָס האָבן געפירט אין די קאַבינעס אַריין. כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי פאָרן אין אַ לאַנד אַריין, וווּ מען טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט, האָבן זיי זיך בסדר פאַר עפּעס געשראָקן, געפילט, אַז מיטן אַרויפגיין אויף דער שיף אין לאָנדאָן, רייסן זיי איינגאַנצן איבער מיט דער היים, וואָס זיי וועלן אַזוי גיך שוין נישט זען מער צוריק. די יידן, וואָס האָבן זיך צעוועריטלט באַלד אין וואַרשע, ביים אַרויפשטייגן אויפן צוג, האָבן מיטאַמאָל, צווישן די ברייט-צעוויגטע, זילבערן-גרינע כוואַליעס און דעם האַרבן ריח פון זאַלץ און ווינט, אָנגעהויבן צו זיך צו רעדן, דערשפּירט אַ גרויסע נאָענטקייט צו זיך,

ווי ווייטע פאַרגעסענע קרובים, וואָס באַגעגענען זיך פּלוצים אין אַ פרעמדן, פאַרוואָרפענעם מקום...

ס'האָט זיך אפילו דאָ צוריק איבערגעבעטן דאָס שמאָלע און טרוקן־דאַרע פריילין, דאָרקע „דאָס פּעפּערנעזל" מיטן בייזן און אָנגעצויגענעם יוסף זיידעל, וואָס האָט פון תמיד־אָן נישט געקענט פאַרליידן קיין עוולות און געמוזט באַלד געבן יענעם אין טאַטנס טאַטן אַריין. דאָס איז שוין טאַקע געווען גאָטס חידושים, ווייל באַלד אין וואַרשע, האָט עס אין יוספן געקאָכט קעגן אָט דער „פאָנפּענאַדע", וואָס האָט געבלאָזן פון זיך, ווי עפּעס רעכטס, גערעדט בלויז „פּאָ פּאָלאַשו" און מיט קיינעם קיין מגע־ומשא נישט געוואָלט האָבן. יוסף איז געווען אין דער היים אַ שיינער באַלעבאָס, אַ שותף צו עטלעכע אויטאָבוסן, וואָס זענען געגאַנגען פון לובלין קיין וואַרשע, געהאַט דריי שטובן — גאַנצע „סאַלעס" — אויסמעבלירט פון שענסטן און בעסטן. דאָס אַלץ האָט ער פאַרקויפט בחצי־חינם, ווען מ'איז אין אַ שיינעם טאָג איבערגעפאַלן זיינס אַן אויטאָבוס און געשלאָגן אים מיט די יידישע פּאַסאַזשירן מכות־רצח. יוסף איז געווען אַן עקשן, וואָס האָט פון אייביק־אָן געשטעלט בלויז אויף זיך און געהאַלטן די אַלע אָנפאַלן אויף יידן פאַר בבא־מעשיות, וואָס בייזע צינגער האָבן אויסגעטראַכט — ביז ער האָט דערפילט די קלעפּ אויף זיין אייגענער הויט. ער האָט זיך אפילו אַקעגנגעשטעלט, געשלאָגן צוריק, אָבער וואָס האָט ער געקענט אויפטון קעגן די אַלע גוים... זינט דער מעשה מיטן אָנפאַל האָט ער אָנגעהויבן שרייען, אַז אַלע יידן מוזן אַוועק פון דער היים. האָט עס טאַקע געקאָכט אין אים, ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויפן „פּעפּערנעזל", וואָס האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פאַריסן, ווי זי וואָלט פאַרדרוס געהאַט, וואָס נאָך יידן קלויבן זיך מיט איר צוזאַמען אין וועג אַריין. ער האָט איר באַלד אויפן אָרט אַריינגעזאָגט, אַז דער גאַנצער צוג איז געווען מיט אים אויף:

— וואָס האַלטן זי זיך אַזוי גרויס, פריילין?... — האָט ער איר אַריינגעזאָגט — בכן זי רעדן „פּאָ פּאָלאַשו"?... גלויבן זי מיר, מיין ווייב איז מער „טעליגענטנע" אין מינדסטן נעגעלע,

ווי זי אינגאַנצן!... מיין ווייב האָט געשפּילט פּיאַנע אינדערהיים און בלאָזט גאָרנישט פון זיך!...

אויף דער שיף האָט יוסף אין אַלץ פאַרגעסן, און ווען ער האָט דערזען דאָרקען האָט ביי אים אָנגעהויבן פלאַמען דאָס בייזע און געזונטע פּנים, ווי ביי אַ קליין יינגל, און פון גרויס גוטסקייט און ברייטהאַרציקייט, האָט ער נישט געוווסט וואָס צו טון און זיך אָנגעהויבן פון דער העלער הויט אַליין צו לויבן:

— וואָס זאָל'ך טון, אַז כ'האָב ליב דעם אמת?... — איז זיין גליבער און שטייפער קאַרק אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ בושה־דיקער רויטקייט — אַ טייערער מענטש ביז'ד... אַ שטיק בריליאַנט... אַ מענטש אָן אַ גאַל... נאָר כ'האָב פיינט עוולות!...

די יידן האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויספּאַקן זייערע זאַכן. זיי האָבן זיך געשמאָלצן פון פּלוצימדיקער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט איינער צום אַנדערן. די ווייבער האָבן געטראָגן צו זיך צוביסלעך איינגעמאַכטס אויף אַ לעפעלע צו פאַרזוכן און די מענער האָבן פון די באַהעלטעניש אין די וואַליזעס אַרויסגעשלעפּט צו קאַפּעלעך „שפּאַרטעס” און זיך מכבד געווען פון קליינע קעלישיקלעך. אַלץ איז אָבער נאָך געזעסן אונטן, אין די פינסטערע קאַבינעס, און זיך מורא געהאַט אַרויסצורירן אויף דער ליכטיקער שיין. נאָר ער איינער אַליין, ר' לייזער באָרנשטיין, אַ נידעריקער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אייביק־פאַרחידושטע ברילן אויף דער שפּיץ נאָז, האָט זיך כסדר אַרויסגעשאַרט אויפן דעק און געקומען אונטן אַראָפּ איז ער בלויז, כדי צו דערציילן אַלעמאָל נייע חידושים, וואָס ער האָט אַליין מיט די אייגענע אויגן געזען. ר' לייזער איז מיט זיין ווייב און קינדערלעך אַנטלאָפן פון אַ פּאָגראָם. ער האָט אַליין פון זיך געהאַלטן אַ וועלט און אַלעמאָל ליב געהאַט אויף זיך צו זאָגן, אַז ער איז אַ „לודזקע מענטשל”. ביי יעדע פּאָר ווערטער האָט ער איבערגעחזרט דעם פּסוק „וואָס צו גאָט, איז צו גאָט, און וואָס צו לייט, איז צו לייט”. אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג איז ער געווען פאַריאָגט. ער האָט געמוזט צולייגן נאַסע טיכלעך צום קאָפּ דעם ווייב, וואָס איז געווען חרוב, זינט זי איז אויף דער שיף אַרויף, געמוזט זיך פאַרנעמען מיט די קינדער, וואָס זענען אים אומעטום

נאָכגעלאָפן און זיך אָנגעהאַלטן אין זיינע פּאָלעס. חוץ דעם, וואָס דאָס ווייב האָט געהאַט צו טון מיט זיך, האָט זי נאָך געהאַט אויף איר קאָפּ די גאַנצע שטאָט מענטשן, וואָס זי האָט פאַרלאָזט, און אַלעמאָל באַוויינט זייער גורל און איר אייגענעם חורבן. לייזער האָט דעמאָלט געהאַט אַ שפּאָגל־נייע אַרבעט: ער האָט געמוזט צוזאַמענרופן זיינע קדישים און אָנהויבן אַרומקאָמאַנדעווען מיט זיי. ער האָט זיי געהייסן לויפן אויף די טרעפּ, כדי צו זען, ווער ס'וועט פריער אָנקומען, געהייסן זיי גיין אַ „וואַלקע", אַזוי, אַז דאָס ווייב האָט אָנגעהויבן באַלד צו שמייכלען און געהאַט מכלומרשט צו אים טענות, וואָס ער לערנט אויס די קינדער גוייאישע גענג... ביי דעם אַלעם האָט לייזער פונדעסטוועגן נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט דאָס צעשיטע משניות און אַלעמאָל געכאַפּט אַ בליק אַריין אינעווייניק.

כאָטש ס'האָבן זיך געפונען אַ סך, וואָס האָבן ר' לייזערן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, איז מען פונדעסטוועגן געקומען צו אים צו לויפן, ווען ס'איז נאָר עפּעס גלאַטיק נישט אָוועק. פון קיינעם האָט ער אָבער נישט געהאַט אַזויפיל צו זינגען און צו זאָגן, ווי פון יוסף זיידעל. זינט יוסף איז אויף דער שיף אַרויף, איז ער נישט געווען מער דערזעלבער מענטש. אַליין קיין עין־הרע אַ ייד, אַ געזונטער, וואָס האָט ליב געהאַט צוליב יושר באַלד אַ צעלאָז־טון די ידים; אַ ייד, וואָס איז פון אייביק־אָן צוגעווינט געווען עפּעס־וואָס צו טון, האָט ער זיך אויף דער שיף מיטאַמאָל דערפילט שוואַך און צעבראָכן און זיך אינערגעץ קיין אָרט נישט געקענט געפינען. פונקט ווי ער האָט פריער געברענט אָוועקצופאָרן, אַזוי האָט אים איצט פלוצים באַנג געטון דאָס גאַנצע עסק. ער האָט נישט געדאַרפט פון זיך אַ תל מאַכן און אַנטלויפן, ווער ווייסט וווּ!... אינדערהיים, ווי ס'איז ביטער געווען, איז ער געווען אַ שיינער באַלעבאָס. קינד און קייט האָט געקענט יוספן דעם שוואַרצן משהס פון די אויטאָבוסן. אַיי, ס'איז נישט גוט געווען, איז ווידער די אייגענע מעשה: וואָס וואָלט געווען מיט אַלע יידן, וואָלט געווען מיט אים! וואָס פאַרא אָנזען מישטיינס־געזאָגט האָט ער דאָ? ווער דאַרף אים און ווער קוקט זיך אויף אים אום? ער איז דאָ געגליכן צו אַ וואָרעם, וואָס קריכט אַרום

אויף דער ערד. נאָדיר פּלוצים אינמיטן דערינען אָן אויסטראַליע אויף זיין קאָפּ! ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן אויסגעלעבט און נישט געוווּסט פון אַזאַ מדינה... יידן, ס'איז נישט גוט. אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועלן אים זיינע אייגענע קינדער, זיין בלוט און פלייש נישט דערקענען!...

מיט אַזעלכע טענות האָט זיך אַרומגעדרייט יוסף, און אַז ער האָט נישט געהאַט צו וועמען אויסצוגיסן זיין ביטער האַרץ, האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף ר' לייזערן:

— קאַלטע לונג־און־לעבער!... — האָט ער אויף אים גע־שריגן — שוין, אבי מען שטופּט זיך אָן די קישקע, איז גוט?... אַ מענטש איז נישט קיין חיה!... אָבער אייך איז גוט, ר' לייזער... ר'זענט אַרויסגעפאָרן אין אַ פּענסיאָנאַט און ר'פּאַשעט זיך דעם בויך!...

ווי ר' לייזער האָט נישט געדרייט דעם פּשט, האָט נישט געטויגט. אַלעמאָל האָט אין יוסף'ן געקאָכט צוליב עפּעס אַנ־דערש. דאָ האָט אויף אים אַ גוי קרום אַ קוק געטאָן, האָט ער אים געוואָלט אַריינזאָגן אין טאַטנס טאַטן אַריין, אָבער גיי טו עפּעס אויף מיט אַ שטומער צונג? דאָ האָט ער זיך נישט געקענט שענקען, וואָס ער מוז רעדן מיטן צלם־קאָפּ, דעם בייטל־מאַכער, סענדער קאַפּלאַן, וואָס האָט זיך געשלעפּט קיין אויסטראַליע מיט אַ שטרויען קיישל, ווי ער וואָלט געפאָרן אין אַ שכנותדיק שטעטל... יוסף גלויבט אים אינגאַנצן נישט. אָט דער לאַנגער און צעטראָגענער ליטוואַק נאַרט אים אַריין אין אַ זאַק און נעמט פאַר אים אָפּ דאָס געלט. ווייל וואָס האַלט ער עפּעס אין איין לויפן? וואָסי, ס'טרייבט אים אפשר דאָ דער עול־פּרנסה? ביים מיטאָג, איידער ער עסט נאָך אָפּ, איז ער שוין נישטאָ. און אַז מען לייגט זיך טיילמאָל מיט אים אויסוואַרעמען אויף דער זון, און מ'וויל בנעימותדיק אַ שמועס טון, איז באַלד נישטאָ צו וועמען צו רעדן... די זאַך איז עפּעס נישט אינגאַנצן גלאַטיק! ווייל ווי־שייך ווייסט דען נישט סענדער, אַז ער וועט דאָ גאָר־נישט אויסלויפן? ווי ער זאָל נישט יאָגן, וועט ער פריער פון דער שיף נישט אָנגעקומען! סענדערס אַרומלויפן האָט אים אַמאָל אַזוי

אַרויסגעבערענגט פון די כלים, אַז ער האָט אים שיער נישט צום טויט איבערגעשראָקן:

— געבראָטענער ליטוואַק, שטיי!... — האָט ער אויף אים אַ געשריי געטון, אַז יענער האָט נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך — שכנא, ווו לויפסטו?!...

מיט סענדערן איז אָבער יוסף שוין אַדורכגעקומען. ס'האָט אים אפילו אַ קלעם געטון ביים האַרץ, ווען ער האָט זיך פאַר אים אין אַ שיינעם טאָג פאַרטרויט מיט זיין גיך קול, מיט זיינע גיכע און לאַנגע הענט, ווי ס'וואָלט אים ווער געיאָגט:

— ס'איז ניט גוט... כ'פאָר אין אַ פרעמד לאַנד אַריין, און כ'ווייס גאָרניט צי מיין פאַך טויג דאָרט יע, צי ניט!... כ'ווייס אפילו ניט, ווו כ'וועל די ערשטע נאַכט דעם קאָפּ אָנספּאַרן... ווו כ'וועל נעמען עפּעס צו פּיקן פאַר מיינע קליינע סוועלבעלאַך...

די ווערטער האָבן יוספן אינגאַנצן אַדורכגענומען. ער האָט שוין צו סענדערן מער גאָרנישט געהאַט. פאַרדראָסן האָט אים בלויז קעגן די דייטשע יידן, וואָס זענען אויך קיין אויסטראַליע געפאָרן, און פאַרבייגעגאַנגען פאַר אים שטאָלץ, ווי זיי וואָלטן אים גאָרנישט געזען.

דאָס ערשטע מאָל, ווען די דייטשע יידן זענען פאַר אים אַזוי שטאָלץ און ווירעדיק־גלייך פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער געמיינט, אַז זיי נעמען אים אָן פאַר אַ גוי... ווייל ווי קען עס גאָר אַנדערש געמאָלט זיין? זענען זיי אויף אַן אמת נישט טשיקאַווע צו וויסן, וואָס עס הערט זיך ביי אים? ער פאָרט'ך פונקט פון אַזאַ גיהנום, ווי זיי!... לאָזט זיך אָבער אויס, אַז אָט די־דאָזיקע יידן, האָבן אים מיט אַ כיוון אויסגעמיטן. ער איז דאָס געוויער געוואָרן, ווען ער האָט זיך דער ערשטער צו זיי דערנענטערט, געוואָלט זיי אָפּגעבן „שלום” און אויספרעגן מכּוח דעם און יענעם. דעם אמתן פּסק האָט ער פון זיי באַקומען. זיי האָבן אים אפילו נישט געענטפערט, געלאָזט אים שטיין, ווי אָפּגעשמיסן. אין יוספן האָט געברענט דער כעס, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט אויפטון.

דער כעס האָט זיך אין אים נאָך מער צעברענט, ווען ער האָט אין אַ שיינעם טאָג באַמערקט, אַז פון די דייטשע יידן, האָט

עפּעס אַ הויכער יונגערמאַן, מיט בלאָנדע קורץ־פאַרשוירענע וואָנסעלעך און אַ גלאַטיק־אָפּגעצויגענעם קאָפּ־האָר, אָנגעהויבן נאָכצולויפן דאָס יונגע שוואַרצע מיידל, רבקהלע לעווין, וואָס איז מיט יוספן געפאָרן פון וואַרשע אויס. ווי דאָס מיידל האָט זיך נישט געקערט, איז באַלד דער בחור לעבן איר אויסגעוואָקסן. פון אָנהויב האָט רבקהלע דאָס נישט געליטן, זיך געווערט קעגן דעם בחור. דערזען אים פון דערווייטנס, האָבן זיך ביי איר די באַקן צעפלאַמט, די שוואַרצע אויגן זענען גרעסער געוואָרן, גע־זוכט אַן אָרט, ווו צו אַנטלויפן. אָבער ביסלעכווייז האָט דאָס מיידל אויפגעהערט צו לויפן. פאַרקערט, זי האָט אַליין אָנגע־הויבן צו זוכן דעם בחור, און ווען ער איז דער ערשטער צו איר נישט צוגעקומען, האָט זי כלערליי תירוצים פון אונטער דער ערד אויסגעזוכט, אַבי זיך צו אים צו דערנעענטערן. די אויגן, וואָס האָבן ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, געזוכט אַן אָרט, ווו אַנטרינען צו ווערן, האָבן געפלאַלט מיט וואַרעמקייט אויפן בחור, געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס. און אויף צו רעדן, צו קלאַפּן מיט דער צונג, איז דער בחור געווען איין אויפטוער אין דער וועלט. אַ הויכער, מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלעמען, אַ ברייט־פּלייציקער, די אַרבל פון זיינע קאָלירטע זיידענע העמדער שטענ־דיק פאַרקאַשערט, דער קאָלנער אָפּן־צעבראַסטעט, האָט ער זיך געבויגן אין דרייען פאַר רבקהלען מיט עכט־דייטשער עלעגאַנץ, גרייט צו הערן איר יעדן באַפעל. פון אייביק־אָן דערצויגן צו באַ־דינען מיט העפלעכקייט דעם שיינעם מין, איז ער אומעטום נאָכ־געקראָכן דעם מיידל, איר נאָכגעטראָגן די אַלטע פאַרצערעוועטע הענטשקעס, וואָס זי האָט זיך געשעמט אים צו געבן אין האַנט אריין, געהאַלטן איר דעם ביטל און אַריינגערעדט אין איר אַזעלכע צוקערדיק־זיסע רייד, וואָס זי האָט ביז איצט פון קיינעם נישט גע־הערט און גאָרנישט פאַרשטאַנען דעם מיין זייערן. פון גרויס צעטראָגנקייט, און פון דער פּלוצימדיקער וואַרעמקייט און גוטסקייט, וואָס האָט געווייעט אויף איר, האָבן זיך איר כסדר געשטעלט רויטע, בושהדיקע פלעקן אויפן פּנים, ווי קנייפּן, די אויגן האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, און זי האָט נישט גע־ווּסט ווו אַהינצוטון איר אויסגעשטאַנען־צייטיק, פון דער זון

אויסגעברוינט לייב. זי האָט גאָרנישט געטאָרט זיך פאַרטראַכטן אויף א רגע, נישט געטאָרט מיט זאָרג א פאַרקנייטש טון דאָס פּנים, ווייל באַלד איז דער יונגערמאַן לעבן איר אויסגעוואַקסן, זיך פאַרבויגן פאַר איר מיט גרויס פראַנטישקייט און א מאָל־אָפּ געטון זיין אייביקן פּזמון:

— וואָס ווינטשט דאָס גנעדיגע פרייליין?... וואָס ווינטשן די שיינע שווארצע אויגן?...

דער בחור האָט זיך נישט קיין סך אָפּגעגעבן מיט די איבעריקע דייטשע יידן, וואָס האָבן אָפּגעזונדערט אויפן דעק אָרומשפּאַצירט און זיך בלויז צווישן זיך געסודעט, אַז מען האָט גאָרנישט געקענט פון זיי אַרויסקריגן. עס איז קוים מיט צרות יוסף זיידעלן געלונגען געוווייער צו ווערן, אַז דער ראש פון די דייטשע יידן, דער, וואָס האָט זיך כסדר אויפן דעק אַרום־געפּאָרעט, הייסט הער שפּאַטץ און אַז ער האָט געהאַט אין בערלין, בירושה פון זיינע עלטערן, א וועבעריי, וואָס די היטלעריסטן האָבן ביי אים צוגענומען. ס׳איז אויך יוספן געלונגען זיך צו דערוויסן, אַז דער נאָמען פונם ווינער פאָרל, איז אַטלאַס, און דער לייפּציגער פוטער־סוחר, קרענצלער, מיט די רויקע גאָל־דענע ברילן אויף נערוועז־פּינטלענדיקע אויגן, איז א לאַנגע צייט געזעסן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

דער בחור האָט זיך קיין סך נישט אָפּגעגעבן מיט די איבערי־קע דייטשע יידן. און פּונקט ווי די איבעריקע יידן, וואָס זענען פון דייטשלאַנד געפאָרן, זענען שטענדיק געווען פאַרכמורעט און אָנגע־צויגן־שטייף, גאָרנישט צו זייער קאָפּ צוצוקומען, אויסגערעדט בלערליי בייז אויף די „פּאָלנישע יודען" מיט זייער אויפפירעכץ, וואָס איז גורם צו אַלעם שלעכטן, אַזוי האָט ער צו יעדן ליבלעך געשמייכלט און זיך געהאַלטן אין איין בייגן פאַר אַלעמען. ער האָט געקענט צוקומען צו א יידענע, וואָס האָט געהאַט גענוג אירע צרות אויפן קאָפּ, אָנהויבן פון דער העלער הויט זי צו באַדינען, מאָלן עפּעס שנעל אין טיף דייטש צו איר, אַז זי האָט פון גרויס מורא געהאַלטן אין איין רופן איר מאַן, וואָס איז קיינמאָל נישטאָ, ווען מען באַדאַרף אים. שטענדיק איז ער דער ערשטער צוגעקומען צו

כאַפּן אַ שמועס, און אַז ער האָט דערזען אַ רעדל יידן אויפן דעם שטיין, האָט ער זיי נאָך פון ווי ווייט באַגריסט:

— האָבע די עהרע מיינע הערשאַפטן... — האָט ער אויפגעזונגען מיט אַ פריילעך, גאַרגעלדיק־פאַרשלונגען קול.

אָבער ווי גוט ער איז נישט געווען, ווייך, ווי צו אַ מכה צוצולייגן, האָבן די יידן אויף דער שיף פונדעסטוועגן צו אים קיין צוטרוי נישט געהאַט, נישט געוואָלט אים רופן ביי זיין אמתן נאָמען „מיסטער גלאָוב", און אים באַקרוינט מיט אַ צונאָמען:

— האָבעדיערע...

— האָבעדיערע איז שוין דאָ!...

און יוסף זיידעל, זינט ער האָט פון די דייטשע יידן דעם פּסק באַקומען און זיי שוין אַ פּאָר מאָל נאָכדעם אַריינגעזאָגט, האָט פון דעם בחור נישט געוואָלט הערן און געדענקען. בגנבה האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי רבקהלה הויבט זיך אָן צו סטראָיען אין פאַרשידענע שמאַכטעס, בייט אַלעמאָל פרישע קליידלעך, ווען זי קען, וואָלט זי זיך אין הערנער אָנגעטון, און דאָס האַרץ האָט אים געשניטן. דערצו האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן פאַרשווינדן צו ווערן מיטן בחור ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין ערגעץ אין די סאַמע פינסטערסטע ווינקעלעך, און ווען מ'האָט זי געזוכט, האָט מען זי קיינמאָל נישט געקענט געפינען. די ווייבער האָבן זיך געשושקעט וועגן איר אויפן אויער:

— אַ קעלבל...

— אַ יונגע קאָזע... ווייסט דען אויף וועלכער וועלט זי געפינט זיך... ווער ווייסט מיט וואָס אַזאַ דייטש שמעקט... ער קען נאָך אומגליקלעך מאַכן דאָס מיידל!... אַז דאָס האָט נישט קיין יידישע צורה... נאָך מער שמדניק ווי די איבעריקע דייטשן!...

די ווייבער האָבן זיך פּלוצים דערמאָנט, ווי די מאַמע האָט רבקהלען באַגלייט צום צוג אין וואַרשע. טייכן טרערן האָבן זיך פון דער יידענע געגאָסן, און ס'איז גאָרנישט מעגלעך געווען זי איינצושטילן. מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי אַ משוגענע, איז זי אַרומגעלאָפן און געזוכט עמעצן, וואָס פאָרט קיין אויסטראַליע, צווישן דעם געדיכטן עולם אויפן וואָקזאַל. און אַז זי האָט עמעצן

סוף־כל־סוף געפונען, האט זי אים ארומגעכאפט, געהאלזט און געקושט אים:

— טוט אכטונג אויף מיין קינד... — האט זי געכליפעט — זי ווערט אוועקגעריסן פון מיר אזוי ווייט!.. אז קיינמאל האב'ך זי איבער דער שוועל נישט ארויסגעלאזט... ווי אן אויג אין קאפ איז זי ביי מיר געווען!...

ווען ס'האט זיך דערהערט דעם קאנדוקטארס קאלטער און שניידנדיק־גרילצנדיקער פייף, וואס האט אנגעזאגט, אז באלד וועט מען שוין צום לעצטן מאל זען די צוזאמענגעטוליעטע הייזער פון דער שטאט, די גרינע פרילינגדיקע פעלדער ארום וואקזאל, האט די מאמע בשום־אופן נישט געוואלט ארויסלאזן די טאכטער פון די ארעמס. מיט אירע שוואכע קנאכיקע הענט, וואס זענען פלוצים אזוי שטארק געווארן, ווי אייזן, האט זי געהאלטן צוגעפרעסט צו זיך דאס מיידל, זי געדריקט ביז ווייטיק, און זיך געוויגט מיט איר אינאיינעם אהין און צוריק:

— וועסט נישט פארן, טאכטער... — האט זי גערעדט אן אפשטעל — אינדערהיים איז טאקע שלעכט!... ביטער!... מען איז נישט זיכער מיטן לעבן!... אבער כ'וועל דיך אפהיטן... נישט לאזן קיין שלעכטס טון!... מיין אייגן בעט וועל'ך דיר אפטרעטן, אויף דער ערד וועל'ך שלאפן און דיך האלטן, ווי א קייזערינע... בלייב מיט מיר, קינד מיינס!... בלייב!...

מען האט קוים ארויסגעריסן דאס מיידל פון אירע הענט און זי אריינגעפאקט אין צוג, וואס האט שוין געהאלטן אין אפגיין.

די ווייבער אויף דער שיף האבן גוט געדענקט רבקהלעס מאמע און געוווסט, אז רבקהלעס גורל ליגט אין זייערע הענט. זיי דארפן איר איצט א מאמע זיין און זי באשיצן פון אלעם בייזן. ווייל וואס ווייסט דען אזא יונג מיידל, ווי רבקהלע? אז זי זעט אזא „לאנגן לאקש", אזא „אויסגעפוצטע ליאלע", ווי דער דייטש, טרעט זי אים נישט אפ, לויפט אליין, ווי א קעלבל צו דער שחיטה... אזא דייטש וועט דען מיט איר חתונה האבן? ער וועט זי אויסנוצן און אוועקווארפן!...

אלעמאל, ווען דער דייטש איז מיט רבקהלען פארשוונדן ערגעץ אין דעם טאנץ־זאל, אדער אין א פינסטערן ווינקל, איז

באַלד אויסגעוואַקסן לעבן זיי אַן אַנדערע ייִדענע. מכלומרשט, ווי זי וואָלט גאָרנישט אויסן געווען, ווי זי וואָלט גאָט די נשמה שולדיק געווען, אַ טראָפּעלע אַ פאַרשעמטע, האָט דאָס ווייבל זיך צוגעשאַרט צום בחור מיטן מיידל, אָנגעהויבן צו זיי צו רעדן מכוח דעם און יענעם, און אַזוי לאַנג נישט אָפּגעטרעטן פון זיי, ביז זיי האָבן זיך געזעגנט און געגאַנגען שלאָפן...

כאָטש די ייִדן, וואָס זענען געפאָרן פון דייטשלאַנד, האָבן קרום געקוקט אויף הער גלאַובן, צוליב דעם, וואָס ער לויפט נאָך רבקהלען, איז גאָר יוסף זיידעלן גאָרנישט אָנגעשטאַנען דער שידוך. און יוספס יונגע ווייבל, די יפֿי־פיה, מיט די שטאָלצע, דויטע בעקעלעך און שטאָלצע, געסקלאַרוועטע אָרעמס, וואָס האָט געשפּילט פּיאַנע אינדערהיים און אַ גאַנצע דאַמע געווען, האָט אויך קעגן דעם שידוך געטריבן מעשים. זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס פירן זיך פון די דייטשע ייִדן, זייער בלאָזן פון זיך, זייער גדלות, ווי אַלץ וואָלט בלויז זיי געקומען. וווּ איז דאָס געזען און געהערט געוואָרן, אַז איין אַזעלכע ביטערע צייטן, זאָל איין ייִד זיך שעמען מיטן אַנדערן? אַלץ מוז האָבן אַ שיעור און אַ גרענעץ! אַלעמאָל, ווען זי האָט גערעדט וועגן דער דאָזיקער עוולה, האָט זיך פון איר פנים אָפּגעטון די גרויסהאַלטערישקייט און דאָס שיינע געטאָקטע נעזל האָט געציטערט פון גרויס כעס. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע „ריסטאָקראַטישקייט" און אָנגעהויבן נאָכמאַכן דעם ראש פון די דייטשע ייִדן, מיסטער שפּאַטצן, אַז יוסף האָט קוקנדיק אויף איר, געהאַט אַ פול מויל זאַפט. מיט גרויס בריהשקייט האָט זי מיט אַלע פיטשעווקעס נאָכגעמאַכט מיסטער שפּאַטצן, ווי ער גייט דאָס אַרום מיט די ווייסע אַלטמאָדישע מאַנקעטן אַרויס פון די אַרבל, ווי ער פאַר־דרייט זיך די וואָנסעלעך, ווי הערנדלעך, ווי ער בערשט מיט איין האַנט זיינע שוואַרצע ווייך־סאַמעטענע האָר, און ווי ביים שטעלן דעם ערשטן טריט, וואַרפט ער קודם־כל אַרויס דעם לינקן פוס, ווי אַ זעלנער. מיטן ווייב און קינדער האַלט ער אין איין קאַמאַנ־דעווען, זיי טאָרן זיך נישט רירן אָן אים אַ שריט. און כאָטש דאָס ווייב און די קינדער קוקן זיך נישט אום אויף קיין שום ייִד און שטופּן זיך דווקא צווישן די גוים, איז ער אַלץ פון זיי נישט צו־

פרידן און אַלעמאָל הערט מען, ווי ער רופט זיין בני־בית מיט זיין שטרענג, האַרט קול:

— ערנאַ, ווו ביסטו?... היינ־י־י...

אָבער חוץ מיסטער שפּאַטצן, האָט אויך יוספס יונגע ווייבל געהאַט אויפן קאָפּ דאָס ווינער פּאָרל, אַטלאַס. מיסטער אַטלאַס, אַ געלאַסענער יונגערמאַן מיט אַ ווייס פּנים און ווייבעריש־ווייסע הענט, האָט געקוקט זיין אייביק־פאַרזויערטער פרוי אין פּנים אַריין, ווי אין אַ זון. ער האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס, וואָס זי האַלט אין איין רעדן אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג, ווי ער וואָלט די רייד צום ערשטן מאָל געהערט, זיך אויפגעשטעלט, ווען זי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געזעצט, ווען זי האָט זיך געזעצט.

יוספס ווייבל איז געווען איינע אין דער וועלט דאָס אַלץ צו געדענקען. זי איז אַזוי ווייט דערגאַנגען אין איר בריהשקייט, אַז זי האָט געקענט מאַכן לאַכן די לייזעריכע, וואָס האָט נאָך אַלץ כסדר באַוויינט איר גורל. זי האָט אפילו אַרויסגעפּרעסט אַ קליין געצוווּנגען שמייכעלע ביי רבקהלע לעווין, וואָס האָט נישט גע־וואָלט לאַכן, ווייל זי האָט געהאַט צווישן די דייטשע יידן אַ צד אין דער שיסל. איר ליבע צו „האַבעדיערען”, איז וואָס אַ טאָג אַלץ שטאַרקער און הייסער געוואָרן, כאָטש זי האָט באַשיינפּער־לעך געזען, אַז מ׳קוקט אויף איר קרום אויף דער שיף.

אָבער דווקא מיט „האַבעדיערען” האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז די יידן האָבן אינגאַנצן אַנדערש אָנגעהויבן אויף אים צו קוקן און יוסף זיידעל אַליין האָט אָנגעהויבן פון אים פּלוצים צו האַלטן אַ וועלט...

II

די פּלוצימדיקע ליבע פון די יידן צו „האַבעדיערען” איז געבוירן געוואָרן איבער נאַכט. כאָטש ער איז פון די יידן נישט אָפּגעטרעטן, געפירט מיט זיי לאַנגע שמועסן, באַדינט די ווייבער און זיך געשפּילט מיט די קינדער אין „יאָגעלעך” און אין נאָך שפּילן, וואָס בלויז זיין „יעקישער” קאָפּ האָט געקענט אויס־

טראַכטן, האָבן די יידן פון אים נישט געהאַלטן און געמאַכט פון אים דאָס געגאַר:

— זעט'ץ נאָר, ווי ער האָט דאָס אַ גרינגן קאָפּ, דער לאַנגער דראָנגאַל!... קוקט'ץ נאָר אָן, ווי ער מאַכט זיך דאָס בהמהוואַטע, דער לאַנגער לאָקש!...

און כאָטש די ווייבער האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום דייטש, זיך אָנגעהויבן אַליין מיט אים צו שאַפן, געשיקט אים פאַרשידענע גענג, איז פונדעסטוועגן נאָך אַלץ אויסגעקומען, ווי אַ גוי וואָלט זיך צווישן יידן אַרומגעדרייט...

דאָס אַלץ האָט אָבער אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן, ביז וואַנען די יידן האָבן נישט אין אַ שיינעם טאָג דערזען, אַז דער דייטש האָט אויף אָן אמת אַ יידישע נשמה אין זיך.

געשען איז דאָס אין אַ שיינעם זוניקן פרימאָרגן, נאָך אַ שטורם, וואָס האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי טעג נאָכאַנאַנד. אַלץ איז געזעסן אויפן דעק און שוין לאַנג פאַרגעסן, ווי ערשט נעכטן האָט דער ווינט געשליידערט מיט דער שיף, ס'האָט געגאָסן, ווי מיט צעבערס, און די כוואַליעס, צעשטורעמטע און צעקודלטע, האָבן זיך מיט אַ געברום אויף די שוימיקע פּיסקעס געוואָרפן איינע אויף דער אַנדערער, זיך פאַרקנוילט, באַלד אויפגעקנוילט, כדי זיך ווידער צו פאַרמעסטן. דאָס הייזעריקע, קינדעריש־ווייכע פּישטשען פון די מעוועס, וואָס זענען געהאָנגען, ווי אויפגעשטאָכן, אין זוניק־בלויען חלל, האָט אָנגעזאָגט, אַז מען איז שוין נישט ווייט פון אַ פּאָרט. די ווייבער זענען געזעסן צוזאַמענגעטוליעט אין אַ רעדל און זיך געקוויקט מיטן שיינעם דרויסן. די ווייטע נסיעה איז זיי פּלוצים אויסגעקומען, ווי אַ שפּיעלכל, אַזוי, אַז יוסף זיידעלס ווייב האָט זיך אָנגערופן:

— ס'זעט ביי מיר נישט אויס, ווי כ'וואָלט געפאָרן קיין אויסטראַליע, נאָר קיין קוזמיר מיט דער ווייסל...

די ווייבער האָבן זיך באַרימט איינע פאַר דער אַנדערער מיט זייערע משפחות אין אויסטראַליע, דערציילט גוזמאות וועגן זייערע גרויסע גליקן און רייכטימער. צומיינסטן פון אַלע, האָט זיך געריטמט דאָרקע „דאָס פעפערנעזל". די צונג האָט זיך ביי איר אויפגעבונדן. איר פעטער, האָט זי געזאָגט, פאַרמאָגט גאַנצע

גאַסן מיט הייזער און פּאַלאַצן... ער האָט אַ סך אויטאָמאָבילן און ער וועט זי קומען אָפּוואַרטן מיט זיינע אויטאָמאָבילן צו דער שיף... אפילו די באָרנשטיינעבע, וואָס איז בטבע געווען אַ צוריק־געהאַלטן מענטש, האָט נישט געקענט בייַשטיין דעם נסיון, און צווישן איין קרעכץ און דעם אַנדערן, דערציילט וועגן איר שוועס־טער, וואָס האָט פאַר איר צוגעגרייט אַ שיינע פּרנסה אויפן דאָרף. אויף איר אָפּגעצערט און פאַרדאגהט פּנים, האָט זיך דערביי באַ־זעצט אַ לייטזעליקייט און אַ געלייטערטקייט. בלויז די ליטוואַטש־קע, סענדער קאַפּלאַנס ווייב, האָט געשוויגן, ווייל זי האָט קיינעם אין אויסטראַליע נישט געהאַט. ערשט ווען ס'איז איר שוין גאָר שווער געוואָרן אויפן האַרץ, האָט זי זיך געווענדט צו דער באָרנ־שטיינעבע:

— איך וויל גאָרנישט טראַכטן וואָס ספּעטער וועט זיין... אַז ס'עט זיין ניט גוט וועל איך קומען צו אייך, וועט איר מיך אויך ניט אַרויסוואַרפן... אמת?...

— הלוואַי זאָל'ך נאָר האָבן, טאַטע געטרייער אין הימל...

— האָט די לייזעריכע פרום געשאָקלט מיטן קאָפּ — זי וועלן זיך פילן ביי מיר, ווי ביי זיך אין שטוב... נאָר זי זאָלן עס נישט דאַרפן...

ר' לייזער באָרנשטיין האָט זיך דעם זוניקן שיינעם פרימאָרגן גאָר גוט געפילט. אַן אויפגעלייגטער, האָט ער זיך מיט בנעימות־דיקע שבתדיקע טריט אַרומגעדרייט אויפן דעק, ווי ער וואָלט גע־ווען ביי זיך אינדערהיים. אויף שטום־לשון, מיט איינציקע דייטשע און פּוילישע ווערטער, האָט ער זיך לאַנג און געניי אויסגעשמועסט מיט די איטאַליענישע פּויערים, מיטן בינטל קליינגעוויקסיקע און שוואַרצע גריכן, וואָס האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן צוזאַמען, זיי אויסגעפרעגט צו וועמען זיי פאָרן און נאָך וואָס זיי פאָרן.

און ווען ער איז שוין מיט אַלץ פאַרטיק געוואָרן, איז אים פּלוצים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער וועט גאָר אַרויפגיין צום קאַ־פּיטאַן, כדי צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס. ער זעט בפירוש, אַז דער קאַפּיטאַן איז אַן אוהב ישראל, אַ גאָלדענער מענטש. נישט איינ־מאָל שוין האָט ער, ר' לייזער, געוואָלט אים פאַרהאַלטן, אָבער ער

האָט אין דער לעצטער רגע חרטה באַקומען. איצט האָט ער אַזויפיל
דרייסטקייט אין זיך, אַז ער וואָלט געקענט אַרויפגיין צום קייזער
אַליין. ס׳איז זיך נישטאָ מיט אים, מיט ר׳ לייזערן, גאָרנישט
וואָס צו שעמען. ס׳איז דאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין. אינ־
אייננוועגס וועט ער שוין אַ טאַפּ־טון דעם דופק ביים גוי, ווי ער
פּאַרקוקט זיך דערויף, אַז די יידן זאָלן קענען דאַווענען שבועות
מיט מנין. ס׳איז דאַכט זיך אַ גאַנץ־גלייכע זאַך. על־פּי־יושר
דאַרף דער קאַפּיטאַן זיין צופרידן דערפון און אָפּגעבן די יידן
אַ שטיבל אויף אַ מנין. וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו
לייט, איז צו לייט...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט זיך יוסף זיידעל אין זיי
אָנגעכאַפּט מיט לייב און מיט לעבן. זיין פּנים איז צוריק אָנגע־
גאָסן געוואָרן מיט דער אַמאָליקער געזונטקייט און פרישקייט.
ער האָט שוין ר׳ לייזערן נישט אָפּגעלאָזט און אים געצוווּנגען,
אַז די אותו־הרגע זאָל ער צום קאַפּיטאַן אַרויפגיין. ר׳ לייזער האָט
אָבער פּלוצים חרטה באַקומען אויפן עסק און געטענהט, אַז
ער זעט נישט דאָס געווייל. געאַמפּערט זיך אַהין, געאַמפּערט זיך
אַהער, ביז נאָך יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינמישן אין דעם
ענין. און דאָ האָט זיך פּלוצים אַרויסגעוויזן, אַז „האַבעדיערע"
האָט טאַקע אַ יידישע נשמה אין זיך. דער דייטש האָט זיך גאָר
צעריסן דעם יאַשטשיק, אַז די יידן זאָלן קענען שבועות דאַווענען
מיט מנין, ווי ס׳וואָלט געווען ביי אים סכנות־נפשות, כאָטש
די איבעריקע דייטשע יידן האָבן זיך דערפון אָפּגעשאָקלט, נישט
געוואָלט דערפון הערן און געדענקען.

מיסטער שפּאַטץ איז גאָר געוואָרן אויפגעבראַכט, ווען ער
איז דערפון געוויער געוואָרן. ער איז נאָך מער שטייפער געוואָרן.
ווי ער איז געווען, און אָנגעהויבן מיט גרויס שטרענגקייט און
אין איין קול צו רופן זיין ווייב און קינדער, ווי ס׳וואָלט זיי גע־
דראָט אַ סכנה:

— ערנאַ, ווו ביסטו?... היינ־י...

ס׳איז אים פּלוצים אויפן זכרון געקומען זיין קליין גרייד־
גרוי זיידעלע מיטן לאַנגן שלום־ראָק און שוואַרצן „בעכער". אָט
דאָס זיידעלע, וואָס האָט געוווינט אין אַן אָרעם הויז אויף דער

גרענאַדיר־שטראַסע אין בערלין, האָט אַ טבע געהאַט צו גיין צו־נאַסט צו אַלע קינדער און אייניקלעך און זיי זאָגן מוסר. אויך צו אים איז ער געקומען אַלעמאָל צו קריכן צו־גאַסט, און אים אָנגע־מאַכט בושות און חרפות. ס'האָט געקענט זיין ביי אים אַ פולע שטוב מיט געסט, מענטשן פון דער הויכער געזעלשאַפט, אמתע דייטשן, האָט זיך דאָס זיידעלע אַריינגעשאַרט צו אים, געקראָכן אין אַלע ווינקעלעך מיט זיינע שלעפנדיקע טריט, אָנגעטון אין זיין קאָמישן לאַנגן שלום־ראָק און שוואַרצן „בעכער" אויפן קאָפּ, און גערופן אים ביי זיין יידישן נאָמען, וואָס ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן:

— שלמהלע, צי וואָלט דיר עפּעס אָפּגעקומען חלילה, ווען דו וואָלסט מער אָפּגעהיטן דאָס יידישקייט... — האָט דאָס זיידעלע גערעדט צו אים מיט אַ בעטנדיק קול און אין אַ גאַליציאַנישן, עבט „אָסט"־יידישן לשון, וואָס ער האָט אינגאַנצן נישט געקענט הערן — אסור, צי ס'וואָלט דיר געשטערט צו עפּעס... די גוים וואָלטן פאַר דיר נאָך מער דרך־ארץ געהאַט... עך זאָג דיר, שלמהלע...

אויך דאָס ווייב זיינס האָט ער נישט גערופן ריכטיק ווי זי הייסט, נאָר אויסגעפונען פאַר איר עפּעס אַ יידישן נאָמען, וואָס האָט זיך לחלוטין נישט געפּאַסט צו איר עכט־דייטשן, קאַלט־בלאָנדן פּנים און קאַלטע בלאָנדע האָר. ער איז איר נאָכגעקראָכן אין קיך אַריין, זיך אַריינגעמישט צו אירע טעפּ:

— שרהלע... — האָט ער זיך געבעטן ביי איר — וואָס וואָלט דיך געאַרט, ווען דו מישסט נישט דאָס געפעס... האַ, שרהלע... עך געדענק דיין זיידן, עליו־השלום... ווען ער וואָלט היינט פון קבר אויפגעשטאַנען, וואָלט ער זיך באַלד צוריק גע־לייגט...

אָט דאָס זיידעלע, וואָס איז שוין לאַנג געלעגן אויפן בית־עלמין אין בערלין, אַן איינזאַמער און אַ פאַרלאָזטער, האָט אים איצט צורו נישט געלאָזט, אַרויסגעפּרעסט טרערן אין זיינע אויגן. אָבער ער האָט זיך באַלד גענומען אין די הענט אַריין. מיסטער שפּאַץ האָט צו זיך גאָרנישט געקענט האָבן. ביי אים אין שטוב, אין בערלין זענען אַלע פּרייטיק־צונאַכטס געשטאַנען ליכט, וואָס

די דינסט האָט אָנגעצונדן, ווייל דאָס ווייב האָט עס נישט גע־וואָלט טון. און ער אַליין האָט אַלע פּרייטיק־צונאַכטס צוגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ סערוועטל און געזאָגט אַ פּאָר יידישע ווערטער. דאָס אַלץ האָט ער אָבער געטון בשתיקה, קיינער זאָל נישט זען, זיך געהיטן פאַר שכנים. איז ער טאַקע אָנגעצונדן געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די יידן ווילן מאַכן אַ מנין אויף דער שיף, אויפרייסן יענעמען די אויגן:

— ניקס צו מאַכן מיט די פּאָלנישע יודען!... — האָט ער זיך געבייזערט — אַלע „צאָרעס" שטאַמען פון זיי!... זיי זענען שולדיק, וואָס מיר שלעפּן זיך אַזוי ווייט!...

„האַבעדיערע" האָט זיך אָבער פון הער שפּאַטצן גאָרנישט געמאַכט. ס'איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן, אַז די יידן זאָלן דאַווענען שבועות מיט מנין, און ער איז אַליין באַלד צום קאַפּי־טאַן געלאָפן זיך משתדל זיין. און ווען ס'איז געקומען שבועות און די יידן האָבן זיך געשטעלט דאַווענען אין אַ באַזונדער שטיבל, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט זיי אָפּגעגעבן, איז ער פון גרויס התפּעלות געקומען צו גיין אין בלויזן קאָפּ, פאַרגעסן אַרויסצונעמען דאָס מיצל פון קעשענע, וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט. די יידן האָבן זיך געדרייט אַרום אים, פאַרלוירענע און צעשראָקענע, געוויזן אים כסדר אויפן קאָפּ און אים געמונטערט:

— נו־אָ... — האָבן זיי נישט געוואָלט מפסיק זיין אינמיטן דאַווענען — בגלוי־הראש! אין אַ שול?... אין אַ מקום־קדוש... נו־אָ...

דער דייטש האָט פון אָנהויב נישט געוווּסט, וואָס מען וויל פון אים, זיך צום סוף געכאַפּט אין וואָס דאָ גייט, און געבליבן שטיין נישט טויט, נישט לעבעדיק. אָבער די יידן האָבן שוין סיי־ווי פון אים אַ וועלט געהאַלטן און אויף צו־להכעיס די איבעריקע דייטשע יידן, און דער עיקר הער שפּאַטצן, האָבן זיי אים באַ־שלאָסן חתונה צו מאַכן מיט רבקהלע לעווין, און טאַקע באַלד אויף דער שיף אַ „וואָרט" מאַכן. ווען דאָס מיידל האָט זיך פון גרויס בושה געדרויטלט, געטענהט, אַז זי האַלט נאָך נישט דערביי, האָט קיינער זיך אפילו רעכט צו אירע רייד נישט צוגעהאָרכט, זי אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— ווייסעך־וואָס זי בעבעט דאָרט — האָבן די ווייבער געשאָקלט מיט די קעפּ — אַ יונגע קאָזע... זי ווייסט דען, וואָס טוט זיך מיט איר?... אָט רעדט זי, דאָס קעלבל... מ׳וועט זיך אין איר אַ מצווה קויפן... אַ נייע נשמה וועט אַריין אין איר מאַמען, ווען זי וועט דאָס דערהערן... וואָ־דען, אַזוי זיך אַרומשלעפּן איז אַ שייגער תכלית!... אויף דער יבשה קען ער זי נאָך אָוועקוואַרפן, דער יונג!... מ׳האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן!...

כאָטש די ווייבער האָבן געקענט בלויז דעם בחור פון דער שיף, האָבן זיי פונדעסטוועגן געוווסט איצט צו דערציילן וועגן זיין עשירות, וועגן זיין שיינעם יחוס און וועגן זיינע טאַטע־מאַמע, וואָס זענען טייערע ׳מענטשן געווען. די ווייבער האָבן געהויבן דעם בחור אין הימל אַריין, זיך איבערגעשטיגן אין די לויב־געזאַנגען:

— אַ שיינער יונג, ווי גאָלד!... — האָבן די געסקלאַרוועטע בעקעלעך ביי יוסף זיידעלס ווייבל געשיינט מיט יונגקייט און מבינישקייט.

— און אַ גרויסער פּאַרדינער!... פייגל אין דער לופטן קען ער מאַכן...

— דער עיקר ער שטרעקט פאַר דער מויד דאָס לעבן!...

מ׳האָט טאַקע דאָס מיידל קיין סך נישט געפרעגט און זיך צום בחור גענומען. מ׳האָט אים אָוועקגערופן אין אַ זייט און לאַנג אַריינגערעדט אין אים. ס׳האָט לאַנג געדויערט, ביז ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון אים האָבן.

ביי ר׳ סענדער קאַפּלאַן, דעם ליטוואַק, אין דער גרויסער און גרוימער קאַבינע, האָט מען זיך געקליבן. מ׳האָט געברענגט צו טראָגן אַ קליין טישל און אָנגעשטעלט דערויף פון כל־טוב. די ווייבער האָבן געברענגט צוביסלעך איינגעמאַכטס און די מענער האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די וואַליזעס די פלעשלעך מיט „שפּאַר־טעם״. האַלב ליידיק זענען שוין געווען די פלעשלעך, און די מאַנסלייט האָבן זיך מיט גרויס יראת־הכבוד באַצויגן צו זיי, אַלעמאָל קענען שיין פון לעמפּל געקוקט וויפיל משקה ס׳איז נאָך פאַרבליבן. מ׳האָט זיך נישט פאַרגינען צו טרינקען קיין גאַנצע קעלישיקלעך, בלויז באַנעצט די ליפּן, כדי יוצא צו זיין. פונדעסטוועגן איז מען

אַלעמאָל פריילעכער געוואָרן, פאַרצויגן אַ ניגון, זיך פאַרגאַנגען אַלעמאָל העכער און העכער. יוסף זיידעל איז געווען גאָר שטאַרק אויפגעלייגט און זיין הייזעריק קול האָט זיך כסדר געביטן, אַי־בערגעגאַנגען פון דין אויף גראָב, זיך שיער נישט אינגאַנצן אַי־בערגעריסן. ר׳ ליזער באָרנשטיין איז געווען אָנגעטון אין זיין שוואַרצן יום־טובדיקן קאַפּעליוש. די אייביק־פאַרחידושטע ברילן אויף דער שפּיץ נאָז, האָבן געשיינט מיט יום־טובדיקייט. ער האָט געוועקט צו זיך דרך־ארץ. ער האָט זיך געהאַלטן נאָענט פון דייטש מיט רבקהלען, וואָס זענען געזעסן אויבן־אָן און זיך נישט גוט געפילט צווישן דעם גאַנצן עולם. זיי האָבן גערעדט עפּעס צווישן זיך און זיך געפירט אַזוי, ווי נישט צוליב זיי וואָלט מען געמאַכט די גאַנצע סעודה. רבקהלע האָט זיך פלוצים אויפ־געהויבן פון טיש און פאַרצויגן אַ ליד. זי איז געווען פאַרויטלט, און כדי עפּעס וואָס צו טון, האָט זי זיך כסדר מיט איין האַנט פאַראַכטן אירע שוואַרצע געדיכטע האָר. ר׳ ליזער האָט דעמאָלט מיט ערנסטקייט איינגעטענהט מיט מיסטער גלאָובן, כדי אים מקרב צו זיין און אַרויסצווייזן אויפמערקזאַמקייט, און אים אפילו מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס פון דעם שאַכטל אַרויס, וואָס ער האָט ספּעציעל צו דער שמחה געקויפט. ער האָט אים פלוצים אָנ־געהויבן צו „דוצן", אויספרעגן וועגן טאַטע־מאַמע, וועגן משפחה, גערעדט מיט אים וועגן תכלית...

רבקהלע האָט זיך דערווייטערט פונם טיש. אָבער מען האָט זי נישט געלאָזט אַרומדרייען זיך פריי צווישן עולם. באַלד האָט זיך צו איר צוגערוקט זיידעלס יונג ווייבל און איר איינגערוימט אויפן אויער, אַז ס׳איז זיך נישט שיין אַזוי צו פירן און זי האָט זיך, אַ פאַרשעמטע, צוריק אַוועקגעזעצט אויף איר פריערדיק אָרט.

ווען רבקהלע האָט זיך אויף איין מינוט פון טיש דערווייטערט, האָט ר׳ ליזער באָרנשטיין אויף דער גיך אונטערגעזאָגט דעם דייטש, ער זאָל איר איבערגעבן די מתנה, וואָס ער האָט פאַר איר צוגעגרייט. דאָס איז געווען אַ בראָש, באַזעצט מיט דימענטן, וואָס ער האָט „פאַר זיין צוקונפטיקער פראַו", פון זיין „זעליגער" מוטער באַקומען, בעת זי איז געלעגן אויפן טויטן־בעט. ער האָט שנעל אַרויסגענומען די מתנה פון קעשענע, ווען רבקהלע איז צום

טיש צוגעקומען, און זי איר צוגעשפּיליעט צום קלייד, מיט אַזאַ ערנסטקייט, מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט, ווי ער וואָלט געטון אַ הייליקע זאַך...

דער עולם האָט זיך אַלעמאָל מער צעהיצט. פאַרצויגן אַ זמרל מיט ברען, געכאַפּט אַ טענצל, צוערשט פּאַוואָליע, דערנאָך אַלעמאָל לעבעדיקער, זיך נישט געמאַכט זען, ווי די איבעריקע פּאַסאַזשירן און די מאַטראָסן קוקן זיך צו זיי צו. ווען יוסף זיידעל האָט פּלוצים באַמערקט, ווי מיסטער אַטלאַס מיטן ווייב און נאָך דייטשע יידן שאַרן זיך זייטיק אַריין אין דער קאַבינע מיט צוריק־געהאַלטענע, פאַרשעמטע טריט, האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ שטול און צוגעפּאַטשט מיטביידע הענט:

— יידן, אַ פריילעכס... לעבעדיק און לוסטיק... לעבעדיק און לוסטיק...

מען האָט ווייטער גענומען צוביסלעך משקה, פאַרגעסן, אַז מ'איז אויפן וואַסער, אַז מ'איז אַזוי ווייט פאַרטריבן פון דער היים, אַז מ'פאָרט אין אַ פרעמד לאַנד אַריין, וווּ מ'ווייסט נישט וווּ איין און וווּ אויס, נישט געהערט, ווי דער ים שלאָגט זיך אָן כסדר אין דער שיף, מיט אַזאַ כוח, מיט אַזאַ רוגזא, ווי ער וואָלט זי וועלן צעמאָלן אויף שערבעלעך און אַריינציען אין די טיפענישן...

אין דער פרעמד

א האַלבן טאָג האָט זלמן געמייסטרעוועט אויפן דאַך, זיך געפּאָרעט, געקלאַפּט, אָבער דער רעגן האָט אַלץ נישט אויפגע־הערט אַריינצורינען מיט אַן אויסגעצויגענעם, טרויעריקן ניגון אין דער פאַרזשאַווערטער שיסל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב. זלמן האָט אַלעמאָל אויסגעגאָסן דאָס ברודיקע וואַסער פון דער שיסל און צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך. זיינע לאַנגע גומענע שטיוול, אַרויפגעצויגן איבער די קני, ווי ביי די פישערס, האָבן געגלאַנצט פון נעץ, און פון ברייטן קאַפּעליוש האָט זיך מיט אַ רעש געגאָסן דאָס וואַסער גלייך אויף זיין אַלטן, פאַרלאַ־טעטן מאַנטל.

שוין לאַנגע חדשים, ווי די עטלעכע פאַרמערס אין דעם גרויסן אויסטראַלישן דאָרף, האָבן געבעטן אויף אַ רעגן. אַלע באַגינען זענען זיי אַרויס פאַר די שיטער־צעזייטע, אין דער ערד פאַרזונ־קענע הייזלעך און געקוקט אַרויף צום הימל, וואָס איז באַלד אין דער פרי געווען ווייס און פאַרשרפעט פון דער זון, ווי אַן אויס־געבריטער שטיין. אַ הייסער מדבר־ווינט האָט אַלעמאָל אַ פאַטש געטון די אויסגעדאַרטע, מידע עקאַליפּטוס־ביימער, אַז זיי האָבן נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם, און זיי האָבן מאַט געבלאַנקט אין דער זון מיט זייערע ווייסע, אָפּגעקראָכן־פליכעוואַטע שטאַ־מען, ווי אויסגעטרוקנטער ביין. די ערד איז געלעגן מאָגער און אויסגעשעפּט, מיט לאַנגע, טיפע שפּאַלטן, ווי קנייטשן פון אַלט־קייט, און גאָל אַרויסגעקוקט צווישן די איינציקע געל־פאַרשטויב־טע גראָזן, וואָס האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ געבעטן אויף אַ ביסל רעגן.

אָבער קיין רעגן איז נישט געקומען. טיילמאָל האָבן אַ שפּריץ געטון פלוצים עטלעכע געלע, הייסע טראָפּנס און באַשפּרענקלט

מיט זשאַווער דאָס פּנים, די הענט, אָבער די זון איז ווייטער גע־
שטאַנען אינמיטן הימל, אַ צעפּלאַמטע, אַ צעבריטע, ווי אַן אויס־
געגליט אײַזן, און די לופט איז אַלץ געווען דומפּיק, אָנגעזאַפּט
מיט דעם פייער און רויך פון די אַרומיקע ברענענדיקע וועלדער,
אַז מען האָט נישט געקענט די אויגן אויפרייסן.

דער רעגן איז געקומען שפּעט, אָבער ווען דער הימל האָט
זיך געעפנט און ס'האָט אַ פלייץ געטון פון אים, האָבן די מענטשן,
פול מיט נחת, געלאָזט אויף זיך רינען די קילע טראָפּנס, און די
בהמות האָבן הונגעריק און מיט טעמפּער פרייד אין די גרויסע
גלעזערנע אויגן זיך אײַנגעהערט, ווי דער רעגן שווענקט זייערע
פאַרשטויבטע פעלן...

ס'האָט כסדר געגאָסן, ווי מיט צעבערס. זלמן האָט געמיי־
סטרעוועט אויפן דאַך, געקלאַפּט, געהעמערט. דערנאָך האָט ער
זיך אין גרעסטן גאָס, געלאָזט גיין אין סאָד אַרײַן, געקראָכן
צווישן די ווילדע גראָזן, אַרײַן אין קאַלוזשעס וואַסער און באַ־
קוקט די ביימער, צי זיי זענען נישט פון רעגן אומגעוואַלערט גע־
וואָרן, כאָטש ער האָט געפילט, אַז ער איז אַ מלאך־המות איבער
זײַן אייגן לעבן און ער אײַלט אַליין צו דעם טויט. און פאַר דעם
טויט אין דעם ווײַטן אויסטראַלישן העק, צווישן פרעמדע מענטשן,
האָט ער זייער מורא געהאַט...

שוין לאַנגע יאָרן, ווי ער האָט זיך נישט אַרויסגערירט אינ־
ערגעץ. כאָטש דער גרויסער אָפּגעשאָסענער קאַפּעליוש, מיט די
אַראָפּגעלאָזטע ראַנדן, ווי אַן איבערגעקערטע שיסל, איז
קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זײַן קאָפּ, ווי צוגעוואַקסן, האָט פונ־
דעסטוועגן די זון אַלץ געבאַקן זײַן פּנים, וואָס איז געווען אויס־
געטרוקנט און צעשפּרונגען, אַזוי ווי אַלט לעדער. ער איז כסדר
אַרומגעגאַנגען באַקלעפּט מיט פאַרדאַרטע גרודעס ערד, וואָס
האָבן נישט געוואָלט אַראָפּ פון זײַנע הענט, פון די גרויסע זעלנע־
רישע שיך, פון די הויזן, שטענדיק אויסגעוואַקסענע און צע־
פליקטע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גראָבן שטריק. כאָטש מען האָט
עס גאָרנישט געדאַרפט, האָט ער פונדעסטוועגן אַלעמאָל פריש
אויפגעאַקערט די ערד, זי אויפגעשאָטן אין אַ סך אומצאָליקע
בייכער, כדי אַרויסצורייסן די ווילדע גראָזן, וואָס האָבן אויסגע־

כאַפּט דעם שפּייז פון די ביימער. אין גלייכע שורות האָבן זיך געצויגן די ביימער און מיט די דינע שטאַמען און געדיכטע צווייגן, דערמאָנט אין קאַרליקעס מיט גרויסע, פּרעמד־אַרויפּ־זעצטע קעפּ... ער האָט זיך געבויגן אַרום די ביימער, אַז דאָס בלוט איז אים כסדר אין קאָפּ אַריין געקומען, געשוירן מיט אַ פאַרזשאַווערטער שער, געציפּט, אויסגעגלייכט. פּונקט ווי אַ דאָקטער, האָט ער מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט, אויסגעשניטן ביי די צווייגן די קראַנקע שטיקער, פאַרבונדן די ווייטיקדיקע ערטער, זיי זאָלן זיך צוזאַמענוואַקסן און פאַרהיילן. אָבער דאָס בלוט האָט אים אַלץ שטאַרקער געזעצט צום קאָפּ און אַ ווייטיק איז אים אַרומגעלאָפן אין דיביינער. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שלאָף, אַ זיסע מידקייט האָט זיך אים אין די אברים געגאָסן. אַז ער האָט געמיינט, ס'איז שוין געקומען דער סוף...

אַלע באַגינען האָט ער זיך מיט אַ געוואַלד פון שלאָף אויפ־געריסן, געמיינט, אַז שוין, ער וועט מוזן בלייבן צוגעקאָוועט צום געלעגער. ווען דער טאָג איז צוגעקומען צו זיינע שייבלעך און צו אים אין פינסטערן שטיבל אַריינגעקוקט מיט אַ בלאַסער קאַרגער שיין, האָט אים אַרומגענומען אַזאַ פרייד, אַז ער האָט נישט גע־ווּסט וואָס מיט זיך צו טון. ער האָט שוין מורא געפּרוווט, צי ער קען נאָך מיט די הענט באַוועגן, צי ער קען נאָך שטעלן אַ פוס... באַלד האָט ער זיך געלאָזט לויפן צו דער קו, וואָס האָט אין דעם ווייסן מילכיקן פרימאָרגן, געוואַרט מיט בהמהשער מנוחה, ער זאָל זי אויסמעלקן. שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט אין סאַד, וואָס האָט זיך געוויגט מיט רואיקייט, איינגעגעבעט אין בלאַסן נעפּל, זאַט אויסגערוט נאָך דעם ביינאַכטיקן שלאָף. דער רעגן איז שוין לאַנג אַריבער און די ערד איז געווען פריש אָנגעטרונקען, אָנגעגאָסן מיט נייע כוחות. אָבער זלמנען האָט גאַרנישט מער געפריייט און ער האָט זיך געשטאַרקט, כדי אויסצופירן זיין טעגלעכע אַרבעט, ווי ביז אַהער.

ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב אַריין און אַריינ־געקוקט אין דעם יידישן בלאַט־צייטונג, וואָס ער האָט פּלוצים געפונען, ווען ער האָט צווישן זיינע חפצים גענישטערט. דאָס בלאַט איז שוין געווען בלוי פון אַלטקייט, געשמעקט מיט רויך,

ווי אָפגעראַטעוועט פון אַ שרפה און זיך געשיט, פונקט ווי פרוכקע האָלץ. אָבער זלמן האָט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט אויפגעפנט דאָס בלאַט, מיט דער זעלבער פאָרזיכטיקייט אָנגעזאָטלט די ברילן אויף דער ביינערדיקער נאָז און אַריינגעקוקט אינעווייניק. שוין צום ווייפילסטן מאָל האָט ער געלייענט די זעלבע נייעסן, די זעלבע מעשיות, אַז ער האָט זיי געקענט פון אויסנווייניק, און געגנוי געדענקט, אַז דעם שבת, ווען ער האָט שוין אויף זיכער געהאַט אָפגעמאַכט ביי זיך פון דער היים אַוועקצופאָרן, האָט ער נאָכדעם, ווי ער האָט אָפגעלערנט מיט די קינדער פרק, אויך אַריינגעקוקט אין אַ בלאַט־צייטונג. ס'זענען דעמאָלט געזעסן אַרום אים פאַרזאַמלט זיינע שכנים, די דאָרפס־יידן, וואָס זענען קנאַפע אויפטוערס אין די קליינע אותיותלעך געווען, און ער האָט געמוזט פאַר זיי פאָרלייענען אויפן קול, וואָס הערט זיך אין דער ברייטער וועלט. מען האָט אים אין דאָרף גערופן זלמן „קאָפ", צוליב דעם ווייל ער האָט אַליין געקענט מיט די קינדער לערנען אַ פרשה חומש, און צוליב דעם ווייל ער איז אייביק פול געווען מיט נייעסן פון דער גאַנצער וועלט און ליב געהאַט אויסצוטראַכטן פאַרשידענע מעשיות. ער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן יענעם לאַנד, וואָס ער האָט אָנגערופן מיט יתרום נעמען, אַמעריקע, אַפריקע, און נאָך מיט עפעס אַ פאָר נעמען, וואָס מען האָט גאָרנישט געקענט אינגאַנצן נאָכזאָגן. צו לאָזן זיך אַהין, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען אויספאָרן דעם גאַנצן ים־הגדול... ער האָט אַלעמאָל אויסגעצויגן זיין ביינערדיקע האַנט, אָנגעצייכנט דאָס אייגענע לאַנד און דאָס לאַנד, וואָס האָט אַ כך נעמען, און געטייטלט מיט אַ פינגער אויף די קנייטשן פון דער האַנט...

איצט, אַז זלמן האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן נישט געקענט מער פון בעט אויפהויבן, איז אים גאָרנישט אַרויס פון זינען דער לעצטער שבת אינדערהיים, ווען ער איז געזעסן ביים טיש, אַרומגערינגלט פון די דאָרפס־יידן. ער האָט נישט געלאָזט שרייען דעם ווייב אויף די קינדער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַרומוווּיווען, ווי זיי וואָלטן געוווּסט, אַז דער טאַטע וועט זיי גאָרנישט טון.

— קינדער שפּילן זיך... גלויב מיר, אַז כ'בין אויך נישט בעסער געווען פון זיי אין זייערע יאָרן... — האָט ער געזאָגט מיט ווייכקייט אין קול צום ווייב, וואָס האָט דערלאַנגט צום טיש כּיבוד, אַ ביסל אויבסט פון אייגענעם גאָרטן, און ער האָט זיך, ווי אַלעמאָל, געוווּנדערט אויף גאָטס נסים:

— פּלאַי־פּלאָים!... גאָטס חידושים... — האָט ער אַראָפּגענומען פון טעלערל אַן עפּל און אים מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט געדרייט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט זיין פון גלאָז — ערשט, דאַכט זיך, אַזוי קליין געווען... אַ גאָרנישט... און שוין, קיין עין־הרע, אַזוי גרויס, ווי אַ פויסט...

דעם ווייב איז אַ גרויס חידוש געווען, וואָס ער לאָזט נישט שרייען אויף די קינדער. פּאַרקערט, שטענדיק האָט ער געהאַט צו איר בלויז טענות, וואָס זי פירט אים איבער די קדישים, וואָס זי האַלט זיי אין איין האַלזן און צערטלען. און נישט איינמאָל האָט זי פאַרזוכט פונם רימען, ווען זי האָט אונטערגעשטעלט די פּלייצע, כּדי צו באַשיצן די קינדער, און ער האָט נישט באַמערקט, ווו ער שלאָגט.

זלמן האָט אַרומגעקאָמאַנדעוועט מיט די קינדער, אָבער זיין אייביק שמייכלעלע אין די געדיכטע ברעמען, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען קלוגער פון אַלע, איז געווען אויסגעקרומט אויף אַ זייט און פאַרגליווערט, און ער האָט שוין געפילט אויף זיכער, אַז ער וועט נישט האָבן קיין כּוח זיך צו געזעגענען מיט זיין בני־בית.

באַלד פון לאָנדאָן האָט ער געשריבן צום ווייב און צו די קינדער אַ בריוו, אַז זיי זאָלן נישט קיין פּאַראיבל האָבן אויף אים, וואָס ער איז אַוועק. ער איז נישט אויסן געווען, חלילה, קיין שום בייז, נאָר דאָרט, ווו מען איז כּסדר איינגעשטעלט, ווו מען איז מער נישט קיין באַלעבאָס איבערן אייגענעם לעבן, דאַרף מען לענגער נישט בלייבן... און אַזוי ווי ער זעט, אַז אַלע לויפן, איז ער אויך געלאָפן... ער פּאָרט אין אַ לאַנד אַריין, ווו ער וועט זיי־מיטן אייבערשטנס הילף, באַלד אַריבערנעמען און גליקלעך מאַכן...

פון ווייב האָט ער אָבער קיין ענטפער נישט באַקומען, ווי

זי וואָלט זיך נישט געוואָלט איבערבעטן מיט אים פאַר דער בושה, וואָס ער האָט איר אָפּגעטון. און ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה איז ער אינגאַנצן פון דער וועלט אָפּגעשניטן געוואָרן. וויפיל בריוו ער האָט נישט צום ווייב אַוועקגעשיקט, איז אויף קיין איינעם קיין ענטפער נישט געקומען, ווי זיי וואָלטן ערגעץ אין וועג פאַרפאַלן געוואָרן. דער וועג צו דער פּאָסט האָט אים נישט געברענגט מער קיין שום פרייד, ער האָט געשפּאַנט דאָס אַלטע צווייִרעדערדיקע וועגעלע בלויז פון רגילות. נאָר איינמאָל, שוין לאַנג נאָך דער מלחמה, איז אַ שכן אים געקומען אָנזאָגן, אַז ס'איז דאָ צו אים אַ בריוו. ער האָט דעמאָלט גערופן דאָס פערד מיט פרעמדע יידישע נעמען, וואָס עס האָט נאָך פון אים קיינמאָל נישט געהערט:

— ריר דיך, תנא־באַרטעק מיינער!... וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט גאַפּיען, גולם איינער!... — האָט ער דאָס פערד גערופן מיט פרעמדע, ווילדע נעמען.

דאָס פערד האָט זיך אַלעמאָל אינמיטן וועג אָפּגעשטעלט, קלוג אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אויפגעשפּיצט די אויערן צו די פרעמדע נעמען, כדי געוווירער צו ווערן, וואָס מיטן באַלעבאָס איז פּלוצים געשען. אָבער זלמן האָט עס אַזוי מכבד געווען מיט דער בייטש, אַז ס'איז געלאָפן, ווי פון אַ שׂרפה. אין קעשענע האָט אים געבריט דער בריוו, וואָס ער האָט זיך נישט פאַרגינען אויפן וועג צו עפענען. ערשט אין דער היים האָט ער אים געעפנט. מיט גיכע פינגער, וואָס האָבן ביי אים געטאַנצט, ווי לעבעדיקע ברואים, האָט ער איבערגעריסן אַלע שווערע זיגלען און מאַרקעס און איבערגעלייענט, אַז דאָס ווייב איז שוין מער נישטאָ אין דאָרף און מען ווייסט אויך נישט, ווו די קינדער זענען אַהינגעקומען. זלמן האָט דערקענט דאָס געשריפטס פון הערש־לייב דעם דאָרפסשניידער, וואָס מען האָט גערופן „שוסטאַק", צוליב די זעקס פינגער אויף יעדער פון זיינע הענט, זיך איינגעקוקט אין די קאָטשערעס־מיט־לאָפּעטעס אותיות, און ס'איז אויפגעגאַנגען צו אים דער היימישער ריח פון שניידערס פאַרזשאַווערטער פרעס צוזאַמען מיט אַ גרויסער ליידיקייט.

די ליידיקייט איז דערנאָך אויפגעגאַנגען צו אים פון די ני־

דעריקע, בלעכערנע פארם־הייזלעך, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל טי־פער אין דער ערד באַהאַלטן, פון די שכנישע, נישט־באַארבעטע פעלדער, ווו ס'האָט זיך אייביק מיט אומעט געהויקערט אַ גרויסע סטאַדע שעפּסן, ווי אַ ברודיקע אַלטע פּלאַכטע. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די שעפּסן וועלן שוין קיינמאָל זייער אָרט נישט פאַר־לאָזן, זיי זענען שוין לאַנג מער קיין לעבעדיקע באַשעפענישן נישט... און ווען ער האָט זיך פון געלעגער נישט געקענט מער אויפהויבן און ס'האָט צו אים אַריינגעשמעקט אַ שכן, האָט זיך אים גענומען אויסוויזן, אַז ס'רעדט צו אים אַ קול, ווי פון אונטער דער ערד אַפיר, ער איז אינגאַנצן שוין אָפּגעוווינט פון מענטשן געווען. גרויסע, דיקע טראָפּנס שווייס האָבן זיך אים געשטעלט אויפן שטערן און ס'האָבן אים אַנגסטן באַשלאָגן: וויפל מאָל ער איז איינגעדרימלט, איז ער באַלד מיט שרעק אויפגעקומען, מיט שנעלע פינגער געלאָפן איבערן אייגענעם לייב, איבער די ראַנדן פון בעט, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז ס'איז שוין נאָך אים, מען האָט זיך שוין לאַנג אין דער העס מיט אים אָפּגעפּאָרעט... ער האָט איבערגעציילט די שייבלעך פון זיינע פענסטער, זיך אַרומגעקוקט אויף די ווענט פון זיין שטיבל, ווו ס'איז געשטאַנען אַ מאַט, געל טאָג־ליכט און ווען ער איז שוין אינגאַנצן זיכער געווען, אַז ער ליגט טאַקע ביי זיך אויפן געלעגער, איז ער צוריק אַנטדרימלט געוואָרן. אָבער באַלד איז ער ווייטער אויפגעקומען, באַנגאָסן מיט פרישע אַנגסטן. ער האָט פאַר דעם שכן, אַ דאַרן, ביינערדיקן פּאַרמער, וואָס איז איצט אָפּט צו אים געקומען אין אַן אַלטן, צעפּאָרענעם אויטאָ, גענומען מורמלען אַרויסגעכאַפּטע ווערטער פונם דאַווענען, פון תהלים, און איינמאָל אַפילו אָפּגע־זאָגט הויך וידוי. אינמיטן זאָגן איז ער אַלעמאָל געבליבן שטיין, נישט געדענקט גאָרנישט און זיך מיט שרעק אומגעקוקט אויפן שכן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. דער שכן האָט זיך צוגעהערט צו זיינע פרעמדע ווערטער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מורמלען, געצויגן מיט די אַקסלען, ווי אויף אײנעם, וואָס איז חסר־דעה, און דאָס ווייב זיינס, אַ קליין פרום גויעלע, מיט אַ גרויסן צלם אויף דער איינגעפאַלענער ברוסט, האָט מיט ערפורכט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געוווסט, אַז ער איז מתפלל. איינמאָל האָט ער אפיי·

הניך דערציילט, אַז ער מוז פֿאָרן אין שטאָט אַריין, ער האָט דאָרטן עפּעס צו באַזאָרגן. אַ וויכטיקע זאַך האָט ער דאָרטן פֿאַר זיך צו באַזאָרגן... דער שכן האָט אים איינגענומען, געשעפּטשעט מיט גרויס פֿאַרזיכטיקייט צו אים, ווי צו איינעם, וואָס רעדט פֿונם וועג...

צום ערגסטן איז אָבער געווען אין די נעכט. אַלץ האָט זיך אים אויסגעמישט. אַלץ איינס, צי ער האָט צוגעהאַלטן די אויגן, צי ער האָט זיי געהאַלטן אָפֿן, האָט ער בלויז געזען פֿאַר זיך איין שטיק השכּות און ער האָט אינגאַנצן נישט געפֿילט מער, צי ער געפֿינט זיך צווישן די לעבעדיקע... און נאָך איינער אַזאַ נאַכט, וואָס האָט זיך זייער לאַנג געצויגן, ביז דער באַגינען האָט זיך פֿאַרזיכטיק אַריינגעשאַרט צו אים אין שטוב און אים צוריק מיט די לעבעדיקע באַהאָפֿטן, האָט ער זיך דערפֿילט פּלוצים גוט און איז פֿון געלעגער אַראָפּ. ער האָט דערשפּירט אין זיך פֿרישע כּוחות ווי יינגלווייז און אַריין אין שטאַל, וו ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט דער הייסער אָטעם פֿון פֿערד און בהמהשער סלינע. די פֿיס האָבן זיך אונטער אים געשאָקלט, אָפּגעווינט פֿון גיין, ווי נישט זיינע. ס'האָט זיך אים כּסדר נאָר אויסגעוויזן, אַז ער פֿאַלט אום, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט. מיט שוואַכע, ציטערדיקע פֿינגער, האָט ער איינס פֿון זיינע פֿערד איינגעשפּאַנט צום אַלטן צווירעדער־דיקן וועגעלע. אין שטאַל איז געווען שטאָק־פֿינסטער. דער טאָג איז נאָך אַהער נישט אַריין דורך די שפּאַרעס פֿון די פֿאַרזשאַ־ווערטע בלעכענע ווענטלעך. דאָס אַנדערע פֿערד, וואָס האָט זיך דערשראָקן פֿון שלאָף אויפֿגעריסן, האָט מיט גרויס אומרואיקייט געקאָפּעט מיט די פֿיס אין דער ערד און אָפּגעהאַקט געהירזשעט. ס'איז באַלד צוגעקומען צו אים, אָנגעלענט אויף אים די הייסע מאָרדע, אָבער ער האָט עס אַוועקגעטריבן פֿון זיך. דאָס הירזשען פֿונם פֿערד אין דער פֿאַרמאַכטער שטאַל און דאָס קאָפּען מיט די פֿיס אין דער ערד, וואָס האָט טעמפּ אָפּגעהילכט אין דעם שטילן פֿרימאָרגן, האָט נאָך זלמן לאַנג געהערט, בעת ער האָט זיך אַרויס־געלאָזט אין וועג אַריין. אָבער ער האָט געמאַכט אַ חשבון, אַז ווען ער וועט שנעל פֿאָרן, קען ער אַמאָל נאָך, פּונקט צום דריטן טאָג, באַגינען, אָנקומען אין שטאָט, שטאַרבן צווישן יידן, און ער

האָט זיך זייער געאײַלט... ביידע פערד האָבן זיך צעהירזשעט, מיט בענקשאַפט זיך אָפּגעענטפערט פון דער ווייט, אָבער ביי זלמנען האָט איצט דער קאָפּ צוריק קלאָר געאַרבעט און ער האָט אַריינגענומען אין דער אָפּגעשוואַכטער האַנט אַריין די בייטש און אַ פּאָר שמיץ אַראָפּגעלאָזט אויפן פערדישן רוקן. לויט זיין חשבון איז אויסגעקומען, אַז אויב ער וועט זיך איילן, קען ער אַמאָל אָנקומען אין שטאָט, צווישן יידן, פריער נאָך ווי דעם דריטן טאָג באַגינען... זיין נידעריק הייזל האָט זיך קלאָר אָנגעזען פון דערווייטנס, די פעלדער זענען רואיק געלעגן, פולע און זאַטע און די זון איז אויפגעגאַנגען אַ פרישע, אַ רויט־צעבריטע, ווי זי וואָלט ס'ערשטע מאָל די ערד דערזען...

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געשלעפּט, אַלעמאָל אָפּגעשטאַנען אינמיטן וועג, ווייל די כוחות האָבן אים אינגאַנצן פאַרלאָזט, אָבער באַלד האָט ער זיך טיפער אַריינגערוקט אינם אָנלען און זיך דערפילט צוריק פריש און געזונט. ער האָט מיט עקשנות צוגעהאַלטן די לייצעס, זיי קראַמפּהאַפטיק צוגעדריקט צו זיך, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער קען זיי נאָך אַרויסלאָזן, כסדר אונטערגעטריבן דאָס פערד, וואָס איז אַזוי אויך גיך געלאָפן איבערן האַרטן שטיינערדיקן וועג.

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט בלויז עפּעס איבערגעכאַפּט, כדי די נשמה צו דערהאַלטן. אָבער ער האָט קיין דרימל נישט געכאַפּט, אפילו קיין אויג נישט צוגעטון. בלויז דאָס פערד איז שוין געווען מיד פון לאַנגען שלעפּן זיך און מורא געהאַט פאַר די אַלע שאָטנס, וואָס זענען אין וועג אַקייגנגעלאָפן. ס'איז אַלעמאָל צוריקגעשפּרונגען, זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס פאַר די בייזע אויסדוכטענישן, אָבער ער האָט עס מכבד געווען מיט דער בייטש און ס'האָט פאַרזיכטיק מיט די פיס איבערן וועג געזוכט. קיין וועלדער זענען אַרום נישט געווען און די ערד האָט זיך פלאַך געצויגן אין דער ווייטקייט אַריין. איינצלנע פאַרברענטע און ווייס־אויסגעטרוקנטע עקאַליפּטוס־ביימער זענען צעזייעט אַרום געלעגן, ווי ביינער פון ריזיקע חיות... ער האָט זיך איינער אַליין געשלעפּט אין דער פוסטער נאַכט און דער גרויסער ברייטער הימל, באַשיט

מיט אַן אַ שיעור שטערן איז נידעריק געלעגן איבער זיין קאָפּ. אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט ער געהערט דאָס זילבערנע געקלאַנג פון די שטערן, געפילט זייער וואַרעמען אָטעם און ס'איז אים גוט געווען אויפן געמיט, ווייל ער האָט געזען, אַז ער איז נישט אַליין...

דעם פינפטן טאָג אויף דער נאַכט האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרם, וואָס איז געשטאַנען פאַרוקט פון וועג, ווי אַוועקגע־שליידערט פון ווינט. ער האָט זיך געשטאַרקט, געוואָלט פאַרביי. אָבער ווען ער איז שוין אַ שטיק וועגס אָפּגעפאָרן, האָט ער זיך צוריקגעקערט. פּאַוואָליע און שווער איז דאָס וועגעלע אונטער־געשפּרונגען אויף דער זייטיקער סטעזשקע. ס'האָט אים באַגעגנט אַ געוואָיעריי פון אַ הונט, וואָס האָט זיך געריסן צו אים און רוגזאדיק געקלונגען מיט אַ לאַנגער אייזערנער קייט. ס'האָט גענומען אַ שטיק צייט, ביז ס'האָט זיך באַוויזן אינדרויסן אַן עלטערער מענטש, וואָס האָט מכבד געווען דעם הונט מיט אַ שייט האָלץ גלייך איבער דער מאָרדע, מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, ווי ער וואָלט געשלאָגן אין אַ ברעט אַריין. דער הונט האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויפן בויך, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג, אָנ־געלענט דעם פּיסק אויף דער ערד און אָפּגעהאַקט געוואָיעט אויף זלמנען. אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט האָט זיך זלמן צוזאַ־מענגעטראָפן מיט זיינע פאַרטרערטע, ווילדע אויגן, וואָס האָבן פון אונטן אַרויף געהיטן זיין יעדע באַוועגונג.

דער פּאַרמער האָט נישט אויסגערעדט אַ וואָרט צו זלמנען, שווייגנדיק אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, וואָס האָט מיט אַ מטושטשער, געלער שיין באַלויכטן זיין פּנים, וואָס איז געווען שפּיציק, ווי ביים הונט. שפּעטער האָט ער זיך הויך געקראַצט אין דער האָ־ריקער ברוסט און זיין פּנים האָט זיך נחתדיק צעשמייכלט צו זיך אַליין, ווי קיינער וואָלט מיט אים אין שטוב נישט געווען. ער האָט דערקענט, אַז זלמן איז געקומען אַהער, אין לאַנד אַריין, פון דער פרעמד, און זיך פּלוצים צערעדט. ער האָט דערציילט וועגן די אַלע מדינות, וו ער איז אַלץ געווען אין דער מלחמה, ביז ער איז צוגעקומען צו היטלערן און די יידן, וואָס מוזן פאַרלאָזן

זייערע היימען. זיין שפּיציק פּנים, ווי אַ קלין, האָט געקוקט אין אַ זייט און ער האָט אַלעמאָל אויסגעלאָזט מיטן זעלבן פּזמון:

— דעטס דע טראָבל... איזנט איט... זאָגסט עפּעס?...

אָבער זלמן האָט דערזען פּלוצים ברויט אויפן טיש און דערשפּירט אַ גרויסן הונגער. ווען ער האָט אָפּגעבראָכן די ערשטע המוציא און עפּעס טועם געווען, איז אים דער הונגער אַוועק און ס'איז אים אַלץ קאַפּויער געגאַנגען. ער איז אַנידערגעפאַלן אויפן געלעגער און באַלד אויפן אָרט איינגעשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך ווען ס'איז נאָך געווען נאַכט. די גלידער זענען געווען ביי אים ווי אָפּגענומען און ער האָט זיי נישט געפילט מער. ער האָט שוין נישט געהאַט מער קיין חשק זיך צו לאָזן ווייטער אין וועג אַריין און קוים פון געלעגער אַראָפּגעקראָכן. מיט די לעצטע כוחות איז ער אַרויף אויפן וועגעלע, וואָס האָט זיך אַ וואַקל געטון, ווי אומצופאַלן. דער ווינט האָט געבלאָזן פון איין זייט מיט כוח, אויסגעלאָשן די בלאַסע שטערן אויפן הימל, און ווי זלמן האָט נישט געוואָלט אויסגלייכן דאָס וועגעלע, וואָס איז כסדר קרום געפאָרן, איז עס אים נישט געלונגען.

אָבער ס'איז שוין נישט ווייט געווען פון דער שטאָט און פאַרשידענע אויטאָס און לאַסטוועגענער זענען אים אין וועג אַקעגנגעקומען. דער ווינט האָט איצט געשטופּט פון הינטן דאָס וועגעלע און ס'איז פון זיך אַליין געלאָפן, ווי פון אַ באַרג. ער האָט נישט קיין כוח געהאַט מער צו דערהאַלטן די לייצעס, זיי אָפּגעלאָזט, און זיי האָבן דעם וועג געקערט. דאָס וועגעלע איז אַלעמאָל גיכער געלאָפן, אונטערגעשטופּט פונם ווינט. ער האָט נאָך באַוויזן צו דערזען די שטאָט, צו דערזען די מויערן און דעכער, וואָס זענען געלעגן פאַר אים ענג־צונויפגעטריבן, גלייך ס'וואָלט נישט געווען מער קיין אָרט אין דעם אַרומיקן ברייטן שטח.

דאָס וועגעלע האָט זיך אַריינגעקוילערט אין שטאָט אַריין, וואָס האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, זיך געוועקט צום לעבן.

מענטשן האָבן זיך געאײַלט צו דער אַרבעט און טראַמוויען האָבן זיך געשלעפּט, אָנגעפּאַקטע און פֿולע. טרערן פֿון פֿרייד האָבן זיך אַ גאָס־געטון פֿון זלמנס אויגן. אָבער זיי זענען באַלד אויסגע־טריקנט געוואָרן. זײַן אײביק שמייכעלע אין די געדיכטע ברעמען, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען קליגער פֿון אַלע, איז אויסגע־קרומט געווען אויף אַ זײַט, שטײַף־פֿאַרגליווערט. דאָס פּערד האָט דערפֿילט, אַז ס'האָט שוין נישט איבער זיך קיין באַלעבאָס, זיך לאַנג און אומרואיק צעהירזשעט און זיך אַ לאָז־געטון צעשראָקן איבער די פֿרעמד־ע גאַסן...

דער שידוך

דער שידוך, וואָס האָט זיך געצויגן בסוד־סודות פּונקט אַ יאָר צייט, צווישן ברוך מאַרגאָלינען, דעם נאַלעווקער רייכן טריקאָטאַזש־פאַבריקאַנט און דעם אָרעמען שוחטס טאָכטער, די מיטליאָריקע, קיילעכדיק־פולע אלמנה, איז סוף־כל־סוף געשלאָסן געוואָרן, און ערשט נעכטן איז פאָרגעקומען די חתונה ביי אַ ווינקל־מורה־הוראה, שטיל, אָן רעש, קיינער זאָל דערפון נישט וויסן. ר׳ ברוך האָט אפילו נאָך זיין ווייבס טויט זיך נישט געאײַלט חתונה צו האָבן, געזוכט אַ פרוי דווקא אין די מיטעלע יאָרן, אַן אָרעמע, כדי זי זאָל נישט זיין קיין אויסברענגערין, אַ באַשיידענע, נישט קיין היינט־וועלטיקע. און ער האָט טאַקע געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. נישט אומזיסט האָט זיך דער שידוך געצויגן פּונקט אַ יאָר צייט. ער האָט זיך נישט געאײַלט, געוויזן, אַז עס ברענט נישט ביי אים, דעם שדכן אַ פּאָר מאָל אַרויסגעוואָרפן הינטער דער טיר, כדי ער זאָל זיך נישט פילן אַזוי זיכער ביי זיך און דערנאָך פאַרלאַנגען אַ סך שדכנות, אונטערגעשיקט צו דעם ווייבל פרעמדע מענטשן, זי זאָל נישט וויסן, ווער זיי זענען — לאַנג און פּינקטלעך אויסגעפאָרשט יעדע קלייניקייט, ווי ער איז זיך נוהג אין זיינע מסחרים...

די ערשטע נאַכט נאָך דער חתונה איז ר׳ ברוך געבליבן נעכטיקן ביים שווער הינטער דער שטאָט, צוליבן ווייטן וועג. ער האָט עס געוואָלט אָפּלייגן אויף כאָטש אַביסל שפּעטער און נישט ברענגען באַלד אַ צווייט ווייב מיט זיך אין שטוב אַריין. דעם אַנדערן טאָג, בעת ער האָט זיך, אַ בייזער און אַן אָנגעכמורעטער, ווי געוויינטלעך, אויפגעהויבן אין דער פרי, האָט ער זיך געזעגנט מיטן שווער און געזאָגט, אַז ער וועט דאָס ווייב נישט מיטנעמען באַלד מיט זיך, ווייל ער וויל נישט צופאָרן צוזאַמען

מיט איר פאר זיין הויז, ער וויל נישט איפרייסן קיינעם די אויגן.

ר׳ ברוך האט זיך נישט געקענט פארשטעלן, ווי אזוי ער וואלט עפעם פארפארן מיט זיין פריש ווייב פאר דעם טויער פון זיין הויז. ער האט בכלל פיינט געהאט זיך אויפצוזעצן, אדער צוצופארן אין א דראזשקע פאר זיין טויער, מען זאל נישט זאגן אויף אים, אז ער פירט א ברייט, צעלאזן לעבן, ווי א הולטאי. שטענדיק איז ער געגאנגען צו־פוס א גאס און אפילו צוויי, דערנאך זיך ערשט אויף דער דראזשקע אויפגעזעצט, אדער אויסגעשטיגן א גאס פריער...

דעם ווייב האט ר׳ ברוך געהייסן היינט נאכמיטאג אליין קומען. איצט ווארט ער זי אפ שוין פון א פאר שעה, דרייט זיך ארום איבער דער שטוב. אז מען קלינגט ביי דער טיר, שטעלט ער זיך אפ און הערט זיך אנגעשטרענגט צו, ווער ס׳איז געקומען. כאטש ער רעדט זיך איין, אז עס ארט אים נישט די גאנצע זאך פון דאנען ביז אהער, ווייל ער איז א בארעכנטער מענטש, פונדעסטוועגן פארגנבעט זיך צו אים אן אומרואיקייט און ער דערפילט אלעמאל א שרעק.

ר׳ ברוך זעט, ווי אויף די צוגעטוליעטע פארטרעטן פון זיינע פארשטארבענע טאטע־מאמע, פארגייט בלוטיק א קראנקער, בלייכער טאג, שפייט אוים אין ווינקל שטוב א לעצט שטיק חיות. דער בין־השמשות וויקלט די פארטרעטן שווארץ ארום. ר׳ ברוכס טעכטער זענען מיט זייערע חברטאָרינס אוועק שפאצירן. אין די שטובן ציטערן נאך זייערע געשרייען און געלעכטערס. ער הערט זיך צו, ווי זיי גייען פאמעלעך אוים.

ס׳איז צוגעפאלן די נאכט און קיינער איז נישט געקומען. ר׳ ברוך האט נישט אנגעצונדן דאס ליכט. ער האט געהערט, ווי אין די שויבן האט זיך אלעמאל אפגעשלאגן דער ווינט און זיך פארפלאנטערט אין די טראמוויי־דראטן מיט א מעטאלענעם געזאנג, וואס איז געקומען ווי פון ווייט. א מאט־בלאסער, קיילעכדיקער לאמפ האט זיך געוויגט אין פענסטער, מיטגעשלעפט מיט זיך דעם מילך־ווייסן אפשיין, וואס איז ארומגעשווומען איבער דער פאדלאגע און ווענט, אפגעדעקט דאס גלאנציק־אויסגעפוצטע,

בלייבע זילבער אין דעם ברייטן קרעדענץ און עס צוריק פֿאַרהילט.

ר׳ ברוכן טוט שוין באַנג, וואָס ער האָט באַלד נישט מיטגענומען מיט זיך דאָס ווייב, ווי ס׳פּירט זיך. איר טאַטע, ר׳ נטלעדאָס שוחטל, מיט אַ רויט־ברודיקער, אַרויסהענגענדיקער פּאַטשיילע פֿון דער הינטערשטער קעשענע, מיט פֿאַרטאַבאַקטע באָרד־און־וואָנצעס און קליינע, בייזע אייגעלעך, האָט אים היינט אין דער פֿרי אָוועקגערופֿן אין אַ ווינקל און איינגערוימט עפּעס אין אויער. ס׳האָט זיך געשפּירט פֿון אים מיט זיסלעך בלוט און פֿעדערן. ער האָט געשעפּטשעט אים אין אויער איינצלנע אָפּגעהאַקטע ווערטער, זיך געדושעט, נישט געקענט אַרויסברענגען, וואָס ער מיינט. ר׳ ברוך האָט זיך צום סוף געכאַפּט, אַז ער וויל, ער זאָל מיטנעמען באַלד מיט זיך דאָס ווייב, ווייל עס פּאַסט נישט אַנדערש פֿאַר מענטשן. ס׳האָט ברוכן באַלד פֿאַרדראָסן, וואָס ער מישט זיך צו אים, ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע, אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, דערנאָך זיך פּלוצים אומגעקערט און געזאָגט:

— מישט אייך נישט צו מיר, שווער... איר הערט?... איך פֿאַרלאַנג עס נישט!...

מער האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט געזען, ווי דאָס קליינע, בלאַסע שוחטל פֿינטלט גיך און צעשראָקן מיט די בייזע אייגעלעך, וויל עפּעס אַרויסברענגען פֿון די פֿאַרחידושטע, טויט־ווייסע ליפּן און קען נישט.

איצט טוט שוין ברוכן באַנג, וואָס ער האָט אים נישט געפֿאָלגט. ער איז אַלעמאָל מיט גיכע טריט צום פֿענסטער צו, געזען אַ שמאָלן פּאַס פֿון טראָטואַר, באַשיט מיט קליינע מענטשן, ווי מיט שוואַרצע ווערעם, וואָס האָבן זיך אָן שום זין באַוועגט, געשטופּט איינער אויפֿן אַנדערן, געלאָפֿן ערגעץ, ווי געשליידערט פֿונם ווינט. דאָס גרינע פּייער אינם קרומען גאַסן־לאַמטערן אויפֿן ראָג גאָס האָט זיך פֿאַרן אויסגיין דאָס לעצטע מאָל העל צעצונדן. אין די שויבן האָט זיך צעקלונגען דער ווינט, געטאַפּט מיט שנעלע, לאַנגע פֿינגער, געזוכט אַן אָרט פֿאַר זיך און זיך צוריק אַ הויב געטון אין דער הויך. ר׳ ברוך איז צו דער טיר צו,

אומרואיק זיך צוגעהערט צום קלענסטן גערויש אין קאָרידאָר. ס'האָט אים נישט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק, אַז מען האָט אים, ר' ברוך מאַרגאָלינען, אויסגעשטעלט פאַר אַ נאַר... דאָס האָט אים ווי געטון, כאָטש ער האָט דערין נישט געוואָלט גלויבן, אָפּ־געגנאַרט זיך אַליין. ר' ברוך האָט שטענדיק מורא געהאַט פאַרן אמת, איינגערעדט זיך אַליין זאַכן, וואָס ער האָט געוווסט, אַז זיי זענען ליגנט. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט וויסן, וואָס מ'רעדט וועגן אים הינטער די אויגן, געהאַלטן שטאַרק פון ווערטל, אַז הינטער דער פּלייצע קען מען דעם קייזער אַ פייג ווייזן... אָבער אומגעריכט האָט זיך טאַקע דאָס גלעקל פאַר דער טיר נישט זיכער און אַזוי ווי פאַרשעמט צעקלונגען. ער האָט געהערט, ווי די דינסט גייט צו דער טיר צו און באַלד האָט איר קוויטשיק, אומגעדולדיק־בייז קול געפרעגט, ווער דאָס איז. דעם ענטפער האָט ער אינגאַנצן נישט דערהערט. דאָס קוויטשיקע קול פון דער דינסט האָט ווידער איבערגעריסן די שטילקייט. זי האָט זיך איצט נאָך מיט מער אומגעדולד געבייזערט, ווי פריער. דער־נאָך האָט זי געעפנט די טיר און עס האָבן זיך נישט־זיכער אַריינ־געשיט ווייבערישע טריטעלעך. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי די דינסט האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און געזאָגט:

— עפּעס אַ פרוי פרעגט זיך אויפן באַלעבאָס...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שטול, אָבער איידער וואָס־ווען, איז אַ שוואַרצער, קורצער פלעק געבליבן שטיין אין דער פינסטערניש פון שטוב. ר' ברוך האָט אָנגעצונדן די עלעקטרי, וואָס האָט אויסגעוויקלט מיטאַמאָל פון חשכות אַ קליין, פול ווייבל אין די מיטעלע יאָרן, אין אַ ניי שוואַרץ היטעלע, וואָס איז געשטאַנען ביי איר אויפן שפּיץ שייטל, שטייפלעך־פרעמד, ווי צוגעקלעפּט. צי פון דער פּלוצימדיקער ליכטיקייט, צי פון פאַר־שעמטקייט, האָט זי געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אָבער ווי נאָר זי איז געקומען אין מיטן שטוב, האָט זי זיך פּלוצים געענדערט, נישט צום דערקענען. זי איז געוואָרן דרייסטער און לעבעדיקער, זיכער געשטעלט אויף די הויכע קלעצלעך די קליינע טריטעלעך, וואָס האָבן פול געמאַכט מיט זיך די גאַנצע שטוב. זי האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעקוילערט אין צווייטן עק

צימער, נעבליבן שטיין ביים סאַמע אויבן־אָן פון טיש, אַראָפּגע־נומען דאָס נייע שוואַרצע היטעלע און באַוויזן אַ גרויס, שווער, ברוינלעך־רויט שייטל. די קליינע אויגעלעך, וואָס האָבן נישט געקענט קוקן קיינעם אין די אויגן אַריין, האָבן נאָך אַלץ אַראָפּ־געקוקט פאַרשעמט צו דער ערד. פון אונטערן גרויסן שייטל אַפיר, האָט זי באַלד מיט זיי אַרומגענומען די גאַנצע שטוב, ווי שוין איר אייגנס. שנעל, נישט צו באַמערקן, האָבן זיי זיך אַ גליטש געטון איבער די ווענט און סופיט, באַקוקט דעם גרויסן זשיראַנ־דאָל מיט די פיל לאַנגע, נאָכהענגענדיקע קרישטאָלן, ווו עס האָבן געציטערט בלויע און גרינע גאָלד־אָדערלעך פון דער עלעקטרי.

דאָס ווייבל האָט באַלד באַמערקט, אַז ר׳ ברוך איז עפּעס צופיל בלאַס. ער פילט זיך נישט מער אַזוי זיכער, ווי נעכטן נאָך דער חופּה און היינט אין דער פרי, און אירע גרויע אויגעלעך האָבן באַקומען אַ לעבעדיקן גלאַנץ. ר׳ ברוכס פּנים איז געווען געעלטערט, ס׳האָט אַנגעוווירן די זיכערקייט, אַזוי ווי תּמיד, בעת מען גיט אים עפּעס נישט נאָך. די אויגן זענען געווען נאַס, ווי פאַרטרערט, פון גרויס ליבע צו זיך, די ווייסלען פאַרצויגן מיט רויט־פאַרצווייגטע, אָנגעשטרענגטע אָדערלעך. דאָס ווייבל האָט דערקענט, אַז זי האָט גוט געטון, וואָס זי האָט זיך נישט געאיילט היינט מיטן קומען אַהער. נאָך אין דער פרי, בעת ברוך האָט איר טאַטן געשעפטלעך־רואיק געזאָגט, אַז ער וועט זי נישט מיטנעמען מיט זיך, זי זאָל אַליין קומען — האָט זי באַשלאָסן אין אים נקמה צו נעמען. ער איז אַ מענטש, וואָס מען טאָר זיך אים נישט אונטערגעבן. ר׳ ברוך האָט זי געפרעגט בייז און מיט אַ ברום, פאַרוואָס זי איז עפּעס אַזוי שפּעט געקומען. זי האָט שולדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, ווי אַ יונג שעמעוודיק מיידל, וואָס האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט און שולדיק געשוויגן.

ר׳ ברוך האָט אויף איר נישט געקוקט, לאַנג באַטראַכט דעם זייגער, וואָס שטייט ביי אים גאַנצע פערציק יאָר, ווי ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל באַמערקט. זיין שטענדיקע זיכער־קייט אין זיך, וואָס האָט אים געגעבן נעכטן, ביי דער חופּה, נענוג גלייכגעוויכט, אַז ער האָט אַלץ קאַלט, פּינקטלעך־גענוי באַזאָרגט, געמוטשעט דעם מורה־הוראה, ווי זיינע „מענטשן״

אין געוועלב — איז פּלוצים פאַרשוווּנדן, בעת ער האָט זיך געפונען אַליין מיט אַ פרעמדער פרוי אין אַ ליכטיקער שטוב. כאָטש ער האָט כסדר זיך אַליין פאַרזיכערט, אַז ער האָט גענומען בלויז אַ באַלעבאָסטע אין שטוב אַריין, ווייל די טעכטער האָבן נישט געקענט די באַלעבאַטישקייט פירן, זענען אים אָבער, ווי אויף צו־להכעיס, פאַרשידענע אַנדערע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין געקומען, ווי שטענדיק, בעת מען געפינט זיך מיט אַ פרעמדער פרוי אַליין, אַז ער האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט.

דאָס גלעקל פאַר דער טיר האָט זיך איצט נאָכאַמאָל צע־קלונגען. עס האָט זיך איצט געריסן חוצפּהדיק און בייז. און באַלד האָט זיך אין שטוב אַריין בּרייט אַריינגעשטופּט אַן אָנגע־פּעלצטער טרעגער מיט אַ רויט, אָפּגעשיילט פּנים. פון קאָפּ ביז די פיס איז ער געווען באַהאָנגען מיט פּעקלעך און טלומיקעס. נאָך אים האָט זיך אַריינגערוקט אַ יונג אָפּגעריסן בחורל מיט אַ קופערט אויפן קאַרק. ער האָט אים באַלד בריהש־שנעל און מעשה־גרויסער, מיט געניט־אַלטער טרעגערישער קענטעניש אַראָפּגעשטעלט אַליין אויף דער פּאָדלאָגע און גענומען צוהעלפן דעם אַלטן טאַטן, דעם טרעגער. דעם טרעגערס רויע שטים האָט אויפגעריסן מיט געפילדער און רעש די רואיקייט אין שטוב.

דער זון האָט ווילעריש גערוקט די הויזן, געזיפּט מיט דער נאָז און הינטנאַרום, קיינער זאָל נישט זען, געטשעפּעט מיט דער דינסט. וואָס איז זיי נאָכגעלאָפן און הויך געקווויטשעט, פאַרוואָס זיי לאָזן נישט איבער די זאַכן אין קאָרידאָר און מושבן אָן. נאָך זיי אַלע האָט זיך פּאַוואָליע, מיט געלאַסענע טריטלעך, ווי ער וואָלט אַ סך צייט געהאַט, נאָכגעשאַרט ר׳ נטעלע דאָס שוחטל, ר׳ ברוכס שווער. ער האָט פאָרזיכטיק זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, כסדר געקוקט הינטער זיך, ווי ער וואָלט באַטראַכט אַ דירה צום דינגען. דעם „גוטן־אָוונט” האָט ער ברייט, מיט אַ ניגון אַרויסגעזונגען, זיך געריבן בעת־מעשה די הענטלעך, זיך גע־האַלטן פון דערווייטנס פון טרעגער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז יענער קען נאָך אַרויפטרעטן אויף אים. גערעדט האָט ער אויך צום טרעגער פון דערווייטנס, אַריבערגעשריגן צו אים, ווי אין אַ צווייטער שטוב אַריין. מיט דעם אייביקן ביטול פון אַ ייד־

א תּלמיד־חכם צו אַ גראָבן יונג, האָט ער זיך געהיטן צו שטיין אין זיינע ד׳ אמות. זיי האָבן אָפּן געלאָזט די טיר און ר׳ ברוך האָט באַמערקט, ווי אַ סך קעפּ קוקן שוין אַריין מיט נייגיר אין שטוב און ער האָט פאַרהאַקט די טיר אַלעמען אונטער דער נאָז. ער איז בייז געווען, פאַרוואָס דער שווער האָט געברענגט אַזוי פיל נישט־נוציקע זאַכן און עפּעס אַן אַלטן, ליידיקן קופערט. דאָס שוחטל האָט געהיטן די זאַכן, וואָס דער טרעגער האָט געהאַלטן אין די הענט, מיט דער לייכטקייט און הפקרות צו פרעמד האָב־און־גוטס, און ווי פאַרזיכטיק ער איז זיך מיט זיי באַגאַנגען, האָט עס אים אַליין נישט צופרידנגעשטעלט. ביי יעדן מאָל, ווען דער טרעגער האָט אַ וואָרף געטון מיט הפקרות און געשריי אַ פּאַק אויף דער ערד, האָט דער שוחט אויסגעשטרעקט די הענט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אויפכאַפּן, אייידער ער ווערט צעשיט אויף פּיצלעך.

— ניטע... פּאַמעלער... — האָבן זיך זיינע ווייסע, טויטע ליפּן געבעטן.

בשעת די טרעגער זענען אַוועק, האָט ער זיך אויסגעטון דעם כאַלאַט און דאָס היטעלע, געווישט דעם שווייס פון אונטער דער פאַרפּעדערטער יאַרמעלקע. ער האָט איצט לאַנג באַקוקט די געברענגטע זאַכן, אויסגעגלייכט יעדעס פּעקל מיט אַזאַ צערט־לעכקייט, ווי אינעווייניק וואָלט אַ גרויס פאַרמעגן געלעגן. די טאָכטער האָט זיך געהאַלטן נאָענט פון טאַטן, נישט אָפּגעטרעטן פון אים. שפּעטער האָט ער זיך ביים טיש אַוועקגעזעצט אין דער יאַרמעלקע און אויסגעבעטן ווערטל, די העמד־אַרבל צעלאָזן, גלייך ער וואָלט זיך אָפּגערוט נאָך אַ שווערער אַרבעט. ער האָט זיך געמיטלעך געמאַכט, ווי איינער, וואָס האָט אַ סך צייט, גע־נומען אַ שמעק טאַבאַק, אַ פּאָר מאָל אַ נאָס געטון און זיך גע־קליבן מיט ר׳ ברוכן צו פאַרפירן אַ שמועס. ער האָט פּאַוואָליע אַרויסגענומען די גרויסע רויטע פאַטשיילע, זי אויסגעשאָקלט ר׳ ברוכן אין פּנים אַריין און געשנייצט די נאָז הויך, מיט אַ טראָ־מייטער. בשעת־מעשה האָט ער מיט די קליינע אויגעלעך באַ־טאַפּט אַלע שטוב־זאַכן, געווויגן זייער ווערט. פון דער שאַנק האָט ער אַרויסגענומען אַ בעכער, צוגעשטעלט צום ליכט, געדרייט

אים אין אַלע זייטן און געזוכט דעם „פּרווו". ער האָט געצמאָ־קעט מיט די ליפּן:

— פּי־פּי־פּי... אַן אַנטיק... פון וועמען האָסטו עס, ברוך?... פון טאַטן עליו־השלום?... אַ טייערע זאַך... דו ווייסט אַליין נישט וואָס דאָס איז!... האָט שוין אַ סך יאָרן אויף זיך... פּי־פּי־פּי...

ער האָט דעם בעכער אַ וואָרף געטון אין דער האַנט, גע־וווּיגן ס'זילבער. ווען ר' ברוך האָט אַוועקגעקוקט, האָט ער זיך שטילערהייט אַריינגעגנבעט אין די אַנדערע צימערן און אַלץ באַקוקט, ווי ער וואָלט זיך נאָכאַמאָל וועלן פאַרזיכערן, אַז ער האָט נישט געטון קיין שלעכטן שידוך. די טיי האָט ער לאַנג געטרונקען, געבלאָזן צום גלאָז, וואָס ער האָט אויף דער האַנט־פלאַך געהאַלטן, ווי אַ קידוש־בעכער און אַרויסגעקרעכצט אַלע־מאָל אַ מחיהדיקן „אַ־אַ־אַ". דעם צוקער האָט ער מיט אַ מעסער צעהאַקט קאַרג אויף קליינע פּיצלעך און זיי געהאַלטן פאַר־קוועטשט אין פּויסט. נאָכן אויסטרינקען די טיי, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט דעם גאַנצן צוקער און ער האָט אים צוריק אין פּושקע אַריינגעוואָרפן, אַז ר' ברוך זאָל זען. ער האָט אינגאַנצן נישט געקלערט פון אַוועקגיין. ס'איז שוין געווען גוט שפּעט. ר' ברוך האָט שווער געברומט, אָבער דאָס שוחטל האָט גאָרנישט געהערט און איז ווייטער געזעסן. ער האָט אפילו כּלאחר־יד אַ זאָג געטון, בעת זיין קאָפּ האָט זיך שוין אין דרימל געוויגט און זיך אַלעמאָל אַראָפּגעלאָזט אויפן טיש:

— ווי שפּעט קען איצט אַ שטייגער זיין?... ס'איז נישט פרי... מ'דאַרף זיך גיין לייגן שלאָפן... האַ, ברוך?... ווי זאָגסטו?...

אָבער ר' ברוך האָט גאָרנישט געענטפערט. צום סוף האָט זיך דער שוחט פלוצים פון דרימל אויפגעכאַפּט, אַ פלינקער און אַ דערפרישטער, און זיך לאַנג פאַרן אַוועקגיין מיט דער טאָכטער געזעגנט, גלייך ער וואָלט איבערגעלאָזט אויף פרעמדן באַראָט אַ יונג מיידל. מיט דער גרויסער, ברודיק־רויטער פאַטשיילע האָט ער געווישט די אויגן, טרוקענע, אָן טרערן און געוווּנטשן:

— זיי געזונט, פייגעלע...

אַז זי איז־אַליין פאַרבליבן, האָט זי זיך אַרום אירע זאַכן לאַנג געפּאָרעט, זיי אויסגעפּאַקט, צונעמאָסטן און אין מאַן פאַר־

געסן. זי איז אַליין אַריין אין שלאָפצימער, אויסגעטון דאָס גרויסע שייטל און געבליבן שטיין פּלוצים אין גרוילעך־בלאָנדע לעקע־לעך, שטיפעריש־יונג צעזייעטע אויפן שטערן און נאַקן, ווי זי וואָלט מיטן אויסטון דאָס שייטל, אַראָפּגענומען פון זיך אַ העלפט יאָרן.

דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי האָט זיך פייגעלע אויפגע־הויבן אַ סך שפּעטער פון ר׳ ברוכן. אירע בעקעלעך זענען יונגער געוואָרן און האָבן רויט געפלאַמט פון געשמאַקן שלאָף. אַן אויס־געוואַרעמטע, אַ צעפּיעשטשעטע, האָט זי זיך לאַנג און פויל גע־טוליעט צום בעטגעוואַנט, זיך אַיינגעדרייט אין אַ בייגל, אַז ר׳ ברוכן האָט אַ היץ באַשלאָגן. ער האָט געוואָלט אַרויס פון שטוב, אָבער ער איז נישט אַרויס. זי האָט זיך פאַר אים אינגאַנצן נישט געשעמט און זיך אָנגעטון אים אין די אויגן. אויף אים האָט זי נישט געקוקט, די אויגן פאַרשעמט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אין דער יונג־ראָזער שלאָף־קופּקע, דורכגעפלאָכטן מיט פאַרשידענע קאָלירטע שלייפעלעך און אין רויט־געקעסטלטן באַרכנטענעם אונטערקלייד, וואָס איז געווען נאָכלאַזיק פאַרצויגן אַרום איר טאַליע, איז זי באַלד אַריין אין קיך, עפּעס דאָרט הויך גערעדט און באַפוילן מיט דער דינסט.

בעת פייגעלע האָט זיך געזוימט אין קיך, האָט זיך שמאָל אויפגעלענט די טיר פון די טעכטערס שטוב און זייערע קעפּ האָבן זיך באַוויזן אין דער עפענונג פון דער טיר. ר׳ ברוך האָט דערזען דער עלטערער טאָכטערס, העניעס, חוזקדיק שמייכעלע, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען די לעצטע טעג. הייסט עס, אַז זי האָט אַלץ געוווּסט, דאָס איז אים דאָס ערשטע דורכן קאָפּ אַדורך. העניעס שמייכל איז אַרויף אויף ביילטשעס, דער יונגערער טאָכטערס פּנים. זיי זענען ביידע אָן בושה געשטאַנען אין לאַנגע, קאָלירטע נאַכט־העמדער ביז צו די קנעכל, זיך נישט געשעמט פאַרן טאַטן. ער האָט געוואָלט צוגיין און פאַרקלאַפּן די טיר, אָבער איידער וואָס־ווען זענען זייערע קעפּ צוריק פאַרשוווּנדן. זייער שמייכל איז געבליבן הענגען אין דער לופט, זיך צעוואָקסן, אַריין אין יעדן שפּעלטעלע און קאַרב פון דער שטום־פאַרמאַכטער טיר און אַרויסגעשפּעט פון דאָרט לצניש און מיט חוזק. ר׳ ברוכן האָט

זיך געדאכט, אז ער הערט דארט הינטער דער טיר זייער געלעכטער, וואס שיט זיך אלעמאל העכער. אויף איין רגע ווערט שטיל, אבער באלד דערהערט זיך צוריק דאס געלעכטער, נאך העכער און נאך שטארקער. ער האט זיך צוגעהערט, ווי דאס בלוט גיסט זיך שנעל אין אים, געוואלט צולויפן צו דער טיר, אבער ער איז געבליבן זיצן אויפן ארט, רואיק און אן באוועגונג.

פון קיך איז צוריק אריינגעקומען דאס ווייב. זי האט זיך אויסגעפוצט אין א זיידן, אויסדעקאלטירט בלוזקעלע און זיך ארומגעדרייט אין דער בארכנטענער רויט־געקעסטלטער האלקע. אירע קליינע, ענגע, ווי געפענטעטע טריטלעך, האבן זיך אויף הויכע קלעצלעך גיך געשיט איבער די שטובן. דאס גרויסע שייטל איז געלעגן אויפן נאכט־שענקל, א צעשויבערטס, אן קאליר, ווי א צעשטערטע, פארלאזטע נעסט... זי האט עס באלד פון דארט אראפגערוימט, פארשטעקט טיף, ווי אויף אייביק, אין איר קופערט, וואס האט געשמעקט מיט נאפטאלין און פרוכקער אלטקייט. פון אונטער דער שלאף־קופקע אפיר, וואס איז קרום ביי איר אויבן קאפ געזעסן, האבן שטיפעריש אפירגעקוקט די זילבערן־יונגע לעקעלעך. דאס מויל רויט, פולכנע און אביסל ארויסגעשטופט, ווי ביי קאפריזנע קינדער. פון אונטערן קישן אפיר האט זי ארויסגעשלעפט א שטיק שאקאלאדע, וואס זי האט זיך נעכטן פארן שלאפן גיין באהאלטן בגנבה, ער זאל נישט זען און ארויסגעקנייפט כסדר איצט פון קעשענע ארויס. זי איז יונגער געווארן מיטאמאל מיט א סך יארן און ר׳ ברוך האט זיך דערשראקן, זיך פארשעמט פאר זיך אליין, זיך דערפילט ווי אפגענארט. ער האט זי באלד פיינט באקומען. אירע קליינע טריטלעך, וואס האבן פול געמאכט מיט זיך די גאנצע שטוב, ווי מען וואלט ארבעם אויף דער פאדלאגע אויסגעשיט, האבן אים געשטאכן. דער אויסגעווארעמטער ריח פון פרויען־לייב, וואס האט זיך אין זיין הויז אריינבאקומען, איז איצט ענגער און געדיכטער געווארן און אים געשטיקט. ער האט געפילט, אז עפעס פרעמדס האט זיך מיט געוואלט אין זיינע שטובן אריינגעריסן.

אבער פייגעלע האט גארנישט באמערקט, נישט קיין צייט געהאט איינגאנצן צום מאן. זי האט איצט גיך ארויסגעפלאטערט

איבער אַלע שטובן און אַלץ געגוי באַטאַפּט מיט די קורצע הענטלעך, ווי זי וואָלט דאָס אַלץ נאָך מיט אַ צייט צוריק געקויפט און ערשט איצט צייט געהאַט צו באַטראַכטן, צי זי האָט זיך נישט אָפּגענאַרט. יעדע מינדסטע קליינִיקייט האָט ביי ר׳ ברוכן פון כמה־וכמה יאָרן אַן אָרט געהאַט, פּינקטלעך און גלייך געלעגן. קיין שום זאַך האָט זי אויפן אָרט צוריק נישט געלייגט, נאָכן באַטראַכטן אַוועקגעוואָרפן פון זיך, אַרויסגעלאָזט לויז פון די הענטלעך, ווי אַן איבעריקע, נישט־נוציקע שמאָכטע. ביי יעדער קליינִיקייט, וואָס זי האָט אין האַנט אַריין גענומען, האָט ער שווער געברומט און געקרעכצט צו זיך, ווי ער וואָלט געשמועסט מיט זיך אַליין.

ביים פרישטיק האָבן זיי צווישן זיך נישט גערעדט, ווי זיי וואָלטן געווען ברוגז. אויפן ווייס־געדעקטן טיש זענען געשטאַנען צוויי בלאַנקנדיקע גלעזער טיי, ברוגזלעך אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן. קיינער האָט זיך צו זיי נישט צוגערירט. זיי האָבן זיך געקילט, פאַרשעמט געוואַרט אויף אַ בעלן, וואָס זאָל זיי צורוקן צו זיך. ר׳ ברוך איז געזעסן אויבן־אָן ביים טיש און אַראָפּגעקוקט אויפן ווייסן טישטוך. פייגעלע האָט פאַרשעמט, ווי איר טבע, נישט געקוקט אין זיין זייט אַריין, די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט נישט דרייסט צו דער ערד. די קאַלטע האַרבסטיקע זון, וואָס איז געקראָכן אויפן ווייס־געדעקטן טיש, האָט אַרומגעהאַלזט די בלאַנקנדיקע גלעזער טיי און בלייך אָנגעצונדן די זילבערנע לעפעלעך. דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אַ גאַנצע נאַכט, האָט זיך אין דער פרי אָפּגעשטעלט. די שויבן האָבן זויבער געבלאַנקט, אויסגעפוצט פון ווינט, וואָס האָט זיי ביז אין דער פרי געקערט, נישט איבערגעלאָזט אויף זיי קיין שטויבעלע. ר׳ ברוך האָט פון שטענדיק אָן נישט געליטן קיין טומל, נאָר איצט, אין דער פלוצימדיקער שטילקייט, האָט אים עפּעס געפעלט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. די שילדן אויף דער קעגנאיבערדיקער מויער, אָפּגעקערטע און אָפּגערייניקטע, האָבן אין דער האַרבסטיק־שאַרפער, קלאָרער לופט אויסגעזען ווי אויסגעצוואָגן. אויף דער גאָלדן־בלאַסער שויב האָט אַ פליג זיך איבערגעוועקט, מיט די לעצטע כוחות אַרומגע־

קראַכן אויף קאַלטן גלאָז, ווי זי וואָלט געזוכט אַ וועג אַרויס צו דער לעצטער האַרבסטיקער זון.

פייגעלע איז אַריין אין קיך. ר׳ ברוך האָט געהערט, ווי זי קוויטשעט און באַפעלט דאָרט מיט דער דינסט, קריגט זיך מיט איר איצט שוין הויך אויפן קול. זי האָט זיך באַלד צוריק אַריינגעקוילערט אין שטוב אַריין און זיך אָנגערופן צו ר׳ ברוכן מיט פאַרשעמט־אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער פּאָדלאָגע:

— יאַך טרינק נישט קיין טיי... כ׳בין צוגעוווינט פון דער היים צו אַביסל קאַווע אין דער פרי... ס׳זאָל אַרומשווימען אַ פעלץ אינעווייניק... ס׳איז טעם גן־עדן...

ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ביי אים אין שטוב ביט מען זיך נישט אויס, מען עסט, וואָס עס איז דאָ, ער פירט נישט אַ ברייט, צעלאָזן לעבן, ווי די הולטאַיעס, וואָס היינט „טשאַס־קעט" מען מיטן גאָלט אויף רעכטס און לינקס און מאָרגן שטרעקט מען זיך אויס פאַר אַ גראָשן... ער האָט איר געוואָלט איבערהזרן דאָס ווערטל, וואָס ער האָט זייער ליב, ביי יעדער אַזאַ געלעגנהייט ביידז און ערנסט צו זאָגן:

— ווער ס׳וויל זיך אין כבוד דערהאַלטן, דער זאָל זיך דאָס מאָלצייט אין צווייען שפּאַלטן...

אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נישט געקענט לײַדן, ווי זי כאַפּט ביים עסן, גלייך זי וואָלט מורא געהאַט, ס׳זאָל איר ווער דעם ביסן נישט אַרויסנעמען, נישט געקענט הערן, ווי זי מלאַטשקעט מיט דער צונג און באַלעקט זיך. מיט די קליינע, ברודיקלעכע הענטלעך האָט זי אַלץ באַטאַפּט, אויסגעקליבן זיך דאָס בעסטע און ווייכסטע, ווייל קיין האַרטס קען זי אויף די ציין נישט נעמען און גיך אַריינגעלייגט אין מויל. אירע בעקלעך האָבן זיך נאָך יונגער צעפלאַמט. זי האָט אינגאַנצן נישט געקוקט אין זיין זייט אַריין, ס׳איז איר נישט אָנגעגאַנגען, צי ער עסט, צי נישט, אַריינגערעדט אין טעלער אַריין:

— יאַך האָב נישט ליב קיין טיי... מאָרגן־מערטשעם אין דער פרי ווערט שוין ביי מיר זיין קאַווע!... פרישע קאַווע מיט אַ גראָבן פעלץ, ווי יאַך האָב ליב... אַ וואַזשנע באַלעבאַטישקייט פירט זיך דאָ מישטיינס־געזאָגט!... אודאי, אַז עס איז נישטאָ קיין

פּרויענצימער אין שטוב! ווייסע קאַווע מיט פּעלץ טוט אַריין אַ ניי חיות אין מענטש...

ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט. זי האָט זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז ער רירט זיך נישט צו צום עסן, זיין טיי שטייט און קילט זיך, האָט זי צו אים צוגערוקט נענטער דאָס גלאָז און זיך אָנגערופן:

— עס... וואָס עסטו נישט, ברוך?... די טיי ווערט קאַלט...

זי האָט אים „געדוצט" און ער האָט איר עפּעס נישט גע־קענט זאָגן „דו". בשעת ער האָט שוין אפילו באַשלאָסן, אַז ער דאַרף ס'ווייב „דוצן", האָט זיין מויל דאָס וואָרט אַזוי גיך נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך. ער האָט געקלערט, אַז ער וועט זיך נישט קענען מער ווייזן פאַר מענטשן, ער וועט נישט קענען מער אַריינקומען צו זיך אין פאַבריק. די אַרבעטאָרער, וואָס האָבן פאַר זיין בליק געציטערט, וועלן אינגאַנצן צו אים פאַרלירן דעם דרך־ארץ, מאַכן פון אים דאָס געלעכטער...

פייגעלע האָט באַלד פאַרגעסן, וואָס זי האָט געזאָגט. אויפן ווייס־געדעקטן טיש איז נאָך אַלץ געשטאַנען זיין טיי און זיך גע־קילט. ער האָט זיך צו איר נישט צוגערירט. די בלאַסע האַרב־סטיקע זון האָט אַרומגעהאַלזט דאָס גלאָז, זיך אַריינגעכאַפּט אינעווייניק...

דאָס נייע הויז

I

די מענטשן, וואָס זענען געקומען אַפּוואַרטן די שיף מיט די עמיגראַנטן ביים פּאָרט, האָבן זיך פאַרקליבן אין איין ווינקל, און אין דער פינסטערער רעגנדיקער נאַכט, האָבן זיי אויסגעזען, ווי פאַרשיקטע, וואָס מען גייט ערגעץ ווייט פאַרוואַרפן.

אָבער קיין שיף האָט מען נישט געזען אָנקומען. דער ים איז געלעגן אַן אָנגעשוואָלענער, אַ שווערער, פויל געבלינצלט מיט די רויטע פאַרשלאָפענע לאַמטערן־אויגעלעך, וואָס ער האָט אַלעמאָל איינגאַנצן צוגעמרוזשעט, ווי ער וואָלט געלויערט, זיך גע־גרייט צו עפּעס. דער רעגן האָט אים כסדר געשטאָכן אין גלאַנציק־שוואַרצן, מעכטיקן רוקן, האָט ער אַלעמאָל אַ ברום געגעבן פון גרויס הנאה און באַלד רציחהדיק אַ רעווע געטון, אויפגעשאָסן אין דער הויך מיט אַ ווילדער, זילבערן־צעשוימטער כוואַליע, ווי אָפּצוטרייבן פון זיך דאָס איינגעגעסענע בייסעניש...

פון עולם ביים ברעג האָט זיך פּלוצים ווער אַ ריס געטון און אָנגעהויבן אַקייגנלויפן דעם ים, וואָס האָט זיך שלעפעריקלעך אויפגעהויבן, אויפגעשטעלט מיטאַמאָל עטלעכע שפּיציקע בייזע רוקנס, זיך צעשריגן, ווי זיך צו וואַרפן אויפן אַקייגנלויפנדיקן פאַרשוין:

— יידן, כ'זע דריי שטערנדלעך פונדערווייטנס!... — האָט דער פאַרשוין אַ צעלאָז געטון זיינע הענט, ווי צום פליען — די שיף קומט אָן, ווי כ'בין אַ ייד געבוירן!... כ'האָב מיין סימן!... קומטץ יידן!...

אָבער דער עולם האָט זיך נישט גערירט.

— ווייסעך... — האָט זיך אָנגערופן סעם מינץ — אַ הויכער

ייד מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס — ס׳איז דאָך זייגוועלע קאַ־שאַשנמאַכער... ער וואַרט שוין אַזוי אָפּ די אשה זייגע ביי אַלע שיפֿן... ער קען זיך עם גאָרנישט צוגלויבן, אַז זי זאָל טאַקע אויף אַן אמת נישט וועלן קומען צו אים!... דער ייד איז גוט באַקליידט... בעליוו מי...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט זיך באַלד צו מינצן צו־געשאַרט הערש האַבער און אַ נחתדיקער שמייכל האָט זיך פֿאַר־קליבן אויף זיין בלאַס, אויסגעלאָשן פּנים, ווי ביי אַ קינד.

— וואָס?... — האָט דער שמייכל באַלויכטן בלויז אויף איין מינוט זיין בלאַס פּנים — זי גלייבט נישט די מדינה, איידע־זי האָט זי נאָך אָנגעקוקט!... כ׳מיין, אַז זי האָט שוין געהערט, וואָס פֿאַראַ טייערע געשעפֿטן ס׳מאַכט דאָ איר פּרנסה־געבער!...

מיסטער האַבער איז איצט צופֿרידן געווען פֿון זיך צוליב צוויי טעמים. ערשטנס איז אים געלונגען צו כאַפּן אַ שמועס מיט מינצן, וואָס האָט געשמט פֿאַר אַ גביר־אַדיר, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען צוצוקומען צו זיין קאָפּ, און צווייטנס האָט ער איצט ליב געהאַט אָפּצוואַרטן די פֿרישע יידן. כאָטש ער האָט געהערט צו דער חברה, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיטן אָפּוואַרטן די נייע עמיגראַנטן, איז ער ביז איצט נישט גערן געקומען צום פּאָרט. ער האָט נישט געקענט ליידן, ווי ס׳האָט זיך אויף דער יבשה אַ לאָז געטון דאָס ביסל יידן מיט אַ געשריי און מיט אַ ליאַרם. ס׳האָט זיי גאָרנישט אָפּגעלערנט, זיי זאָלן נישט שרייען... קיין שום פּורעניותן און קיין שום גזרות... זינט ער האָט זיך אָבער געשטעלט בויען אין די רייכע גויאישע גאַסן זיין נייי הויז — אַ פּאַלאַץ — וואָס האָט געדאַרפֿט אַלעמען פֿאַרבליפֿן מיט דער גרויסאַרטיקער שיינקייט, האָט ער אָנגעהויבן קומען צו אַלע שיפֿן. ס׳האָט אים דערמאָנט אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען ער איז אַליין אַהער געקומען מיטן בלויזן צעשיטן רענצל, וו מער ווי אַ פּאָר אַלטע תפֿילין און אַ סידורל, האָט זיך דאָרט גאָרנישט געפֿונען. ס׳האָט דעמאָלט געשטויבט פּונקט אַזאַ שטע־כיק רעגנדל, ווי היינט, נאָר אַ ווינט איז דעמאָלט געווען אַ בייי־זערער, וואָס האָט געשלעפּט דאָס צעשיטע רענצל ביי אים פֿון האַנט, געריסן שטיקער פֿון ים, פֿון די וואָלקנס, און אַזוי שטאַרק

געוואָרפֿן מיטן בריקל ביים פֿאָרט, אַז ס'האָט נישט געפֿעלט קיין סך, ער זאָל עס אינגאַנצן אַריינוואַרפֿן אין די טיפֿעניש פֿונם וואַסער...

הערש האָבער האָט איצט הנאה געהאַט, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו די פֿרישע יידן, וואָס זענען געקומען אַהער מיט אַזאַ ברען, כאָטש צו שאַרן גאָלד אין די גאַסן. ער האָט געקוואָלן, ווען ער האָט געזען, ווי שלמה פֿוקס, — אַ ייד, אַ גרויסער אָרעמאַן און אַ גרויסער לץ, — גיסט באַלד אָפּ די נייע מיט אַ שעפֿל קאַלט וואַסער. מיט זייטיקע טריט, ווי ער וואָלט גאָרנישט אויסן געווען, גנבעט ער זיך צו זיי אונטער און פֿרעגט זיי מיט אַ תּמעוואַטע פּנים אַלעמאָל איין און דיזעלבע קשיא:

— און וואָס הערט זיך מכוח אַ לאָפּעטע?... עטץ האָט כאָטש מיטגעברענגט אַ לאָפּעטע מיט זיך?... האַ?... וואָס, עטץ פֿאַרשטייט גאָרנישט צוואָס מען דאַרף האָבן אַ לאָפּעטע אין אויסטראַליע?... נו, צו שאַרן דאָס גאָלד... האַ?... איצט פֿאַרשטייט עטץ שוין!...

אַרום די נייאָנגעקומענע איז שטענדיק געוואָרן אַזאַ געשטורעמפּעריי, אַז ס'איז גאָרנישט מעגלעך געווען זיך צו זיי צוצוקריגן. צומיינסטן פֿון אַלע האָט זיך געלאָזט הערן לייבקע „דער פֿאַרמער“, וואָס האָט שוין יאָרן־לאַנג געוואָלט פּטור ווערן פֿון זיין בשמים־געוועלבל און רק געחלומט צו מאַכן אַלע יידן פֿאַר פּויערים. ווי געוויינטלעך איז ער געקומען אין זיין צעבראָכענעם קליינעם אויטאָ און שוין געוואָלט נעמען אַלע פֿרישע יידן אַרויס אויפֿן דאָרף, כדי זיי צו לערנען אויף פֿאַרמער. חוץ די אַלע חברות און פֿאַרשידענערליי „סאָסייטיס“, זענען אויך געקומען צום פּאָרט אַ סך יידן, וואָס האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די פֿרישע מיט גרויס בענקשאַפֿט, כדי אויפֿצוכאַפּן אַ שמועה, כדי צו דערהערן אַ בשורה פֿון דער וויטער היים. בלויז איין מיסטער האָבער האָט זיך נישט געשטופּט. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז אָט די אַלע יידן, וואָס קוקן זיך אפֿילו נישט אום אויף אים ביים פּאָרט, וועלן סוף־כל־סוף צו אים מוזן אָנקומען, ווען זיי וועלן זוכן אַרבעט. און דעמאָלט, וועט ער זיי געלאַסן און נחת־דיק איבערגעבן מיט זיין קאַרג לשון, וואָס באַשטייט בלויז פֿון

רמזים און אָנצוהערענישן, וויאַזוי ער בכבודו־ועצמו האָט גע־
אַרבעט אויף אַ פּאָרם פּאַר עטלעכע פּענעס, געוואָרן אויסגעריסן
צען מאָל אין טאָג, ביז ער איז געקומען צו זיין היינטיקן מעמד...

מיט גרויס צופרידנקייט האָט ער זיך איצט צוגעקוקט, ווי
זיינוועלע קאַמאַשנמאַכער לויפט אַקעגן דער שיף, וואָס האָט
זיך שוין געריקט צו דער יבשה און מיט די אַ סך אָנגעצונדענע
פענסטערלעך אויסגעזען אין דער פינסטערער נאַכט, ווי אַ גרויס
באַלויכטן הויז, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן ערגעץ פון ווייטע ברע־
געס... ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ טומל ביים ברעג. מענטשן
האָבן געשריגן, געוויינט, אָנגעהויבן צו רופן זייערע קרובים,
כאַטש נעם און שפּרינג איבערן וואַסער. באַקאַנטע היימישע
קולות האָבן זיך דערקענט נאָך לאַנגע יאָרן צעשיידונג, זיך
אַרומגענומען מיט ווארעמקייט, זיך געטוליעט צו זיך און גע־
צערטלט. הענט האָבן געפּאַטשט, קאַפּעליושן האָבן זיך געהויבן
און מענטשן האָבן זיך געריקט צו די איינציקע לאַמטערן־פלעמ־
לעך, וואָס האָבן זיך צעשוווּמען־געל געוויגט אינם רעגנדיקן
חלל, כדי די קרובים אויפן וואַסער זאָלן זיי דערקענען...

ווען די פּריש־אָנגעקומענע זענען אַראָפּ פון שיף, האָט ערשט
זיינוועלע קאַמאַשנמאַכער אויף אַ רעכטן אמת אָנגעהויבן זוכן
זיין ווייב, וואָס האָט נישט געוואָלט קומען צו דעם מאַן, דעם
לא־יוצלח, מעבר־לים. אַ צעשפּילעטער, מיט אַ פאַרוקטן קאַפּע־
ליוש, גרויס־אַרויסגעקוילערטע אויגן און צעשפּרייטע הענט,
גרייט אַרומצוכאַפּן און צו האַלזן, האָט ער זיך געטוליעט צו די
פאַרשידענערליי צעשטראַלטע פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך אויף
אים רעכט נישט אומגעקוקט.

מיסטער האַבער האָט זיך שוין דעמאָלט געגליטשט צוריק
אַהיים אין זיין נייעם לוקסוס־אויטאָ, וואָס ער האָט זיך געקויפט,
ווען ער האָט אָנגעהויבן בויען דאָס נייע הויז, דאָס פּאַלאַצל,
צוזאַמען מיט דער גרויסער פאַבריק. ער האָט זיך איצט, ווי
יעדעס מאָל, נאָכן אָפּוואַרטן די שיפן ביים פּאָרט, געפילט גוט,
אַז ער האָט אפילו פאַרגעסן אין דער אַסטמע, וואָס האָט אים
שטאַרק דערקוטשעט. שוין לאַנגע יאָרן, ווי ס'זענען נישט אַהער
געקומען קיין יידן און ער האָט געלעבט אָפּגעזונדערט פון אַלע.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין איז ער אָפּגעזעסן אין דער זאָקן־פֿאַבריק זיינער, ערגעץ אויף אַ פֿאַרוואָרפֿן געסל. אַ פֿאַרשמירטער, מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל איבער די קינדערישע פֿאַרוואַקסענע הענט, האָט ער זיך געפּאָרעט ביי די מאַשינען, וואָס זענען געשטאַנען מיד און שלעפּעריק און מיט רציחה געגלאָצט אויפֿן באַלעבאָס, וואָס לאָזט זיי אפילו ביינאַכט נישט צורו. ער האָט זיי אויפגעשרויפּט, אַריינגעקוקט אין די געדערים, צענומען יעדעס אבר באַזונדער און באַשמירט מיט אייל. שפּעט אין דער נאַכט, ווען ער האָט זיך געלאָזט אַהיים גיין, האָבן שוין די נאָדלען ביי די מאַשינען שפּיציק געשטשירעט, ווי ציין, גרייט צום פּרעס, די פּאַסן זענען געווען פֿריש פֿאַרצויגן, גרייט צום לויף, אַלץ האָט געפֿעכלט מיט אַ לעבעדיקן גלאַנץ, בלויז ער איינער אַליין איז געווען פֿאַרקאָפּטשעט און אויסגעזען מיט אַ סך יאָרן עלטער.

מיסטער האַבער האָט זיך איצט שטיל אַריינגעשאַרט אין שטוב, כדי נישט אויפצוועקן דאָס ווייב, וואָס האָט נישט געוואָלט מיטגיין מיט אים צו דער שיף. זי איז געווען אַ גרויסע יחסנטע. ער ווייסט, אַז ער וואָלט קיינמאָל צו איר נישט צוגעקומען, ווען ער וואָלט געבליבן אין דער היים, ווו ער איז געווען אַ קאַמאַשנמאַכער, געהאַט טאַקע גאָלדענע הענט, אָבער מער ווי אַ „סמאָלע־קאָפּ” נישט געווען. אין די בחורישע יאָרן, האָט ער אַלע שבת־נאָכמיטאָג ליב געהאַט אַרויסצוגיין אַביסל שפּאַצירן און קוקן די גבירישע מענטשן אויף די פּיס, כדי צו באַוווּנדערן די נייע פּאַסענער, וואָס ער האָט אַליין צוגעשניטן. שפּעטער איז ער אַריינגעגאַנגען דורך דער הינטער־טיר אין שענק, געמיטלעך „אויסגעצויגן” אַ האַלבע ביר, כדי נישט אָפּצושטיין פֿון די „קאָלעגעס”, די בעל־מלאכה־יונגען. כאָטש ער אַליין איז געווען אַ שוואַכער, האָט ער ליב געהאַט „קאָלעגעס” גרויסע און שטאַרקע, וואָס מען האָט פֿאַר זייער בליק געציטערט. ער האָט ליב געהאַט זיך נאָך זיי נאָכצושלעפּן, זאָל זיין פֿון הינטן, אַבי געהערן צו זייער קאָמפּאַניע, מען זאָל פֿאַר אים דרך־ארץ האָבן. כאָטש ער אַליין האָט קיין מסוגל נישט געהאַט קיין האַנט אויפֿצוהויבן, האָט ער ליב געהאַט זיך צוצוקוקן ווי מען גיט קלעפּ. אין שענק האָט מען פֿון אים שטענדיק חוזק געמאַכט צוליב זיין

שאַרן זיך צו דער יחסניש־יורדישער טאָכטער, סימעלע. מען האָט געוווּסט, אַז ער טאָר אפילו פון איר נישט חלומען. אָבער ער האָט דווקא פון איר געחלומט, פונקט ווי ער האָט גע־חלומט פון אַ גרויסן וואַרשטאַט, וואָס ער וועט זיך אַמאָל נאָך אויפשטעלן. טאַקע דערפאַר, וואָס קיינער האָט אין דעם נישט געגלויבט, האָט מען זיך געחכמעט איבער אים, ווי ער וואָלט שוין לאַנג סימעס חתן געווען:

— האַ, הערשעלע... — האָט אַלעמאָל אַן אַנדערער יונג אים ממזריש צוגעווונקען מיט אַ צעגעמרוזשעט אייגל — ווען וועסטו זיך דאָס אַרויסלאָזן אויף אַ שפּאַציר מיט דער כּלה דיינער „פאַר־פאַכע"?... האַ, הערשעלע?...

ער איז דעמאָלט געזעסן, ווי זיין שטייגער איז, טיף איינ־געדרוקט אין דער שטול און דאָס האַרץ איז אים איבערגעגאַנגען פאַר פרייד, ווען מען האָט אים אפילו אין חוזק אָנגערופן סימעס חתן. ער האָט זיך געזען שוין לעבן איר זייט און פון זיינע אומע־טיק־פאַרקלעפּטע אויגן, ווי ביי אַ פאַרוואָלגערט קינד, האָט אַרויסגעקוקט גליק...

און וועה האָט זיך טאַקע געקענט ריכטן, אַז ר' יהושע, דער יחסנישער יורד, וועט נעמען פאַר אַן איידעם הערשל קאַמאַשנ־מאַכער און דערצו נאָך אוועקשיקן זיין טאָכטער מעבר־לים. מ'האָט זיך אויף דעם נישט געקענט ריכטן, פונקט ווי מען האָט זיך נישט געקענט ריכטן, אַז הערשל, וואָס די נשמה איז אים געלעגן אויף דער שפּיץ נאָז, וועט אין אַ שיינעם טאָג פּלוצים אַוועק אַזוי ווייט. ר' יהושע, אַ ייד מיט אַ בלייכער, איידעלער באָרד, אויסגעאיידלטע הענט און נאָך מער אויסגעאיידלטן קול, האָט זיך געריסן קריעה, אָבער די טאָכטער געלאָזט פאָרן. אַזוי האָט דורכאויס פאַרלאַנגט זיין ווייב, די אשת־חיל, וואָס האָט געהאַט גאָר נישט קיין איידל פּנים, גאָר נישט קיין איידעלע הענט און שוין גאָר נישט קיין איידל קול. זי האָט בכלל פיינט געהאַט אַ סך צו רעדן און ליב געהאַט צו לייגן דעם טראָפּ אויפן „יעך":

— יעך וויל אַזוי! — האָט זי געזאָגט צום מאַן מיט איר בת־קול — זי וועט פאָרן, סימע!... יעך וויל אַזוי!...

זי האָט שוין עטלעכע חדשים פאַר איר טאָכטערס נסיעה

צוגעגרייט אַלץ אין וועג אַריין און די שטוב האָט אויסגעזען פּונקט ווי אַ וואָקזאַל. די יידענע האָט זיך כסדר געפּאָרעט מיט איר טאָכטערס געפּעק, גאַנצע נעכט נישט צוגעטון קיין אויג. ערשט נאָכדעם, ווען דער צוג איז אַוועק, האָט זי זיך פּלוצים צעכליפּעט מיט איר בת־קול, ווי בעת אַ לוויה:

— פּאָר געזונט, טאָכטער!... — האָט זי געכליפּעט אין לײדיקן, פּוסטן חלל אַריין — און שרייב גוטע בריוו צוזאַמען מיט דיין מאַן, דעם עושר!... און געדענק אין אונז, למען־השם!... דו הערסט וואָס יעך זאָג דיר אָן?!...

אַ פּאַרוויינטע און אַ שטײפלעך־אײדעלע, מיט אַן אויס־דרוק, ווי זי וואָלט זיך אַליין געבערענגט פּאַר אַ קרבן דעם מאַן, דעם עושר, איז סימע געקומען צו הערשלען, מעבר־לים. אָבער געטראָפן האָט זי אים אַזאַ פאַרהאַוועטן און פאַרטועניעם, אַז ער האָט נישט באַמערקט, נישט איר שטײפקייט, נישט איר אײדל־קייט און נישט דעם אויסדרוק אויף איר בלאַסן פּנים, וואָס האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיך אַליין געבערענגט צו פירן פּאַר אַ קרבן דעם מאַן, דעם עושר. ער האָט זיך אָפּגעפרייט מיט איר עטלעכע טעג בלויז, און באַלד האָט זיך אין זייער שטוב אַרײַנגעצויגן די וואָכעדיקייט, וואָס האָט געיאָגט פון אַלע ווינקעלעך און אָנגע־וואָרפן אויף איר אַ מורא. זי האָט הערשלען אינגאַנצן מער נישט דערקענט. אָנשטאָט דעם יידישן היטעלע איז אויף זיין קאָפּ גע־זעסן עפּעס אַ פּרעמדער האַרטער קאַפּעליוש, גערופן האָט ער זיך „הערריי", אָנשטאָט הערש, און אין זיינע תנועות האָט ער אַריינגעטון אַ געלאַסנקייט און אַן איבערגעטריבענע שטײפלעכ־קעלט, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען, אַ̈י בײזלעך־אָנגעכמורעט און אַ̈י תקיף ביי זיך. פון אַמאָל איז אים איבערגעבליבן מער נישט ווי דאָס, וואָס ער איז געזעסן טיף אַריינגערוקט אין דער שטול, אַז מען האָט אים אינגאַנצן נישט אַרויסגעזען. מען האָט בלויז געהערט זיינע באַפעלערישע קאַרגע ווערטער, פול רמזים און אָנצוהערעניש, וואָס זענען באַגלייט געווען מיט אַן אָטעמע־הוסט און געקומען שטענדיק, ווי פון הינטער יענעמס פּלייצעס אַפיר. זייער אָפּט איז ער איצט אַליין געגאַנגען איבער די גע־שעפטן און מאַרק־פּלעצער. און פּונקט ווי ער האָט אַמאָל,

אין שטעטל באַקוקט אויף די גבירישע פּיס די אַלע נייע פּאַסענער, וואָס ער האָט אַליין צוגעשניטן, אַזוי האָט ער איצט, ווי זיין שטייגער איז, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, מיט אַ פאַרשלונגען זמרל, באַקוקט אין די געשעפטן און מאַרק־ביידלעך, די סחורות, ווי ער וואָלט געוועז אַ פרעמדער קונה, כדי ער זאָל וויסן, צי ער דאַרף הייבן די פּרייזן, צי זיי וואַרפן... ווען ער איז טיילמאָל געבליבן זיצן ליידיק, האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אין זיין קרענק, גענומען שטאַרק הוסטן און געקרעכצט, אַז ער וואָלט זיך געמעגט פונדעסטוועגן לייגן אין בעט אַריין:

— ס'קומט מיר... וואָס?... ניין?... — האָט ער זיך אַליין אַ פרעג געטון און זיינע אויגן האָבן בעת־מעשה פון זיך אַליין געקוואָלן — כ'מעג עס מיר שוין פאַרגינען... שוין צייט... האַ?...

סימע איז שטענדיק געווען אַליין, נישט געהאַט איבער גאַנצע טעג צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. זי איז פרום געוואָרן, אַלע פרייטיק־צונאַכטס פּינקטלעך אָפּגעהיטן דאָס ליכט־בענטשן. ווען די ליכט האָבן פרייטיק־צונאַכטס געברענט מיט יום־טוב־דיקער מנוחה אין שטוב, איז מיסטער האַבער קיינמאָל צום עסן נישט געקומען און זי האָט אַליין געפירט טיש, פּונקט ווי זי האָט עס געזען אינדערהיים ביי איר טאַטן. זי האָט הויך געקלאַפּט מיט די טעלער, מיט די לעפל, כדי צו פאַרטרייבן דעם אומעט, און ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַרום איר זיצט איר גאַנץ הויז־געזינד... אירע צוויי זין, וואָס זענען געוואַקסן אינגאַנצן פרעמדע, זענען בלויז אויף איין מינוט אַריין צו איר, פאַרטועטע און פאַריאָגטע, מיט דעם ריח פון גאַס און ווינט אויף זייערע רויט־צעפלאַמטע באַקן און אין די בלאָנדע צעפּלאָשעטע האָר, געגעבן איר אַ קוש אויף אָפּצוקומען און באַלד אַוועק. נישט איינמאָל האָט זי זייטיק, ווי זי וואָלט גאַרנישט אויסן געווען, אַ זאָג געגעבן צום מאַן, אַז די קינדער זענען איר פרעמד, זיי וויסן נישט פון קיין טאַטן און וויסן נישט פון קיין מאַמען, אָבער ער האָט אירע רייד רעכט נישט געהערט, גאַרנישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס זיין ווייב רעדט און וואָס זי וויל. פאַרקערט, אים איז געפעלן די שטענדיקע פאַרטועניקייט פון די קינדער און ער האָט זיי אין לצנות גערופן:

— מיינע שקצים... מיינע שקצים זענען אצינד פארנומען, שטערטץ זיי נישט!... כ'על האָבן בקרוב אַן אייגענעם אינזשיניער אין דער פעקטערי און אַן אייגענעם דאָקטאָר אין הויז... הע... הע... הע...

און זינט מיסטער האבער האָט זיך אָנגעהויבן בויען זיין ניי הויז, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ שם־דבר, אַז אַלע אין שטאָט זאָלן דערפון גאַרנישט אויפהערן צו רעדן, האָט ער זיך אַרומ־געדרייט מיט סודות און מען האָט אים אינערגעץ מער נישט גע־זען. איבער גאַנצע טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט מיט פאַרשיי־דענע אַרכיטעקטן, לאַנגע אויסטראַליער מיט קאַלטע, גלייכגיל־טיקע פּנימער. דער עיקר האָט ער זיך אויסגעקליבן איינעם אַן אַרכיטעקט מיט אַן אויסגעצויגן פּנים און אַ נאָך מער אויסגע־צויגענעם האַלז, געזאָגט אויף אים, אַז ער איז זיינס אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אַן עסק און פון אים נישט אָפּגעטרעטן. זיינע קעשענעס זענען שטענדיק געווען אָנגעשוואָלן, און ס'האָבן פון זיי אַרויסגעשטאַרט די פאַרשידענע געצייכנטע פּלענער. ער האָט זיך געקענט פאַרשליסן אויף גאַנצע טעג און נעכט און זיי שטו־דירן מיט אַזאַ התמדה און איבערגעגעבנקייט, אַז פון דער שטוב ווו ער איז געזעסן האָט מען קיין שאָרך נישט געהערט און מען איז געווען זיכער, אַז דאָרט איז קיין לעבעדיקער נפש נישט פאַראַן. אַ גאַנצער מבין איז ער געוואָרן אויף די פאַרשידענערליי קעס־טעלעך, דיקע און דינע ליניעס, ציפערן, מיט גרויס בקיאות גע־פירט איבער זיי מיט די פינגער. און וויפיל פּלענער די אַרכיטעקטן האָבן נישט אָנגעוואָרפן, האָט עס אים אַלץ נישט צופרידנגע־שטעלט און נאָך טעג און נעכט אַריינטראַכטן אין זיי און צייכע־נען עפּעס מיט אַ שטומפּיקן בלייפעדער, איז ער געקומען מיט זיינס אַ פרישן אויפטו. אויף דער גיך האָט ער דעם אויפטו זיינעם אָנגעוואָרפן אויף אַ שטיקל טאָוול, זיך אַליין קוים אויסגעקענט אויף די געדיכט־אָנגעפּראָפּטע קעסטעלעך, רינגעלעך און קרומע ליניעס, געצייכנט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט. און וויפיל מאָל ער האָט נישט געזוכט אויסגעמשלט פאַר די אַרכיטעקטן זיינע פּלע־נער, האָבן זיי אים אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין, געשמייכלט אין זיך אַריין מיט גרויס העפלעכקייט, געלאָזט אים אויסרעדן

און אויסהיצן זיך און ערשט שפעטער אים אויפגעקלערט מיט אן איבערגעטריבענער געלאסנקייט און אן א שיעור געמאכטער געדולד, אז זיי קענען זיינע פארלאנגען נישט נאכקומען. האט ער זיי אנגעקוקט מיט הידוש, ווי מענטשן נישט פון דער וועלט, פלוצים אויפגעהערט צו האלטן פון זיין אויסגעוויילטן ארכיטעקט און גארנישט געוווסט, וואס די „יאיקלעך" רעדן צו אים. ס'איז אים דווקא געפעלן געווארן, אז זיין הויז זאל זיין געבויט מיט א סך שמאלע פענסטערלעך און א סך דעכלעך, ווי א טעמפל, און ס'זאל זיך רייסן שפיציק אין הימל אריין, ווי א טורעם. אויך האט ער דווקא געוואלט האבן אין הויז א סך זיילן, אן א שיעור קיילעכדיקע, מאסיווע זיילן, וואס זאלן צוגעבן צו אלץ א רחבות, און אויסזען, ווי אין אן אמתן פאלאץ. דער עיקר דארף אלץ זיין אנזעעוודיק און שטארק, ס'זאל דויערן אויף יארן. די גאנצע פיגדאן סטריט, ווו ער וווינט איצט, בראש מיט סעם מינצן, וואס מען זאגט אויף אים, אז ער קען זיך שוין פארגינען צו זיצן מיט פארלייגטע הענט, וועט קומען צו אים קוקן. און ס'האט טאקע גארנישט געהאלפן, די ארכיטעקטן האבן גערעדט אהין און אהער און פונדעסטוועגן געטון, ווי ער האט געהייסן...

און ווען אלץ איז שוין געשטאנען פארטיק, האט מיסטער האבערן שטארק פארדראסן וואס צו דער פאבריק זיינער דארף מען קיין קוימען נישט האבן, מען זאל אים אנזען פון ווי ווייט. אזא גרויסע פאבריק זאל גאר קיין קוימען נישט דארפן, דאס האט ער אינגאנצן נישט געקענט משיג זיין. ער האט זיך מבוח דעם כסדר באראטן, געלאפן צו גוטע פריינט. ווי זיין טבע איז געווען, האט ער גערעדט צו יענעם קארגע, געציילטע ווערטער, באגלייט מיט זיין אסטמע־הוסט, אבער אינדערראמתן האט ער זיך אויסגעשמועסט מיט זיך אליין, זיך הויך מיט זיך אן עצה געהאלטן...

כסדר איז ער ארומגעגאנגען ארום דעם נייעם הויז און מיט גרויס פארזיכטיקייט, ווי מען באריירט א חולה־מסוכן, האט ער באטאפט די ווענט, צי זיי זענען גוט אויסגעטרוקנט, געקלאפט מיט א פינגער אין די טירן, אין די פענסטער, צי זיי זענען גענוג מאסיוו, און מיטן שטעקן אלעמאל א פרווו געטון דעם סופיט,

צי ס׳קרײשלט זיך נישט פון אים דער טינק. אין הויז איז גע־שטאַנען אַ קעלט און ס׳האָט געבלאָזן אַ ווינט, ווי שטענדיק אין פּוסטע, נישט־באַוווינטע דירות. ס׳האָט בייסיק־שאַרף געגבערט דער ריח פון די פרישע פאַרבן, אַז ס׳האָט אים געריסן אין האַלז, אָבער ער האָט לחלוטין נישט געשפּירט, ווי ער איז זיך פאַר־גאַנגען אַלעמאָל אין הוסטן. ער האָט זיך געפּאַרעט ביי דער עלעקטרי, נאָכאַנאַנד אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן די לאָמפּן. דער עיקר האָט ער אָנגעקוואָלן פון די ליכטיק־קאָלירטע לעמפּלעך, וואָס האָבן געברענט אין די פּיסקעס פון די פאַרשידענערליי היהשע קעפּלעך אין די ווינקלען פון די שטובן. אַלעמאָל האָט ער אויפסניי אויפגעמאַכט די פענסטער, זיך געקוויקט מיט די גרינע גערטנער, וואָס האָבן זיך פאַר זיין אויג געצויגן אַראָפּ דעם באַרג:

— אַ—אַ... אַ—אַ... אַ נחת רוח... ס׳קומט מיר... וואָס?... ניין?... — האָט ער צו זיך געמורמלט און פון זיך אַליין געקוואָלן — שוין די העכסטע צייט?... וואָס?...

ער האָט אָפּגעוואַרט די שווער־פרייכנדיקע לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן געברענגט צו אים אין דעם נייעם הויז אַריין די טייערסטע אַנטיקן: שווער־באַגילדטע ראַמען, מאַסיוו־אויסגע־האַקטע פיגורן, אויסגעפּאַרטיקטע מיט גרויס זאָרג און פּינקט־לעכקייט. ער האָט ליב געהאַט אַ „שטיקל אַרבעט", ווו ס׳איז אַריינגעלייגט אַ סך מי און ווו ס׳שטעקט אַ סך קונצן. ביים נעמען אין האַנט אַריין דאַרף עס האָבן אַ האַפּט און אַ וואָג. וואָס שטאַרקער און וואָס גרעסער. ווי שוואַך ער איז נישט געווען, האָט ער דווקא ליב געהאַט זאַכן גרויסע און מאַסיווע, וואָס זאָלן בלייבן אויף דורות...

אַלץ האָט ער אַליין אויסגעקליבן אין די רייכסטע פירמעס און ביים אָפּברענגען אין שטוב אַריין געשטאַנען פונדער־ווייטנס און מיט דרך־ארץ געקוקט, ווי מ׳ען באַגייט זיך פאַוואָליע מיט די איינגעבאַבלטע חפצים, ווי מיט איידעלע לעבעדיקע ברואים. ווען מ׳האָט פון די זאַכן אַראָפּגענומען דאָס צודעקעכץ און זיי זענען פּלוצים נאַקעט שטיין געבליבן, האָט זיך אים נאָך בסדר אויסגעוויזן, אַז ס׳קען זיי נאָך עפּעס געשען, און ער האָט

זיי פֿאַרזיכטיק מיט אַן אַרבל געווישט, ס'זאָל נישט אַרויף אויף זיי אַ שטויבעלע.

ער האָט ליב געהאַט אַדורכשפּאַצירן זיך איבער אַלע שטובן, צו באַקוקן אין שלאָף־צימער דעם טיף־בלויען באַלקן, צו זינקען אין דער ווייכקייט פֿון די טייערע טעפּיכער, ווי אין איבערבעטן און זיך אײַנהערן אין דער שטילקייט פֿון די גרויסע חדרים. ער האָט ליב געהאַט צו באָדן דעם בליק אין די רײַכע זײַדענע טאַפּעטן אויף די ווענט און אין די אָנגעהאָנגענע שמאָכטעס — בלערליי פֿאָרצעלייענע פֿיגורלעך — פֿון וועלכע ער האָט ביז איצט נישט געהאַלטן און אַליין פֿון זיי חוזק געמאַכט. ווען ער איז אַרײַן אין קאָרידאָר, האָט ער באַלד אויפֿגעדרייט די עלעקטרי, כדי ס'זאָל זיך אַרײַנגיסן דאָס ליכט אין דעם קרישטאַלענעם שטיי־לאָמפּ, ער זאָל אָנהויבן שימערירן מיט זײַנע רײַך־קאָלירענע געשליפֿענע גלעזער.

אַז ער איז מיט אַלץ פֿאַרטיק געוואָרן, איז ער אַוועק אין דער פֿאַבריק, וואָס האָט זיך געצויגן נישט ווייט פֿון הויז, ווי אַ לאַנגער באַראַק. די גרויסע שטיינערן־מאַסיווע ווענט פֿון דער פֿאַבריק, די פֿאַרקראַטעוועטע פֿענסטער, די מאַטע נישט־דורכזיכטיקע שויבן, האָבן דערמאָנט אין אַ תּפֿיסה. ס'האָט דאָ געשמעקט מיט סמאָלע, שטאָל און אַרבעט.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין די גרויסע ליידיקע זאַלן און זײַנע טריט האָבן פּוסט און הויל אָפּגעהילכט אין די שטיינערנע פֿאָדלאָגעס, ווי ס'וואָלט נאָך עמיצער זיך מיט אים דאָ צוזאַמען געפֿונען און אים נאָכגעגאַנגען פֿוס־טריט. פֿון די פֿרישע האַרבע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון די שטיינערנע פֿאָדלאָגעס, פֿון די פֿאַרקראַטעוועטע אײַזערנע פֿענסטער, פֿון די צוויי לאַנגע שורות אָנגעאײַלעצטע מאַשינען, האָט אים געשטיקט אין האַלדז און ס'האָט אים אָטעם פֿאַרפֿעלט. ער האָט זיך לאַנג, מיט אַ טיפֿן כריפּ פֿאַרהוסט. דער הוסט האָט מיט אַ ווידערקול אָפּגעקלונגען אין די ליידיקע זאַלן, און עס האָט אים געשראָקן דאָס אייגענע כריפּעדיקע קול, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פֿרעמד, ווי עס וואָלט נישט געקומען פֿון אים. ווען ער האָט צוריקגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט אין אַ ווינקל,

געווישט די אנגסטן, ארומגענומען מיט א מטושטשן בליק די פאבריק און פון מידקייט אנטדרימלט געווארן. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, איז שוין געווען טונקל. ער האט זיך בשום־אופן נישט געקענט מוחל זיין, וואס ער איז פלוצים אנטדרימלט געווארן. ווייזט אויס, אז ס'איז נישט קיין געלעכטער מיט אים. ס'האט אים ארומגעכאפט א מורא און ער האט באשלאסן וואס־גיכער זיך ארייגצוציען אין דעם נייעם הויז, נישט לאנג צו באלעמוטשען...

II

ווען דאס הויז איז שוין געשטאנען אינגאנצן פארטיק, גרייט זיך ארייגצוציען, האט מיסטער האבער פלוצים, פריער, ווי תמיד, אנגעהויבן אהיים קומען, מיטאמאל דערזען, אז זיינע צוויי זין, מעקס און ביל, זענען שטארק אויסגעוואקסן, ער דער־גרייכט זיי צום אקסל, און דאס ווייב דרייט זיך ארום אין שטוב, ווי א פרעמדע. ווו האט זי אהינגעטון אירע בלאנדע שטאלץ־פארקעמטע האר? זיי זענען איצט אויסגעלאשן און גרוי. ס'איז אים א גרויס חידוש געווען, וואס ער האט דאס אלץ ביז איצט נישט באמערקט.

— ווען האט עטץ אזוי א שאס געטון אין הימל אריין, שקצים?!... — האט ער זיך איצט ליב געהאט צו ווילצלען מיט די זין — אנו, לאמיר זיך נאר א מעסט טון!...

ער האט גערעדט צו די זין לצנותדיק, פול נחת, אויף דעם זעלבן שטייגער, ווי מען ווילצלט זיך אמאל מיט גוים, גוטע ברי־דער, און ס'הארץ איז אים איבערגעגאנגען פאר פרייד, וואס ער האט געדענקט הינטער זיין ניי הויז לאזן אויפבויען א ספארט־פלאץ. די זין, אויסגעוואקסענע און ברייטע, מיט ווינטיק־צע־שמיסענע פנימער, האבן צוגעשמייכלט דעם טאטן, ווי גרויסע שמייכלען צו צו די הכמות פון א קינד, וואס זיינע דרכים זענען פאר זיי נישט צום פארשטיין. און כדי ארויסצווייזן פארשטענ־דעניש און צוגעבונדנקייט צום טאטן, האבן זיי דאס קליינע טא־

טעלע אויפֿגעהויבן אין דער הויך, ווי מען הויבט אונטער אַ באַלעם און אַ פּאָר מאָל מיט אים אַ וויג געטון.

אָבער לאַנג אָפּגעבן זיך מיטן טאַטן, וואָס האָט זיך גענומען פּלוצים אויפֿפֿירן אינגאַנצן אַנדערש, ווי ביז אַהער, זענען זיי ביכולת נישט געווען. דער טאַטע איז אָפֿט אָפּגעזעסן מיט זיי גאַנצע שעהן, זיי געמוטשעט מיט פֿאַרשידענע פּראַנעס, אומעטום נאָכגעקראָכן נאָך זיי, ווי אַ שאָטן און זיך צו שטאַרק צו זיי געמישט. ס׳איז זיי באַלד נמאס געוואָרן דאָס גאַנצע שפּיל און זיי האָבן זיך פֿאַרקלאַפּט ביי זיך אין צימער. איז ער אָבער אַלעמאָל אַריינגעקומען צו זיי, אַריינגעקוקט אין זייערע ביכער, גענומען לייענען פֿון די ביכער אַרויס, הויך, אויף אַ קול און אַלעמאָל אויסגעפֿרעגט, וואָס דאָס איז און וואָס יענץ איז. ביים אַרויסזאָגן די פֿרעמדע, שווערע ווערטער, האָט ער געפּלאָנטערט מיט דער צונג, באַגאָסן געוואָרן מיט אַ שוויים, אָבער ער האָט זיך פֿאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך נישט געמאַכט זען, ווי די קינדער דרייען זיך אויף די שטולן פֿון גרויס אומגעדולד און כסדר געבעטן זיי זאָלן אים עפּעס פֿאָרלייענען. נאָר די קינדער האָבן נישט געהערט, וואָס ער רעדט צו זיי, אינגאַנצן אים מער נישט געזען, ווי קיינער וואָלט זיך מיט זיי אין שטוב נישט געפֿונען. האָט ער זיך פֿאַרשאַרט אין אַ ווינקל, אָבער זיי אַלץ נישט צורו געלאָזט. ווען ער איז שוין גאָר שטאַרק צוגעשטאַנען צו זיי, האָבן זיי זיך אָנגערופֿן צו אים:

— דעד... אפשר וועסטו אונז אַזוי צורו לאָזן... זעסט דאָך, אַז דו שטערסט אונז!

האָט ער זיך פּאַוואָליע פֿון זייער שטוב אַרויסגעשאַרט. זיינע טריט זענען פּלוצים געוואָרן אַזוי ווייך, ווי מיט וואַטע אויסגעבעט און זיין קול אַזוי שטיל, ווי ס׳וואָלט דאָ ערגעץ געלעגן אַ חולה־מסוכן.

זיינע טריט זענען צוריק לעבעדיק געוואָרן און דאָס קול האָט צוריק אויפֿגעוואַכט, ווען ער איז פּלוצים, אין אַ שיינעם טאָג, געקומען אָנזאָגן די זין, אַז ער גייט זיי אַרויסנעמען אין דעם נייעם אויטאָ אויף אַ שפּאַציר. ער וויל מאַכן אַ ווייטן שפּאַציר אין די בערג, אַזוי, אַז ער וועט אפֿילו דאָס ווייב נישט קע

מיטנעמען מיט זיך. ער וויל פֿאָרן וואָס ווייטער און וואָס העכער, אויף די סאַמע גרעסטע שפּיצן...

פֿאַר די קינדער איז דאָס אַ גרויס חידוש געווען, ווייל קיינ־מאָל איז ער מיט זיי ביז איצט אינמיטן העלן טאָג אינערגעץ נישט אַרויסגעפֿאָרן און זיי האָבן קיינמאָל צו דעם נייעם אויטאָ זיך נישט געטאָרט צורירן. ס׳האָבן נישט געהאָלפֿן זייערע געשרייען און טענות, אַז זייערע חברים האָבן אייגענע אויטאָס, אין וועלכע זיי פֿאָרן אַרום גאַנצע טעג. ער איז באַשטאַ־נען אויף זיינעם און געזאָגט, אַז ער האָט זיך פּיינט צו פֿאַרקוקן אויף אַנדערע. און איצט איז ער פּלוצים צו זיי אַליין געקומען און זיך טאַקע באַלד גענומען קלייבן אין וועג אַריין, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער קען נאָך עפּעס פֿאַרשפּעטיקן.

— וואָס מיינט עטץ?... אייער טאַטע איז אַ נעכטיקער?... אין אייערע יאָרן בין איך געווען מער קנאַקער פֿאַר אייך!... איין ספּאָרט־מאַן אין שטעטל... אַ ספּר, איז אַ ספּר און ספּאָרט, איז ספּאָרט... זיך גאָרנישטאָ וואָס צו פֿאַרשעמען מיט אייער רעדי!...

— האָט ער געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין די זין, בעת ער האָט זיך איבערגעטון אין די העלע קעפּס־הויזן און אין ווייסן ספּאָרט־העמד און אַ פֿלינקער אַרויס אין זוניקן דרויסן.

כאָטש ס׳איז שוין געווען שפּעטער האַרבסט און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגנס, איז דער טאָג געווען אַ שיינער און אַ וואַרעמער. אָבער דווקא דער שיינער און דורכזיכטיק־קלאָרער טאָג האָט אויף מיסטער האַבערן אָנגעוואָרפֿן אַ מורא מיט זיין שרייענדיקער ליכטיקייט און ס׳האָט אים פּלוצים אָנגע־הויבן באַנג צו טון דאָס גאַנצע עסק. דערצו איז דאָס ווייב זיינס, וואָס איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקע און צו אים זעלטן־זוען אַ וואָרט אַרויסגערעדט, אַרויס פֿאַר דער טיר און אים אָנגעזאָגט מיט איר שטיל, יחסניש־איידל קול:

— פֿאַר פֿאָרזיכטיק... הערסט, הערש...

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט קליין און שפּלדיק און נישט געקענט פֿאַרטראָגן די זון אַרום זיך. אפֿילו דער הוסט האָט אים אינגאַנצן נישט דערקוטשעט און ער האָט זיך געפֿילט גוט, האָט אים די מורא נישט אָפּגעלאָזט. אָבער ער האָט שוין צוריק

נישט געקענט דרייען. דער לוקסוס־אויטאָ, וואָס האָט געוואַרט פאַר דער טיר און דאָס ווייסע ספּאָרט־העמד, וואָס מיסטער האַבער האָט אָנגעטון, האָבן געבלאַנקט אין דער זון מיט נייקייט און פרישקייט. כאָטש ער האָט געברענט, געוואָלט וואָס גיכער זיין אין די בערג, ווייל ס'האָבן זיך אים דערמאָנט פּלוצים די אַלע לאַבוזערסקע שטיקלעך, וואָס ער האָט אָפּגעטון יינגל־וויז, איז ער פונדעסטוועגן איינגעזאַנגען, אַז די זין זאָלן רופן די חברים זייערע און זיי זאָלן אַלע צוזאַמען אַרויספאָרן.

ער האָט לאַנג געמוזט וואַרטן ביי אַ פרעמד טויער, ביז ס'האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעשיט אַ גאַנצע כאַפּטע יונגוואַרג מיט אַ געשריי און מיט אַ ליאַרם. כאָטש ער האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז די זין זאָלן זיך אַריינזעצן צו אים, זענען זיי אַריין צו זייערס אַ חבר אין אויטאָ און צו אים האָט זיך אָנגעפּאַקט אַ חברה פרעמד יונגוואַרג מיט אַ שטיפעריי און מיט אַ געקווי־טשעריי. ס'האָט זיך אים כסדר נאָר אויסגעוויזן, אַז ס'קריכט אים ווער אויפן קאַרק און ער האָט זיך געמוזט אַלעמאָל אויס־דרייען. ער האָט זיך באַלד דערפילט שלעכט, נישט געקענט פאַר־טראָגן דאָס געשריי און דעם ליאַרם פון די פרעמדע בחורים, וואָס זענען זיך כסדר פאַרפאָרן אין די רייד, נישט געלאָזט איינער דעם צווייטן צום וואָרט קומען. ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זיי קוקן זיך אויף אים נישט אום, לייגן נישט קיין אַכט אויף די אַלע קונצן, וואָס ער האָט אָנגעווענדט בעתן פירן דעם אויטאָ, און זעען אים אינגאַנצן נישט, ווי ס'וואָלט דאָ נישט געזעסן קיין לעבעדיקער נפש, נאָר עפּעס אַ חפץ...

ביידע אויטאָס האָבן זיך אַ לאָז געטון אין איין שורה אי־בער דער שטאָט. מיסטער האַבער האָט געזען דורכן אָפענעם פענסטער, ווי דער עלטערער זון זיינער, מעקס, זיצט ביים ראָד און פירט אָן דעם שכנותדיקן אויטאָ. ער האָט אינזינען געהאַט, אַז נאָכדעם, ווי ער וועט זיך אַריינזעצן אין דעם נייעם הויז און פראַוועון דעם חנוכת־הבית כיד־המלך, וועט ער זיך שוין בלויז מיט די קינדער פאַרנעמען...

זיי זענען אַרויס הינטער דער שטאָט. דאָס יונגוואַרג האָט אים געהילכט אין די אויערן, פונדעסטוועגן האָט ער

הנאה געהאַט פון דעם ווינטל, וואָס האָט געטאַנצט אַרום אים, אויפגעבלאָזן אים דאָס העמד אין אַ באַלן און זיך אים געשטעלט אין וועג. דער ים האָט זיך באַוויזן פונדערווייטנס, זיך באַהאָפטן מיט דער זון אין איין שטיק גאָלדן־צעגאָסענער וואַנט. די קייטן בערג האָבן זיך געבלויט, זיך געקייקלט, ווי קנוילן רויך. אָבער ער האָט גאָרנישט אַרום זיך געזען. זיין בליק איז בלויז נאָכגעלאָפן דעם שוואַרצן פלעק, וואָס האָט זיך געגליטשט אַ שטיק פאַר אים, אויף די געשלענגלטע וועגעלעך אין די בערג. ער האָט געוווסט, אַז דאָרטן, אין דעם אויטאָ, זיצט ביי דעם ראָד דער זון זיינער און ער האָט געיאָגט, נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז ער זאָל זיין פריער פון אים. ער וועט ווייזן דעם זון זיינעם, אַז ער איז נישט קיין נעכטיקער, ס'איז נישט ביי אים אַזאַ מעשה, אַז ער וויל וועט ער אים באַלד איבעריאָגן. אין קאָפּ האָט אים שוין געשווינדלט. דער ים, דער חלל, ווי ווייס שאַרף־געשליפן מעטאַל, דער וועג, — אַלץ האָט זיך אים אויסגעמישט אין איין שטיק פאַרווישטער ווייסקייט, ווי ער וואָלט כסדר אין אַ וואַסער אַריינגעקוקט. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען נאָך איין זאַך, אַז ער דאַרף יאָגן, וואָס שנעלער לויפן. אָט־אָט האָט ער שוין דעריאָגט דעם שוואַרצן פלעק, געווען זיכער, אַז ער וועט אים באַלד אויסמיידן. טאַטע און זון האָבן זיך שוין געקענט געבן די הענט. אָבער אָט איז פון דעם אויטאָ, ווו דער זון איז געפאָרן, צוריק געוואָרן אַ שוואַרצער פלעק, וואָס האָט זיך געגליטשט אַרויף דעם באַרג. באַלד איז פון דעם פלעק געוואָרן בלויז אַ קליין שוואַרץ פינטעלע און באַלד איז עס אינגאַנצן פון זיין אויג פאַרשווונדן.

ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, ווי אַ קינד, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אויף אַ פרעמדן וועג אַליין. ער האָט געוואָלט שרייען, אָבער ער האָט קיין קול נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך. מיט אַלע כוחות האָט ער געפּרוווט אַרויפברענגען דעם אויטאָ אויפן גלייכן וועג, אָבער ער האָט זיך דווקא, קענען זיין ווילן, געגליטשט נאָענט פון דער משופּעדיקייט פונם באַרג. ס'איז אים באַפאַלן אַ הוסט און דער אויטאָ האָט זיך פלוצים אַ קער געטון אַראָפּ פונם וועג. מיט די לעצטע כוחות האָט ער אַ דריי געטון דאָס רעדל אויף צוריק, אַזוי האַסטיק און

שנעל, אַז ער האָט דערפילט, ווי ס'רייסט זיך אין אים עפּעס אָפּ. ער האָט שנעל און אָפּגעהאַקט געאָטעמט, ווי אַ פיש אויף דער יבשה. זיינע הענט האָבן כסדר געדרייט קראַמפּהאַפטיק דאָס ראָד אויף צוריק און ער האָט מיט עקשנות געריסן דעם קאָפּ צום פענסטער צו, געפּרוווט אים אַרויסשטופּן אינדרויסן אַרויס, כדי צו כאַפּן אַביסל לופט. אין די אויערן האָט אים געקלונגען, ווי פון יענער וועלט, דאָס געשריי פון דער חברה, וואָס האָט נישט געזען ווי דער אויטאָ איז שיער נישט פונם וועג אַראָפּ און ווי ער איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטייפטער, מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ צום פענסטער צו, גלייך ער וואָלט נאָך אַלץ אַרום זיך אַביסל לופט געזוכט...

ווען דאָס יונגוואַרג האָט זיך געכאַפּט איז שוין געווען שפּעט. ס'האָט שוין גאָרנישט געהאָלפן. ס'האָט שוין אפילו מער נישט געהאָלפן די טרחה פון די זין, וואָס האָבן אויף זייער וועג צוריק, געפּרוווט אַוועקנעמען דעם טאַטנס קראַמפּהאַפּטיק־פאַרשטייפטע הענט פונם רעדל. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, זיי דאַרפן זיין ערנסט, גאָר ערנסט, אָבער זיי האָבן נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טון און זיך געפילט זייער הילפלאָז. זיי האָבן געטרעטן אויף איין אָרט אַהין און צוריק, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט. זייערע פּנימער זענען אויסגעצויגן געוואָרן און זייערע טריט שלאַבעריק און ווייך.

דעם אַנדערן טאָג, באַלד באַגינען, האָט זיך צו זיי אין שטוב אַריינגעשאַרט אַ בינטל יידן און יידענעס, דעם טאַטנס אַמאָליקע באַקאַנטע פונם שטעטל, און אָנגעהויבן וויינען הויך אויפן קול. זיי האָבן גאָרנישט געוווסט פון וואַנען ס'האָבן זיך פּלוצים גענומען אָט די אַלע יידן. ווי זיי וואָלטן פון דער ערד אויסגעוואָקסן און נקמה גענומען, וואָס ביים לעבן פונם באַלעבאָס האָבן זיי אין דעם הויז קיין צוטריט נישט געהאַט... די זין האָבן זיך פאַרשעמט, געפּרוווט וויינען צוגלייך מיט אַלע, אָבער נישט געקענט. זיי האָבן זיך דערשפּירט איבעריק ביי זיך אינדערהיים, זיך פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, זיך שטאַרק געפילט שולדיק לגבי דער מאַמען, וואָס מען האָט געמוזט כסדר אונטערהאַלטן, ווייל זי

האָט זיך אַלעמאָל אַ זעץ־אַוועק געגעבן אויף דער ערד און זיך שוין נישט געוואָלט מער פון דאָרט אויפהויבן.

ערשט ווען דער שוואַרצער אָרון איז פאַרפאָרן פאַר זייער הויז און זיך אויף דער גיך אַוועקגעלאָזט מיטן טאַטן צו דער אייביקער רו, האָבן זיי זיך דערפילט פרייער. אָבער ערשט איצט האָט זיי טיף אַ שניט געטון דער ווייטיק, אַז שוין, מער וועט זיך שוין דער אויטאָ מיטן טאַטן נישט אומקערן אויף צוריק. דעם אָרון האָבן זיך שטיל אַ לאָז געטון באַגלייטן עטלעכע גלאַנציקע רייכע לוקסוס־אויטאָס. איינזאַם האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך דעם שוואַרצן אָרון, וואָס האָט זיך נעריסן אַקייגן דעם ווינט און רעגן איבער די ברייטע רייכע גאַסן, ווו ס'האָט פון אַ באַרג צראָפּגעקוקט מיסטער האַבערס ניי־אויפגעשטעלט הויז.

די נייע לוקסוס־אויטאָס האָבן זיך געיאָגט, געלאָפן אַלע־מאָל גיכער, ווי אין אַ פאַרמעסט.

ווינטער

I

ס׳איז שוין געווען טיף אין ווינטער, ווען וואָווע האָט זיך פּלוצים צוריק אומגעקערט אין שטאָט אַריין. אַ פרישער שניי איז אָנגעפאַלן איבער נאַכט, געדיכט געהאָנגען אויף די צוויי רייען ביימער פון ביידע זייטן וועג, אויסגעגלייכט די ראָווען, אַז מ׳האָט נישט געוווסט ווו זיי זענען פאַרשוווּנדן, און פאַרשיט דעם קליינעם בית־עלמין, וואָס האָט זיך געדראַפּעט אין עק שטאָט, צופוסנס דעם באַרג. דער מאַרק איז געלעגן אויסגעצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט און די נידעריקע הייזער, אָנגעטון אין שווערע, ווייסע קוטשמעס, זענען נאָך קלענער געוואָרן, געקראָכן טיף אין שניי, פאַרזונקען ביז צום בויך.

ס׳איז געווען שטיל און רואיק אין מאַרק, ווען וואָווע איז פּלוצים דאָרט אויסגעוואַקסן, באַדעקט מיט ווייסן פראָסט און מיט אייז־צעפּלעך אין דער באָרד. דער אַלטער העלער קאַפּעליוש איז ביי אים טיף געווען פאַרוקט איבער די אויגן, דער לאַנגער, צעפּליקטער מאַנטל אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רימען, און אַ סענקעוואַטן שטעקן האָט ער געהאַלטן אין האַנט, ווי ביי די אורחי־פּרחי.

מ׳האָט זיך שוין אויף אים אינגאַנצן אין שטאָט נישט געריכט. אַ שטיקל צייט אים אפילו אַ שם געמאַכט, אַז ער איז אַוועק פון דער וועלט דאָרט ערגעץ אין דער פרעמד, און זיך פאַר אים דערשראָקן, ווי אַ בר־מינן וואָלט זיך פּלוצים באַוויזן...

פּאַוואָליע און נישט ניחאדיק האָבן די יידן אין מאַרק אים אַרומגערינגלט, ספקדיק געשאַרט מיט די פיס אין שניי, פאַרזיכטיק געשטעקט אים די הענט, און נישט געוווּסט וואָס מ׳ע־

אים אָנצוהויבן צו רעדן. זיי האָבן זיך איינגאַנצן נישט געמאַכט וויסן, אַז מ׳האָט זיך נישט געטראָפן אַזאַ לאַנגע צייט און גע־רעדט מיט אים, ווי מ׳וואָלט זיך ערשט נעכטן געזען:

— אַ?... — שלום־עליכם, וואָווע?... — האָט זיך אַלעמאָל ווער אַנדערש שטיל צוגעשאַרט, פאַרזיכטיק געשטופּט די האַנט — וואָס מאַכסטו עפּעס, אַ?... קאַלט... אַ קרירה... אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן אויף דער גאַס!... וואָסזשע הערט זיך עפּעס, וואָס? וואָסזשע שווייגסטו, אַ?

די יידן האָבן געוווסט, אַז ס׳איז שוין אין דעם אַ שיינע פּאָר יאָר, זינט ער איז אַוועק קיין אַרגענטינע. די רייכע אין דער משפּחה האָבן אים אויסגעקליידט אין אַ פּאָר גרויסע יוכטענע שטיוול, האַרטע ווי בלעך, אין אַ לאַנגער בורקע, אויסגעאַרבעט פאַר אים פּאַפּירן און אַוועקגעשיקט. ער האָט זיך אויפן וועג מיטגענומען אַ הילצערן קופערטל, אַזעלכס, ווי מ׳נעמט מיט צו די זעלנער און איינגעוויקלט אַ גרויסן לאַבן ראַזעווע ברויט, ווי אַ ראָד, אין אַ געבלימטער, רויטער פויערישער פאַטשיילע.

צוגלייך מיט אַלע פויערים, וואָס זענען געפאָרן איבערן ים זוכן גליק, האָט ער לאַנג געוואַרט אויף דער פאַרוואָרפענער שוואַרץ־אָנגערויכערטער באַן־סטאַציע, ביז דער צוג איז אָנגע־קומען. ער איז געזעסן אויף זיין הילצערן קופערטל און אויף ביידע קניען געהאַלטן די צוויי פיצלעך טעכטערלעך. ער האָט זיי געטוליעט צו זיך, מיט די פינגער געפירט אין זייערע קינ־דעריש ווייכע האָר, געקוקט אין די אויגן, וואָס זענען געווען ווי זיינע, אויפגעריסן און גרוי. די פויערים, אין קאָליריק־גע־שטיקטע לייוונטענע העמדער איבער די הויזן, זענען געלעגן אויף דער אָנגעשפּיגן־ברודיקער פּאָדלאָגע, געזונגען אומעטיק־צעצויגענע, אוקראַאינישע לידער, און געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן אויף די ווייבער, וואָס זענען זיי געקומען באַגלייטן.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען, האָבן זיך די ווייבער זיי געוואָרפן אויפן האַלז און אויסגעבראָכן אין אַ יללה. וואָווע איז געבליבן שטיין אָפּהענטיק פאַרן ווייב. ער האָט זיך איר געשעמט צו זאָגן אַ פּאָר ליבלעכע ווערטער און זיך צו קושן: מיט איר אַלע אין די אויגן. אין גרויס צעטומלטקייט האָט ער

געהאַלזט מיט שטאַרקער איבערגעגעבנקייט די קינדער און געזאָגט צום ווייב, מער נישט, ווי די־אָ־דאָזיקע פּאָר ווערטער:

— זיי געזונט, נעשע... פון וועג וועל איך דיר מערטשעם אָנשרייבן...

די יידן, וואָס זענען אין דער זעלבער צייט מיט אים אַוועק קיין אויסלאַנד, האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, געוואָרן לייט און אַריבערגענומען צו זיך ווייב און קינדער. בלויז וואָווע איז קיין לייט נישט געוואָרן, און ווייב און קינדער נישט אַריבערגענומען צו זיך.

ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט, דאָרט ערגעץ אין דער פרעמד, פון איין פאַבריק צו דער אַנדערער. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז מ'איז דערגאַנגען, וואָס ער וויל. מ'האָט אים געמוזט אַריינשרייען אין אויער, ווי אין אַ טויבן, ביז ער האָט זיך געכאַפּט, וואָס מ'זאָגט צו אים. ער האָט נאָכאַנאַנד געפּילט אויף זיך דעם ווייבס גרינע אויגן, און אין די שפּיצן פינגער איז אים אַרומגעלאָפן דער זיידענער שאָרך פון די קינדערישע ווייכע האָר. ער האָט זיך געזען אויף די דאָרפישע וועגן אינדערהיים מיטן קעסטל אונטערן אָרעם, ווו ס'זענען געלעגן די מכשירים צו פאַריכטן אַ „פּריטש", אַ באַנק־בעטל, און אין די הענט האָט אים געבריט דער היימישער פּאַטש־צו פון דער פויערישער האַנט, — אַ סימן, אַז דער מסחר איז געמאַכט...

קיין בריוו האָט ער אינגאַנצן נישט געשריבן. טיילמאָל האָט ווער פון די שטאָטישע יידן אין דער פרעמד דערמאָנט פון אים, אַז ער האָט נאָך אַלץ קיין רעכטע אַרבעט זיך נישט אויסגעזוכט — ביז מ'האָט שוין דאָס אויך וועגן אים נישט געשריבן.

דאָס ווייב זיינס, די „שיינע נעשע", האָט אין אים פאַרגעסן און מ'האָט זיך געשושקעט, אַז זי גיט זיך אָפּ מיט איר שכן, לאָזער דעם רימער. בסוד האָט מען זיך דערפון געשושקעט, מורא געהאַט פאַר לאָזערן, געוווּסט, אַז ער איז קנעפּל־שבקנעפּל מיטן קאָמענדאַנט. לאָזער האָט שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן די מלאכה און זיך גענומען צום מסחר. ער האָט זיך קורץ פאַרשוירן דאָס בערדל, אָנגעטון אַ האַרטן „בעכער" און פינגערלעך אויף די קורצע הענט. כאָטש ער איז געווען אַ שטילער, וואָס טשע־

פעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט און איז שטענדיק אַרומ־געגאַנגען מיט סאַמעטענע, ווייכע טריטעלעך, האָט מען פונ־דעסטוועגן פאַר אים מורא געהאַט. זיין שטילקייט האָט אָנגע־וואָרפן אַ שרעק. אַ צופרידענער פון זיך און פון זיינע אויפ־טועכצער, האָט ער געלאַכט אין די פויסטן פון זיינע אַמאָליקע חברים, די בעלי־מלאכה־יונגען, וואָס זענען שוין ביזן טויט אַריין פאַרפאַלענע... ער האָט חוזק געמאַכט פון וואָווען, וואָס קען אין אויסלאַנד קיין לייט נישט ווערן און גנזאָגט אויף זיך מיט זיין שטיל־באַשיידן קול, אַז ווען ער וואָלט דאָרט געווען, וואָלט ער איינגעלייגט וועלטן. אין דעם העק קען מען שוין גאָרנישט מער דערלעבן... אַז מען לאָזט נישט דעם ייד אויפהויבן דעם קאָפּ...

— ער וועט נאָך אַ ליאַדע טאָג צוריקקומען, וואָווע... — האָט ער אַלעמאָל ליב געהאַט איבערצוחזרן צווישן די יידן אין מאַרק — עך וויים, וואָס כ׳זאָג!... עטיז וועט זען, צי כ׳רעד פון הוילן פּאַס אַרויס!...

און זיינע נביאותן זענען מקוים געוואָרן.

II

וואָווע איז נאָך געשטאַנען אין מאַרק, אַרומגערינגלט פון די יידן — און שוין איז מען געלאָפן אָנזאָגן די בשורה זיין ווייב, דער „שיינער נעשען". די קינדער, אַרומגעבאַבלטע און רויט־פאַרפלאַמטע פון פראָסט און פון דער גוטער בשורה, וואָס זיי גייען אָנזאָגן, זענען פאָרויס־געלאָפן פאַר די עלטערן און אַריין צו נעשען מיט פריידיקע אויסגעשרייען:

— נעשע, אייער מאַן איז געקומען... ער שטייט אין מאַרק!... גייט אַרויס און טוט אַ קוק!... אָ־אָ, דאָרטן שטייט ער!... — האָבן זיי אָנגעוויזן מיט די פינגער דורכן פענסטער, כאָטש מ׳האָט גאָרנישט געקענט זען, ווייל די שויבן זענען געווען פאַר־קאַוועט פון פראָסט.

די ווייבער, וואָס זענען אַריין מיט אַ „פּאַליש" נאָך די קינדער אין שטוב, האָבן איר צוגעוווּנטשן:

— ליב אייך אייער גאַסט, נעשע!...

אָבער נעשע האָט זיך פון דער גוטער בשורה גאָרנישט איבערגענומען און אפילו נישט אַקייגנגעגאַנגען דעם מאַן. באַגלייט פון די שכנים איז ער אַליין אַנגעקומען. ער האָט נישט געקוקט אויפן ווייב, און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט ערשט נעכטן פון דאַנען אַוועק... פונקט ווי ביים געזעגענען זיך, האָט ער זיך איצט געשעמט איר צו זאָגן אַ פּאָר ליבלעכע ווערטער און זיך צעקושן מיט איר אַלע אין די אויגן. אין גרויס צעטומלטקייט האָט ער בלויז מיט איבערגעגעבנקייט געהאַלזט די קינדער און זיך געפרייט מיט זיי...

באַלד, ווי ער איז נאָר אַריבער די שוועל פון זיין היים, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין און אָפּגעשלאָפן מער ווי אַ מעת־לעת. מ'האָט גאָרנישט דערקענט אויף אים, אַז ער האָט געזען אַזויפיל לענדער און געפאָרן מיטן ים. ער איז געקומען דערזעלבער, וואָס אַמאָל, מיט גרויסע יוכטענע שטיוול און אין אַ לאַנגען מאַנטל, ביז צו דער ערד, פונקט ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיך פון מיליטער אומגעקערט. ס'האָט אים בלויז געפעלט דאָס זעלנערישע היטל, מיטן לאַנגען צעפליקטן דאַשעק.

ווען ס'זענען צו אים געקומען די שכנים און אויסגעפרעגט וואָס ער האָט דאָרט אַליץ געזען אין דער פרעמד, האָט ער זיי נישט געענטפערט. ער איז געזעסן אַנגעכמורעט און געקוקט ערגעץ ווייט אַוועק, ווי נישט אים מיינט מען. די שכנים האָבן זיך איבערגעקוקט און געצויגן אויף אים מיט די אַקסלען. באַלד האָבן זיי אים מיט אַ צונאָמען באַקרוינט, אים אַנדערש נישט גערופן, נאָר:

— דער אויסלענדער! דער אַרגענטינטשיק!...

טאַקע צוליב דעם, וואָס מ'האָט נישט געקענט דערקענען אויף אים, אַז ער איז געווען אין אויסלאַנד, האָט מען אים אַזוי גערופן.

— אין אַזאַ ביטערער צייט קומט מען צוריק!... — האָבן די שכנים גערעדט צווישן זיך — דאָס קען נאָר וואָווע!...

מ'האָט אים כסדר אונטערגעטראָגן, אַז ווער ס'האָט נאָר אַ ברירה און קען זיך אַרויסקריגן פֿון דאַנען, אַנטלויפֿט... אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. וואָווע איז געזעסן אַ גלייכגילטיקער. ווי נישט אים מיינט מען מיט די רייד. מ'האָט גאָרנישט געקענט תופס זיין מיטן שכל, וואָס מיט אים איז אַזוינס געשען.

— אַזוי ווי איינער איז צו זיבן, אַזוי איז ער צו זיבעציק!

— האָבן די יידן יאושדיק געשאָקלט מיט די קעפּ — ר'האָט זיך דען עפּעס געביטן!... דערזעלבער וואָווע, וואָס אַמאָל!... וואָווע מיט די ביינער!...

מ'האָט זיך אַזוי גיך נישט געקענט שענקען, וואָס ר'האָט זיך אין אויסלאַנד צו גאָרנישט דערשלאָגן. כאָטש עס זענען איצט פֿון דאָרטן געקומען בריוו, אַז מ'מאַכט שוין אויך דאָרטן נישט קיין גאָלדענע געשעפֿטן, האָבן יידן אין דעם נישט געוואָלט גלויבן:

— ווייס עך וואָס!... — האָבן זיי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — ס'איז שקר־וכזב... פֿונדעסטוועגן נעמט מען אין ערגעץ נישט אַרויס דעם ייד דאָס שטיקל ברויט פֿון מויל... ס'איז פֿונדעסטוועגן אין ערגעץ נישט אַזוי שלעכט ווי דאָ!... ווייס עך וואָס!...

און ווען וואָווע האָט גענומען דאָס קעסטל מיט די מכשירים אונטערן אָרעם און געוואָלט גיין אין דאָרף אַריין, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, האָט מען פֿון אים חוזק געמאַכט:

— גיי גיב אים צו פֿאַרשטיין... — האָט מען געזאָגט — אַז דער פּויער איז שוין נישט דערזעלבער וואָס אַמאָל... אַז ס'איז הײַנט אַ מורא צו גיין אין דאָרף... אַז ס'איז סכנות נפֿשות...

אין בית־המדרש האָט מען זיך דערציילט, אַז בעת דער „שוואַרצער שיע” איז אַרויסגעגאַנגען אין דאָרף אַריין, האָבן אים קליינע שקצימלעך נאָכגעוואָרפֿן שטיינער און באַגלייט דעם גאַנצן וועג פֿון דאָרף אַרויס מיט אויסגעשרייען:

— מאַמעלע, טאַטעלע, ציצעלע, פּייעלע!...

ווען ער האָט זיך געפּרוווט אַקייגנשטעלן זענען אים די פּויערים באַפֿאַלן. שוין באַלד אַ חודש צייט, ווי ער גייט נישט אַראָפּ פֿון בעט.

וואָוועס האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון די יידן. מ'האָט ביסלעכווייז פאַרגעסן אין אים, און ס'איז אפילו מער קיינעם נישט אָנגעגאַנגען, צי נעשע גיט זיך נאָך ווייטער אָפּ מיט לאָזער דעם רימער. אַלע פאַרנאַכט איז וואָוועס געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, געבלאָנדזשעט פון איין בינטל יידן צום אַנדערן און זיך אַזוי איינגעהערט אין זייערע רייד, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט איין וואָרט צו פאַרפעלן. געפירט האָט דאָ ווייטער דאָס רעדל, פונקט ווי אַמאָל, שמעון־אַבאַ, דער אייזן־קרעמער, אַ שאַרפער קאָפּ, וואָס האָט זיך פיינט צו לאָזן שפּייען אין דער קאַשע.

פונקט ווי אַמאָל, האָבן אים נאָך היינט אין אַלץ צוגעהאָלפן ר' מענדל ריוועס און „מרדכי לעמעלע", צוויי שטילע יידן, וואָס אָן אים קענען זיי נישט עפענען דאָס מויל. ר' שמעון־אַבאַן מיט זיינע אונטערהעלפערס, האָט מען אין שטאָט גערופן:

— דער רבי מיט די שמשים!...

אינמיטן בית־המדרש איז געשטאַנען דער שניט־סוחר, ר' שלמה, אַ ייד אַ מראָ־שחורהניק און אַ מוסרניק, אין ברילן און מיט אַ בלאַס פּנים, פול מיט רויטע קראַנקע פלעקן. ער האָט אַריינגעכאַפּט אַלעמאָל אַ פּאָר ווערטער פון דאַוונען, זיך פּלוצים דערמאָנט אין עפּעס און זיך הויך צעשריגן:

— איי, ס'איז שלעכט יידן!... ס'איז ביטער, אַז עך זאָג שוין, אַז ס'איז שלעכט!... — האָט ער די רייד איבערגעחזרט פול מיט וואָרנונג, ווי אַ נביא.

אָבער די יידן האָבן זיך צו אים נישט צוגעהערט. יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס אַנדערש צו דערציילן, געקומען מיט אַ פרישער נייעס, וואָס קיינער האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט. די יידן האָבן זיך צונויפגעדריקט אין בינטלעך, געמאַכט מיט די הענט און אָנגעוויזן אַלעמאָל ערגעץ ווייט אַוועק, אין דער זייט פון די אַרומיקע דערפער.

אין בית־המדרש איז געווען פינסטערלעך. אויף די געלאַ־טעטע, אייזיק־פאַרקאָוועטע שייבלעך איז אין בלוט אָפּגעגאַנגען דער קורצער, ווינטערדיקער טאָג... כאָטש דאָס אייזערנע אייוועֿ־לע און די פאַרצווייגטע רערן אונטער דעם שוואַרצן סופיט, זע־

נען גוועון רויט־צעגליט, איז דאָ פונדעסטוועגן געווען קאַלט און די יידן האָבן געקלאַפּט איין שטיוול אָן אַנדערן און אַלע־מאָל פריש אָנגעהויבן אונטערטענצלען איבערן בית־המדרש, כדי זיך צו דערוואַרעמען. די הענט האָבן זיי געהאַלטן פאַרשטעקט אין די אַרבל, ווי אויף דער גאַס.

וואָווע האָט גיך אַריינגעכאַפּט דאָס דאַווענען. ער האָט גע־קוקט אויף די אויסגעשטרעקטע הענט פון די יידן, וואָס האָבן געוויזן צו די אַרומיקע דערפער, און ער האָט געבלאָנדזשעט דאָרט ווייט צווישן די פּויערישע כאַטעס. נישט איינמאָל האָט ער געגעבטיקט אין אַ כאַטע אויפן פּיעקעליק, ווען דער רעגן האָט אים אין וועג געכאַפּט. ער האָט זיך צוגעהערט, ווי אין דרויסן האָט דער ווינט געשלעפּט די מאָכיקע שינדלען פון דאַך, געקראָכן מיט אַ ירגזון אויפן בוידעם, אין שטאַל, און אָנגע־הויבן רייסן די קליינע פענסטערלעך מיט גרויס עקשנות, אַלעמאָל אַ שמיץ געגעבן אַ פרישן גאָרשטש רעגן אויף די שויבן, זיי געהאַלטן אין איין צוואָגן.

די פּויערישע משפּחה איז געזעסן אַרום דעם קליינעם טישל, אַ בליץ האָט אַלעמאָל די פינסטערניש, ווי מיט אַ שאַרף מעסער אויפגעשניטן. די פּויערים האָבן זיך געצלמט, געטראַכט פון דער תבואה, וואָס איז פאַרבליבן אין פעלד. וואָווע האָט זיך אַוועקגעדרייט אין אַ זייט און געמאַכט פּאַוואָליע אַ ברכה איבערן דונער.

די פּויערים האָבן געגעסן וויעטשערע פון איין שיסל אַרום. זיי האָבן פּאַוואָליע געפירט מיטן לעפל אין געקעכץ און זיך איינגעהערט צו דעם שטורעם אין דרויסן. זיי האָבן אַלעמאָל אַ קוק געטון דורכן פענסטער, אָבער דורך די פאַרטרערטע שויבן האָט מען גאָרנישט געזען. אַלץ איז געווען פאַרוווישט און אָפּגע־מעקט, ווי פאַרשטעלט מיט אַ געדיכטן רויך, וואָס האָט די וועלט אַרומגעכאַפּט. בלויז פון ווייטנס האָבן זיך געשוואַרצט עטלעכע איינציקע ביימער, וואָס דער ווינט האָט מיט געוואַלט ביי די האָר געריסן צו דער ערד, ווי אָפּצוקומען פאַר אַ באַגאַנגענער, שווערער זינד...

— קום מיטעסן, וואָווקע! — האָט מען אים פאַרבעטן צום

טיש, כאָטש מ׳האָט געוווסט, אַז ער וועט נישט מיטהאַלטן, ווייל ער האָט מורא פאַר טרפות. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טישל, אויפגעבונדן זיין רויט־געבלימט טלומעקל און אויפן פויערישן שטייגער, געשניטן מיטן קניפּעק פּענעצלעך ברויט מיט קעז, גלייך צו זיך אין מויל אַריין. ווען דער רעגן האָט זיך אַביסל איינגעשטילט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך געקליבן ווייטער אין וועג אַריין, אָבער די שטוביקע האָבן אים בשום אופן נישט אַרויסגעלאָזט.

זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן. ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן פּיעקעליק. פאַרן אַנטדרימלט ווערן האָט זיך נאָך צו זיינע אויערן אַנגענעם פון דרויסן דערטראָגן דאָס שטילע שמייסן פון רעגן, וואָס איז געקומען ווי פון ווייט, ווייט...

וואָווע האָט זיך אומגעקוקט איבערן בית־המדרש, וואָס איז ביסלעכווייז אויסגעליידיקט געוואָרן. די יידן האָבן זיך דערמאָנט, אַז מ׳דאַרף גיין פאַרמאַכן די קראָמען. ס׳איז שפּעט... אַז ביי־טאָג איז אויך אַ סכנה צו שטיין מיטן ביסל סחורה... אויפן עמוד האָט זיך אין אַ בלעכערן שאַכטל דערברענט אַ יאָרצייט־ליכטל און געקאָפּטשעט די וואַנט. לעבן אָפּגעגאַנגענעם אייוועלע האָבן זיך נאָך געשוואַרצט עטלעכע פּלייצעס, וואָס האָבן זיך געבויגן אַרום די אורחי־פּרחיניקעס און אויסגעפרעגט ביי זיי, וואָס עס הערט זיך אין די אַרומיקע שטעטלעך... צי ס׳איז שטיל... ווייל דאָ אין שטאָט הויבט זיך שוין אָן צו רודערן... פון די דערפער איז שוין אָפּגערעדט... שוין אַ צייט לאַנג, ווי יידן זיצן אָן פּרנסה... אין דאָרף אַריין האָט יעדער מורא צו גיין, און דער פויער קומט נישט אין שטאָט אַריין...

אָבער ביי די אורחי־פּרחיניקעס האָט מען גאָרנישט געקענט אַרויסקריגן. זיי האָבן טעמפּ און מיט שנאה געקוקט די באַלעבאַטים גלייך אין פּנים אַריין און נישט געענטפערט. דורות־לאַנגע פּיינטשאַפט האָט איצט אַרויסגעקוואָלן פון זייערע אָפּגעריסענע מלבושים, פון זייערע שטומע פּנימער, אַז די באַלעבאַטים האָבן מורא באַקומען און זיך אָפּגערוקט. אַ קאַליקע, אַ קליין, דאַר יידל, מיט גרין־צוזאַמענגעצויגענע קעצישע אויגעלעך, האָט צולהכעיסדיק געפּאָכעט מיטן אומעטיק־ליידיקן אַרבל

די באַלעבאַטים גלייך אין די אויגן אַריין און שטיל געזאָגט:

— עך האָב נישט קיין מורא! עך האָב גאָרנישט וואָס אָנצווערן! אפשר מיין גרויס פאַרמעג! — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיך.

ער איז גלייכגילטיק אַרונטערגעגאַנגען הינטערן אויוון און זיך געשמאַק גענומען קראַצן מיט דער איינציקער איבערגעבליבענער האַנט זיינער. פאַוואָליע האָט ער אויסגעטון די גרויסע, פאַרדאַרטע שטיוואַליעס און די שוואַרצע פאַרפוילטע אָניציעס און געשטופּט די פיס אין אויסגעלאָשענעם פּיסק פון אויוון, צוגלייך מיט די איבעריקע אורחי־פּרחיניקעס, וואָס האָבן זיך הויך אַרומגעשאָלטן און כסדר געוואָרטשעט צו זיך איינס און דאָס זעלבע:

— סטייעט זיי נישט די באַלעבאַטים אויף אַביסל האָלץ!

— האָבן זיי געבורטשעט — זיי זענען קראַנק און געשוואָלן אונטערצוהייצן דעם אויוון!... ס'אַ קרירה, אַ קעלט!... מ'עט נישט קענען צוטון קיין אויג...

זיי האָבן אויף זיך אַרויפגעשלעפּט פאַרשידענע לאַכעס און זעק און זיך געלייגט שלאָפן אויף די גאָלע בענק און טישן, וואָס זיי האָבן צוגערוקט צום אָפּגעגאַנגענעם אויוון. פון די איינגעקנוילטע, אָפּגעשטאָרבענע בערגלעך שמאַטעס איז באַלד אויפגעגאַנגען אַ כראָפּען.

וואָווע איז אַרויס פון בית־המדרש, אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט און זיך אומגעקוקט. דאָס יאָרצייט־ליכטל האָט זיך פאַרן אויסגיין געלאָשן, זיך צוריק ליכטיק צעצונדן, באַלויכטן דאָס גאַנצע אייזיק־פאַרקאָוועטע פענסטער, ווי אינעווייניק וואָלט געברענט. אין דער ערשטער רגע האָט ער געוואָלט מאַכן אַ גוואַלד, אָבער זיך באַלד באַרואיקט. ער האָט פאַוואָליע געשפּרייזט איבערן פאַרשנייטן, פוסטן מאַרק וואָס האָט זיך ווייס אָפּגעצייכנט פון דער טונקעלער נאַכט. די קראָמען זענען שוין געווען צו, פאַריגלט מיט אַייזערנע פּרענטן, ווי הענט, פאַרלייגט אין אַ צלם. בלויז דאָס גויאישע געוועלבל איז געווען אָפן און געוואָרפן אַ געלן פלעק אויפן שניי, וואָס איז געלעגן בייכיק און געשימערט מיט שטעכיקן פראָסט. ערגעץ פון וויטנס האָט זיך

דערטראָגן אַ געלעכטער. פון גויאישן שענק האָבן זיך געהערט שיכורע שטימען, געמישט מיט אַ פרעמדער, פריילעכער מוזיק. ס'האָט זיך געטראָגן פון דאָרט אַ פרעמד הויך טופּען פון פיס ביים טאַנץ און די הייזעריקע טענער פון אַ האַרמאָניקע.

III

וואָווע איז גאַנצע טעג געזעסן אין שטוב. ער האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטון. אַלעמאָל איז ער אַרוים אין מאַרק, אָבער זיך באַלד פון דאָרט צוריק אומגעקערט. נעשע איז אַ סך מאָל ערגעץ פאַרשוואונדן, איבערגעלאָזט די קינדער און ער האָט נישט געוווסט, ווו זי איז. ערשט שפּעט ביינאַכט איז זי אַהיימגעקומען.

אין מאַרק איז איינמאָל ר' שמעון־אבא, דער אייזן־קרעמער, צוגעקומען צו אַ בינטל יידן און דערציילט, אַז אין דאָרף זאַבעלטיץ, האָט מען אונטערגעצונדן לייביש דעם שענקערס כאַטקע. די פּויערים זענען געשטאַנען אַרום דער שרפה, זיך גלייכגילטיק צו אַלעמען צוגעקוקט און נישט געוואָלט העלפן ראַטעווען דאָס ביסל יידישע האָב־און־גוטס.

— וואָס גייט עס אונז אָן... — האָבן זיי גלייכגילטיק געקוקט אין פּייער אַריין, ווען די יידן האָבן געחלשט ביי זיי הילף און זיך געוואָרפן פאַר זיי אויף דער ערד — ס'איז נישט אונזערס!...

— און מ'ווייסט ווער ס'האָט דאָס געטון... — האָט ר' שמעון־אבא אַלעמען איינגערוימט אויפן אויער — ס'איז יאַדוויגאַ דער אַלמנהס אויסשטודירט זונדל... ער איז אַראָפּגעקומען אין דאָרף אַריין מיט נאָך עטלעכע חברים!... דאָס האָבן זיי אָנגעמאַכט דעם הורבן!... און ווער האָט יאַדוויגאַן געבאָרגט געלט, כדי צו שיקן דעם זון אין דער גרויסער שטאָט אַריין, אַז נישט עד!... טאַקע עד אַליין!

שמעון־אבא איז אַריין אין אַ רציחה און אָנגעהויבן זיך קלאַפּן אין האַרץ אַריין מיטביידע פויסטן מיטאַמאָל:

— טאַקע עד אַליין! — האָט ער געשריגן.

וואָווע האָט זיך גענומען אויסצופּאַריכטן די שטוב־חפצים, אויסגעפֿונען, אַז זיי זענען שוין אַלט און צעבראָכן. ער האָט איבערגעשטעלט די זאַכן אַלעמאָל ערגעץ אַנדערש, אָבער ס'האָט אים אַלץ נישט צופֿרידנגעשטעלט. ווו ער האָט זיך נישט געקערט און געווענדט, האָט ער אַלץ אָנגעטראָפֿן אויף די גרינגע שמאָל־צוזאַמענגעצויגענע אויגן פֿון זיין ווייב, וואָס האָבן אים כּסדר דערציילט וועגן זייער שכן, לאָזער רעם רימער, וואָס איז רייך געוואָרן, כאָטש ער איז נישט געווען אין אויסלאַנד...

פֿון אייביק־אָן האָט מען זיך געחידושט, וואָס די „שיינע נעשע" האָט גענומען וואָוועןָ. באַלד ווי זי איז נאָך דער חתונה געקומען פֿון דאָרף אין שטאָט אַריין, האָט זי איבערגענומען די שטאָטישע מנהגים, זיך נאָר אינזינען געהאַט צו סטראָיען און אָפּגעווישט יעדן סימן, אַז זי שטאַמט פֿון דאָרף. מיט איר געזונטן, דאָרפֿישן חוש, וואָס האָט זי קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט, מיט איר גיריקייט, האָט זי זיך דאָ באַלד אַריינגעפּאַסט, אַיינגענומען וואָוועןָ, וואָס איז געווען אַ פּלוט, נישט קיין באַרעכנטער און ליב געהאַט דעם טרונק. ער האָט שטענדיק געשטעלט אויף זיך, אָבער פֿאַרן ווייב האָט ער מורא געהאַט און זיך געלייגט פֿאַר איר, ווי אַ לעמעלע. באַלד נאָך דער חתונה האָט ער זיך געביטן נישט צום דערקענען און איבערגעריסן מיט זיינע חברים, די בעלי־עגלה־יונגען, וואָס האָבן זיך שטענדיק געזאַמלט הינטער דער שטאָט און דאָרט אַרומגעקאָמאַנדעוועט מיט די פּויערישע שקצים און שיקסעס. ער האָט מער נישט אינזינען געהאַט, נאָר דאָס ווייב און די קינדער.

נעשע איז באַלד געוואָרן די איינציקע באַלעבאָסטע אין שטוב. זי האָט ביי זיך אין בוזים און אין זאָק געוואַרעמט דאָס געלט, די פֿאַרהאָרעוועטע גראָשנס, וואָס וואָווע האָט געברענגט נאָכן אַרומשלעפּן זיך גאַנצע טעג איבער די דערפֿער מיטן הילצערנעם קעסטל אויף די פּלייצעס. די שטאָטישע ווייבער האָבן מיט קנאה געקוקט אויף איר'ע אָפּגעברענטע, רויטע באַקן, אויף דער געזונטקייט, וואָס האָט אייביק אַרויסגעקוואָלן פֿון איר.

זי האָט זיך געסטראָיעט אין פֿאַרשידענע הוטן, זיך באַצירט מיט בלישטשענדיקע שפּילקעס און לאַנגע הענטשקעס

ביז צו די עלנבויגנס. איר ברוגזע פּלייצע האָט אַזוי לאַנג געהאַט טענות צו וואָוועז, וואָס דער שכן זייערער, לאָזער דער רימער, איז רייך געוואָרן — ביז ער האָט זיך געשטעלט ביי אים אַרבעטן אין זיין גרויסן לעדער־מאַגאַזין, וווּ ער האָט צוזאַמענגעלייגט דאָס לעדער. ס׳האָט זיך דאָ אייביק געפילט אַ האַרבער מפּיק־פּאַרלעגענער ריח. מ׳האָט אים דאָ גערופן נישט אַנדערש, נאָר „דער אַרגענטינטשיק“, „דער אויסלענדער“.

דער אויפזעער פון מאַגאַזין „פריילין הערשל“, ר׳ לאָזערס טאָכטערס חתן, אַ מיידליש־שלאַנקער, הויכער בחור, מיט קינדיש־ראָזע בעקעלעך און אַ מיידליש־קוויטשיק קולכל, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן אייביק מיט דער פאָטאָגראַפיע פון זיין רייכער שוואַרץ־אויגיקער כלה, האָט זיך אַלעמאָל געשאַפן מיט אים. הערשל איז זיין גאַנץ לעבן נישט צופרידן געווען מיט זיין שטאַרק־מיידלעריש אויסזען, און זיך נישט געשיידט מיט דער פאָטאָגראַפיע פון זיין כלה.

וואָוועז איז גוט איינגעקריצט געוואָרן דאָס טייגיק־ווייכע קינדערישע פּנים זיינס, ס׳האָט זיך אין אים טיף איינגעבאַקן זיין דין, מיידלעריש שטימעלע, וואָס האָט זיך נאָר געהאַלטן אין איין בייזערן. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי יוסף דער נאַכטשומר, אַן אַלטער, אָבער נאָך שטאַרקער ייד, האָט מיט איבערגעטריבענער שרעק געציטערט פאַר הערשלס יעדן וואָרט און געדרייט זיך אַרום אים מיט הכנעה. אַ ברייטער, אַ שטאַרקער, האָט ער אַרויפגעקוקט צו אים מיט אויפגעריסענע אויגן, גרייט צו רינען.

— יוסף, וואָס שטייט איר ווי אַ גולם?... — האָט הערשל אים אַלעמאָל גערופן און זיך באַמיט, אַז זיין מיידעריש־דין שטימעלע זאָל קלינגען וואָס מער מענעריש און האַרט, גלייך די שוואַרץ־אויגיקע און זיס־שמייכלענדיקע כלה אויף דער פאָטאָגראַפיע וואָלט געהערט.

פאַרנאַכט, ווען הערשל איז נאָכן אָפּשרייען און נאָכן אָפּקאָמאַנדעווען אַ גאַנצן טאָג אַוועק, איז וואָוועז דאָ נאָך געבליבן. יוסף דער נאַכט־שומר האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אין זיין גרויסער קוטשמע ביז איבער די אויגן, מיטן שטעקן

אין איין האַנט און אַ לאַמטערן אין דער אַנדערער און געהיטן דעם מאַגאַזין. וואָווע האָט זיך אונטערגעהערט ווי די טרעגערס שושקען זיך, וויצלען זיך איבער אים הינטער די אויגן. צו זיינע פאַרשטעקטע אויערן, אונטער דער קוטשמע, האָט זיך כסדר דערטראָגן דער נאָמען פון זיין ווייב, פון נעשען און פון לאָזערן. ער האָט אויפגעשפּיצט די אויערן, זיך אָנגעשטרענגט צו הערן די רייד פון די טרעגערס, געוואָלט עפּעס אויפכאַפּן, אָבער גאָר־נישט געקענט דערהערן.

ווען ער איז ביינאַכט אַהיימגעקומען, האָט ער נעשען קיינמאָל נישט געטראָפן, נאָר בלויז זיינע צוויי טעכטערלעך, וואָס האָבן זיך אין שטוב פאַרשלאָסן. ער האָט זיי אַ־עמאָל שוין געטראָפן אין בעט און זיי האָבן אים געמוזט אויפמאַכן. איינמאָל איז ער אַהיימגעקומען, ווען זיי זענען נאָך אויף־געווען. ער האָט זיי אויפגעבעט דאָס געלעגער, געוואַרעמט דאָס איבערבעט ביים אויוון, לאַנג געפּאַטשט אין די קישנס, כדי זיי זאָלן זיין ווייך און פּוכקע. ער האָט ביי די קינדער אַראָפּגענומען די שיכלעך, געהויכט אין די פּיס, געריבן אין די הענט און דערציילט פון קאַלטן דרויסן. מיט די הענט האָט ער געבלאָנדזשעט אין זייערע האָר, געזוכט ענלעכקייט צו זיינע. ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף די שטום־פאַרקאָוועטע שויבן, וווּ עס האָבן זיך געצייכנט פאַרשנייעטעביימער, אָפּגעבראָכענע צווייגן, איבערגעדרייטע און חרוב־געוואָרענע פונם ווינט.

אָבער די קינדער האָבן מורא געהאַט פאַר אים און זיך אָוועקגעשאַרט. זיי האָבן אים אָנגעקוקט מיט חידוש און שרעק. ער האָט געפילט, ווי זיי גליטשן זיך צוביסלעך אַרויס פון אים, שטופּן אָפּ זיינע הענט, וואָס גלעטן זיי איבער די האָר. זיי לאָזן זיך פון אים נישט טראָגן אין אויסגעוואַרעמטן בעט אַריין, ווי ביי דער מאַמען...

ער האָט לאַנג געוואַרט ביז זיי זענען אַנטדרימלט געוואָרן, זיך נישט קיין ריר געטון. ווען זיי זענען שוין געשלאָפן, האָט ער זיך פאַרזיכטיק צו זיי צוגעלייגט און צוגעטוליעט, געזוכט די וואַרעמקייט פון זייער לייב, געפילט, אַז זיי זענען זיין בלוט

און פּליִיש... אין שלאָף האָבן זיי דערשפּירט זיין נאָענטקייט און זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין:

— מאַמע!... — האָבן זיי זיך געריסן ביידע אויפאַמאָל און אים אָפּגעשטופּט פון זיך — מ־אַ־מע!...

דעם אַנדערן טאָג איז וואָווע אויפגעשטאַנען, ווען ס׳איז נאָך געווען פינסטער. ער האָט זיך פּאַוואָליע אָנגעטון און לאַנג געזוכט אין ווינקל, וווּ ס׳זענען געלעגן זיינע פאַרזשאַווערטע מכשירים, נאָך פון דער צייט פאַר זיין אַוועקפאָרן. ער האָט זיי לאַנג געפּוצט און איינציקווייז אַריינגעלייגט אין קעסטל. דער־נאָך האָט ער זיך אומגעקוקט איבער דער שטוב. די קינדער זע־נען געשלאָפן מיט נעשען אין איין בעט. אַ צופרידנקייט האָט אַראָפּגעשיינט פון זייערע פּנימלעך. זיי האָבן די מאַמע אין שלאָף מיט די הענט געהאַלטן אַרומגענומען, געטוליעט צו זיך. וואָווע האָט גענומען דעם סענקעוואַטן שטעקן אין דער האַנט, דעם זעלבן, מיט וועלכן ער איז צוריקגעקומען אין שטאָט, פאַר־וואָרפן דאָס קעסטל מיט די מכשירים אויף די פּלייצעס, אַ קוש געטון די מזוזה און אַרויס פון שטוב.

פּאַוואָליע האָט ער געשפּרייזט אין שניי, אַ שווייגנדיקער, די קוטשמע טיף אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, דער לאַנגער מאַנטל אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גראָבן שטריק. אַ רויך איז אויפ־געשטיגן פון דער ערד און ס׳איז ביסלעכווייז ליכטיקער גע־וואָרן. דער פראָסט האָט אויסגעשליפן־דין געבלאַנקט. די יידן, פאַרבאַבלטע, מיט אַראָפּגערוקטע קוטשמעס איבער די אויגן, האָבן זיך געאיילט אין בית־המדרש אַריין, גיך אונטערגעטענצלט פון קעלט, איין האַנט פאַרוקט אין אַרבל פון דער אַנדערער. זיי האָבן געזען וואָווען שפּרייזן מיטן דאָרפישן וועג. אָבער ווען זיי האָבן אים געפּרוווט אָפּשטעלן, האָט ער זיי נישט געענטפערט.

— ווו גייט ער דאָס, ווו?... — האָבן די יידן דערנאָך גע־שמועסט צווישן זיך אין בית־המדרש — נישט אַנדערש, ר׳איז חסר־דעה...

מיטן קעסטל אויף די פּלייצעס, ווו ס׳האָבן היימיש גע־

קלונגען די מכשירים, האָט ער געשפּרייזט פאַרביי דעם פאַר־וויעטן, הילצערנעם צלם אויפן שייד־וועג. ער האָט צוריק געזען די היימישע פויערישע כאַטעס און די געפלאָכטענע פלויטן, פאַרזונקענע אין שניי, פאַרשווונדן מיטן פאַרשיטן דאָרפישן וועג, וואָס האָט געפירט גלייך צום ווינטערדיקן, נידעריק־אַראָפּגעלאָזטן הימל...

אויף דער סטאַנציע

I

דער מת איז נאָך געלעגן אויף דער ערד, צוגעדעקט מיטן שוואַרצן מאַנטל, ווי אַ בלינד בערגל, און שוין האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרומרייסעניש. די שטוב איז פּלוצים פול געוואָרן מיט ווינט און געשריי, און די פלעמלעך צוקאָפּנס דעם מת האָבן זיך אַלעמאָל אַ בויג געטון אין אַ זייט. נאָר שפּעטער, ווען אַלע זענען אַוועק, און ריווע איז אַליין געבליבן מיטן זון און מיטן שנאָרכנדיקן ייד אין ווינקל, איז דאָ צוריק אַזוי שטיל געוואָרן, אַז מען האָט געהערט, ווי די פלעמלעך צוקאָפּנס דעם מת טוליען זיך ווייטער צו זיך און ציען זיך קאָפּשענדיק־הייס צו דער סטעליע. ריווע האָט זיך שוין איצט בשום־אופן נישט געקענט דערמאָנען, וואָס דעם זונס חברים האָבן געוואָלט פון איר האָבן, און צוליב וואָס עס איז פאָרגעקומען דאָס גאַנצע אַרומרייסעניש. איין זאַך האָט זיך אָבער אויף קלאָר ביי איר אין קאָפּ געוויגט, אַז זי וועט נישט נאָכגעבן, קיינעם נישט נאָכגעבן. איצט, נאָכן זונס טויט, האָט זי צו שאַפן איבער אים... זי האָט אַלעמאָל אַ בליק געוואָרפן אויפן זונס בעט, לאַנג עפּעס דאָרט געזוכט. אָבער דאָס בעט איז געשטאַנען אויפגעריסן און צעוואָרפן, מיט אַן אויסגעהוילט גרוב, וואָס הערשל האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט. אויפן בענקל דערלעבן איז געלעגן אַן אָפּגעביסן שטיקל צוקער און אַ נישט־דערענדיקט גלעזל מיט עפּעס אַ רפואה...

ריווע האָט מיט אויסגעשטרעקטע, בלינדע הענט געזוכט דאָס שוואַרצע בערגל אויף דער ערד, אָבער אַלץ איז פּלוצים ווייט אַוועקגעשוואומען פון איר און די פלעמלעך צוקאָפּנס דעם מת האָבן זיך צעפלאַקערט מיט אַ ליכטיק פייער... דער ייד, מיט

דער אָראָפּגערוקטער קוטשמע איבער דער געשוואָלענער באָרד האָט נאָך אַלץ געשמאַק געשנאָרכט אין ווינקל. ס׳איז איר געווען עפּעס אַ גרויס חידוש, ווי ער קען אַזוי געשמאַק שנאָרכן, ווע־איר האָט געטראָפן אַזאַ אומגליק און זי האָט אים אויפגעריסן פון שלאָף. מיט פאַרגלייזט־געלע, קליינע שפּאַרעלעך האָט ער פאַרשלאָפן געבלאָנדזשעט איבער דער שטוב, איבער איר פּנים, און באַלד צוריק אַנטדרימלט געוואָרן מיט אַ כראָפּען, נאָך גע־שמאַקער און שטאַרקער ווי פריער. פּאַוואָליע האָט זי אַ פּיר געטון מיטן בליק אויף די שויבן, אָבער דער טאָג האָט זיך אַריינ־געגאָסן, אַזאַ ליכטיקער, אַזאַ העלער, פּונקט ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. און פון קאָרידאָר האָט זיך דערטראָגן דאָס רוישן פון דער וואַסער־ליַיטונג, פּונקט ווי שטענדיק אין דער זעלבער צייט...

ריווע האָט זיך געוואָלט אויסשמועסן מיט הערשלען, אָבער ער ליגט איצט אַזאַ פרעמדער צו איר, אַזאַ שטומער צו איר ווייטיק... דער מאַנטל האָט זיך פאַרשאַרצט און פון אונטער אים האָט זיך אַרויסגעזען עפּעס אַ טויטער, פרעמדער פוס, מיט אַ געלן, דורכזיכטיק־קלאָרן נאָגל, ווי ביי אַ ליאַלקע, וואָס האָט איינגאַנצן נישט דערמאָנט אין הערשלען. זיין לענגלעך פּנים איז האַרט־פאַרשלאָסן און אויסגעקרומט אויף אַ זייט, ווי עס וואָלט געלאַכט פון איר מיט אַ גלייכגילטיק און לצנותדיק שמייכעלע, אַ שמייכעלע פון די טויטע איבער די לעבעדיקע, צו זייער צער און צו זייער ווייטיק...

נאָך נעכטן האָט ער געטוליעט אירע הענט אין זיינע און זיי אונטערן קישן דערוואַרעמט, ווען זי איז פון גאַס, אַ פאַר־פרוירענע געקומען. מיט זיינע שלאַפע, בלייכע פינגער, האָט ער לאַנג אירע הענט געריבן, ביז זיי זענען פון פראָסט אויפגעטייעט געוואָרן. דערנאָך איז ער מיד און אויסגעשעפּט אויפן קישן צוריק אַוועקגעפאַלן און מיטן בליק זיך געבעטן, זי זאָל אים קילן זיין צעגליטן שטערן. אָבער אירע הענט זענען שוין וואַרעם געווען און אים נאָך מער געהיצט. מיט די גרויסע, צעגליט־אויפגעריסענע אויגן, מיטן פאַרשלאָסענעם מויל, האָט ער גע־בעטן ביי איר מחילה פאַר די אַלע עוולות, וואָס ער איז קעגן

איר באגאנגען. פאר דעם ארומשלעפן זיך מיט די אלע חברים, וואס ווינען ביי איר אויף דער סטאנציע און פארן קומען דעמאלט שפעט ביינאכט, א פארשוויצטער און א געיאגטער פון גאס, מיט פחד אין די אויגן. זי האט זיך אונטערגעהערט, ווי ער האט זיך דעמאלט פאר די חברים אין גרויס סוד בארימט, אז מען איז אים אין גאס „נאכגעגאנגען" און ס'איז אים דאך געלונגען צו אנטרונען:

— באלד ווי כ'בין נאר ארויס פון שטוב — האט ער זיך בארימט — האב'ך דערזען ווארטן א „בחור" אקייגנאיבער דעם טויער... כ'האב אים אבער אזוי „געחושט", אז ער האט נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט ער איז... ביז כ'האב אים צוגעפירט צום דורכגאנגס־הויף אויף זאמענהאפא און אים אונטער די הענט אפגעצויגן...

און דעמאלט טאקע האט זיך זיין קרענק אנגעהויבן און ארויסגענומען ביי איר דעם לעצטן גראשן. זי האט זיך פארשולדיקט אפילו ביי די בחורים, וואס האבן געוווינט ביי איר אויף דער סטאנציע. ניין, קיינער האט נישט קיין דעה איבער אים. זי האט איצט, נאך זיין טויט, איבער אים צו שאפן... זי וועט אים נישט איבערגעבן די חברים אין די הענט אריין...

אבער ס'איז געשען אינגאנצן אנדערש, ווי זי האט געוואלט. זי האט אפילו נישט באמערקט, ווי ס'זענען אנגעקומען צוריק הערשלס חברים און זיך ארומגעפארעט אין אלע ווינקלען. די שטוב איז צוריק פול געווארן מיט פראסט און ווינט. ריווע איז געבליבן פלוצים זיצן אן איבעריקע און א גלייכגילטיק־זייטיקע און זיך צו גארנישט געמישט, ווי ס'וואלט מיט איר דאס אלץ קיין שום שייכות נישט געהאט. זי האט זיך פלוצים אזוי שטארק איינגעקוקט אין דעם ייד, וואס האט נאך אלץ געשנארכט אין ווינקל, ווי זי וואלט אים צום ערשטן מאל דערזען. די גראבע באָרד האט זיך ביי אים געהויבן אויף און אפ און ער האט אלעמאל אין שלאף אראפגעלאזט דעם קאפ און אים באלד צוריק אויפגעהויבן. די חברים האבן זיך נאך אלץ כסדר ביים מת געפארעט...

און שפעטער, ווען דער פורמאן איז ברייט און זיכער פאר־

פֿאָרן אין טויער מיט דער עגלה און מיט די שטייפֿע, שוואַרץ־אָנגעטוענע, בלינדע פֿערד, האָט מען אים אינגאַנצן נישט געדאַרפֿט. דער פֿורמאַן, אין אַ שוואַרצן, האַרטן „בעבער", אַ פֿאַרפֿרוירענער, מיט פֿראָסט אין דער באָרד, האָט געקלאַפּט איין פֿוס אין אַנדערן, כדי זיך צו דערוואַרעמען, בייז געשאָלטן און גיך עפּעס געוואָרטשעט צו זיך אונטער דער נאָז. ער האָט בלית־ברירה פֿאַרקערעוועט צוריק די שוואַרצע פֿערד, און ליידיק זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער לוויה, וואָס איז פּאַוואָליע געגאַנגען איבער די ווינטיק־פֿאַרשנייעטע גאַסן.

פֿרעמד און איבעריק האָט זיך ריווע נאָכגעשאַרט נאָך דעם זונס לוויה, צווישן די פֿיל גלייכגילטיקע פּלייצעס, וואָס זענען געגאַנגען, אויסגעשטעלט אין רייען, ווי בעת אַ פּאַראַד. אָבער ס'האָט איר פֿונדעסטוועגן הנאה געטון, וואָס אַזויפֿיל מענטשן באַגלייטן איר הערשלען און גיבן אים אָפּ אַזויפֿיל כבוד... מיט דער שאַל האָט זי זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים. זי האָט נאָכגעקוקט די פֿיר יונגען, אין די בלויזע קעפּ, וואָס האָבן געטראָגן די מיטה, אַרומגעהילט אין רויטן, ווי עפּעס אַ קליין, לייכט שאַכטל. אָט קענען זיי עס נאָך פֿון די הענט אַרויסלאָזן אין שניי אַריין... ריווע האָט געוואָלט צולויפֿן צו זיי און זאָגן, זיי זאָלן זיך דאָס פֿונדעסטוועגן נישט אַזוי לייכט נעמען... זי האָט בפֿירוש געהערט, ווי אין די ווענטלעך פֿון דער מיטה, קלאַפּן זיך האַרט אָפּ די ביינער פֿונעם זון. דאַר און נישטיק האָבן זיי אויסגעזען, ווען מען האָט זיי דאָרט אַריינגעלייגט. זי האָט געקוקט אויף די פּנימער פֿון די חברים, וואָס האָבן אַזוי רואיק געשפּאַנט אינם שניי, אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות, מיט קרענץ אין די הענט און זי האָט צו זיי אַ כעס דערפֿילט... דער צוג האָט זיך פּאַוואָליע געשלעפּט, ווי ער וואָלט פֿאַרזונקען אין שניי און נישט געקענט אַרויס. ערשט אויף דער „גענשע" האָט מען זיך גענומען אונטעראיילן, גלייך ס'וואָלט שוין אַלעמען דערעסן געוואָרן דאָס שלעפּן זיך און מ'וואָלט וואָס גיכער געוואָלט פֿונם מת פּטור ווערן. דער פֿראָסט האָט זיך געשטאַרקט און די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך שוין, ווי אַן אויפֿגעעפֿנטע ווונד, בלוטיק צעגאָסן אויפֿן הימל...

ס׳איז שוין געווען פינסטער אויפן בית־עולם און ס׳האָבן זיך קוים געהערט די לעצטע פאַרשלונגענע ווערטער פונם רעדנער, וואָס האָט עפּעס אויף שנעל אַריינגעשריגן אין אָפענעם קבר אַריין. ער האָט זיך געזעגנט מיטן חבר, זיך נישט געקענט אַזוי גיך אָפּרייסן פון אים. פון הינטערן ווייס־פאַרשנייעטן פּאַרקן האָט אים אָפּגעענטפערט זיין אייגן הייס קול. ער האָט זיך שטאַרק געאיילט און די לעצטע ווערטער האָט ער אויף גיך אַריינגעכאַפּט, ווי אַ בעל־תּפילה די לעצטע פּסוקים פונעם דאַווענען... די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען, איבערגעלאָזט פלעקן פון בלוט אויפן הימל, וואָס זענען פון פראָסט פאַרגליווערט געוואָרן. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שטיל קדיש־זאָגן. ס׳האָט ווער אויף גיך אָפּגעכאַפּט די ווערטער:

— יתגדל ויתקדש...

ס׳איז געשען אַזוי אומגעריכט, אַז אַלע האָבן זיך אומגעקוקט, כּדי צו זען, פון וואַנען ס׳קומען די ווערטער. מ׳האָט דערזען אַ ברייטן בית־הקברות־ייִד, וואָס האָט זיך, מיט פאַרמאַכטע אויגן, געוויגט אין שניי. ריווע איז געשטאַנען לעבן אים, אַ קליינע, אַן איינגעשרומפּענע און אים זשעדנע אַריינגעקוקט גלייך אין מויל אַריין, ווי זי וואָלט זיך וועלן פאַרזיכערן, אַז ער נאַרט זי נישט אָפּ און ער פאַרפעלט נישט קיין איין וואָרט... אַ לייטיק בערגל האָט אומעטיק אַרויסגעקוקט פון דער שנייאיקער ווייסקייט. ווען אַלע האָבן אין געאייל, ווי פון אַ שׂרפה, פאַרלאָזט דאָס בית־עולם, מיט אַן אָנגענעם געפיל, אַז ס׳וואַרט אַ ליכטיקע היים און אַ פרישׁ, ווייס בעט...

II

ווען ריווע איז אַהיים געקומען פון דער לוויה, זענען שוין אירע לאָקאַטאָרן געווען. זיי האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט אומגעקערט פון דער לוויה און געלעגן ביי זיך אויף די "פּאָלאָווע" בעטלעך, וואָס האָבן ביי יעדן קער געסקריפּעט. די שטוב איז געווען אויסגעלופטערט און געשמעקט מיט פראָסט. דער טשייניק

האָט געקאָכט. בלויז דער פאַרהאַנגענער שפּיגל און דאָס אויפ־געריסענע, ליידיקע בעט, האָבן דערמאָנט, אַז מען האָט פון דאַנען אַרויסגעפירט אַ מת.

מיט אַ ווונק, ווי זי וואָלט נישט וועלן מפסיק זיין אינמיטן אַ תפילה, האָט זי זיך געהייסן דערלאַנגען אַ קוואָרט וואַסער. אָן איינגעבאַבלטע, ווי זי איז געשטאַנען און געגאַנגען, האָט זי זיך מיט אַ סקריפּ, באַלד אַ זעץ אַנידער געטון אויף אַ נידעריק קעסטעלע און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שיך, אַז זיי זענען אַזש פאַרפלויגן אין צווייטן עק פונם שטיבל.

דאָס בעט האָט כסדר נאָך אַלץ געקוקט צו איר מיט אַ טיפן אויסהויל, וואָס הערשל האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט. מיט צי־טערדיקע הענט פלעגט זי פירן איבער דעם אויסהויל, וואָס האָט נאָך פריש געאָטעמט מיט זיין לייב. און ווען ס'האָט זיך אין דעם בעט אַריינגעלייגט דער פרישער פראָווינצער בחור, ביניש, וואָס האָט זיך צו איר לעצטנס אַריינגעצויגן, האָט זי צו אים דערפילט אַ שנאה... זי האָט נישט געקענט ליידן, ווי ער ציט אויף זיך אַרויף די קאָלדרע, וויקלט זיך איין אין איר, ווי אַ בייגל, און פאַרדעקט זיך איבערן קאָפּ. ביז פאַרטאָג, ווען די שויבן האָבן שוין אָנגעהויבן צו בלויען, האָט זי נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און זיך כסדר איינגעהערט אין זיין הויך אָטעמען, וואָס האָט אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט צוריק ביי אים די קאָלדרע.

ביניש איז געקומען תמיד שפּעטער פון אַלע, און ווען זי איז אַראָפּ פון געלעגער און געטאַפּט אין דער פינסטערניש צווישן די בעטלעך, כדי אויפצוקייטלען די טיר, האָט זיך אַלע־מאָל דערהערט איר פאַרשלאָפן קול:

— הערשל?... אינדרויסן טאָגט שוין!...

ביניש האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין געלייענט ביכלעך און כלערליי צייטונגען, וואָס ער האָט געשלעפּט שטענ־דעק פון פאַלטן און פון דער מאַרינאַרקע. ער האָט קיינמאָל נישט קיין צייט געהאַט אָפּצועסן און געקניפּט פון די קעשענעס דאָס ברויט, וואָס איז צוגלייך מיט די פאַרשידענע ביכלעך און צייטונגען דאָרט געלעגן. ער איז געווען אַן עקשן, וואָס ווייסט

שטענדיק אַלץ בעסער פּאַר יענעמען און האָט זיך ליב ביי יעדער קלייניקייט צו שפּאָרן, פּונקט ווי הערשל אַמאָל. זיינע ביכלעך און די וועש האָט ער קיינמאָל נישט אָפּגעהיטן און זיי זענען אייביק צעזייט און צעשפּרייט געלעגן אין אַלע ווינקלען. אַז ער האָט נישט געהאַט איר צו באַצאָלן קיין דירה־געלט, איז ער שפּעט בייגאַכט געקומען, ער זאָל איר נישט דאַרפן קוקן אין פּנים אַריין. אויף די שפּיץ נעגל האָט ער זיך דעמאָלט אַריינגע־שאַרט אין שטוב און זי האָט געהערט אין דער פינסטערניש, ווי ער קייעט אויף גיך אַ שטיק ברויט. ער האָט זיך שנעל גענומען אויסטון, זיך אַריינגעגליטשט אין בעט אַריין. ס'האָט זיך באַלד דערהערט פון שכנותדיקן געלעגער אַן אומצופרידן און פאַר־שלאָפן קול, וואָס האָט געשאָלטן זיך און די גאַנצע וועלט, וואָס ביינישׂ מוז אַלע נאַכט פון שלאָף אויפוועקן.

אין שטיבל איז שטענדיק געשטאַנען אַ שוויים און ס'האָבן זיך שטאַרק געפילט די האַרבע ריחות, וואָס די לאָקאַטאָרן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון זייערע וואַרשטאַטן. אַלעמאָל האָט זיך ווער אַנדערש אַריינגעשאַרט, אויף גיך אָפּגעכאַפּט די וויע־טשערע און שוין געגאָסן טיי פונם גרויסן טשייניק, וואָס האָט פריילעך געקאָכט אין דער האַלב־טונקלקייט. ריווע האָט זיך נישט געקענט לייגן און זיך אַרומגעדרייט צווישן די בחורים, אַן איינגעהויקערטע, אַרומגעבונדן מיט דער שוואַרצער שאַל, גלייך אין שטוב וואָלט געשטאַנען דער פראָסט. זי האָט זיך צו־געהערט צו זייערע שפּאַרענישן, געוואָלט אויפכאַפּן אַ וואָרט, אָבער גאָרנישט פאַרשטאַנען. אַלעמאָל האָט זי אַן אַנדערן פון די בחורים גערופן:

— הערשל...

אינדערפרי, האָט זי זיך די ערשטע אויפגעכאַפּט, ווען ס'איז נאָך אינדרויסן שטאָק־פינסטער געווען, און זיך צוגעקוקט, ווי אירע לאָקאַטאָרן וואַרפן אויף זיך אַרויף אין געאייל דאָס אָנטועכץ און שטופן זיך אַרום דעם „זלעוו". זי האָט שוין לאַנג פייער געמאַכט און אַ גרויסער טשייניק האָט פריילעך געזשומעט אויף דער קיך. נאָך איידער די בחורים זענען אַרויס פון שטוב

האָט זי צוגעקערט דאָס שטרוי, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע און צוגענומען די בעטלעך.

בייטאָג האָט ריווע געוואַרט אויף אירע לאָקאַטאָרן און זי האָט אויסגעקוקט די נאַכט, ווען זיי וועלן אַהיימקומען. לעבן דער אָפּגעגאַנגענער, קאַלטער קיך איז זי געזעסן, אַן איינגעשרומפּענע, אַ מידע און געוואַרט. ס׳איז דאָ בייטאָג פּוסט געווען. די שטוב האָט זיך אויסגעצויגן טאָפּלט גרעסער, פּונקט ווי דער טאָג. אין די ווינטערדיקע בין־השמשותן האָט דאָס קליינע נאַפּט־לעמפּל, מיטן פּאַרקאָפּטשעטן, פּאַרלאַטעטן גלעזל געוואָרפן אַן אומעטיקע שיין אַרום זיך, און אין די ווינקלען איז שטענדיק פינסטער געווען. די „פּאָלאָווע״ בעטלעך, וואָס האָבן זיך גע־טוליעט צו די פּאַרהושכטע ווענט, זענען פּאַרדעקט געווען מיט כלערליי טישטוכער און זעק. פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, ווען ריוועס מאַן האָט געלעבט, זענען זיי נאָך געשטאַנען די צוויי אַלטמאָדישע בעטן, אָנגעשפּאַרט איינס אָן אַנדערן. שוין לאַנג, ווי זי שלאָפט נישט אין זיי. באַלד נאָכן מאַנס טויט, ווען זי האָט געמאַכט פון איר שטוב אַ סטאַנציע, האָט זי אָפּגעטרעטן; אירע בעטן און זיך געמאַכט איר געלעגער לעבן דער קיך און זי דרימלט דאָרט בייטאָג און ביינאַכט. עס זעט אויס, ווי זי וואָלט וואַך געווען, ווייל די אויגן זענען שטענדיק ביי איר אָפן. אַן איינגעבאַבלטע, אַן איינגעשרומפּענע, מיט אַן אַראָפּגעבויגן קעפּל, איז זי ענלעך געווען צו אַ שלאָפנדיקער הון.

קיינער האָט דאָ בייטאָג נישט אַריינגעשמעקט. טיילמאָל האָט בלויז אָנגעקלאַפּט אַ שכנטע אין טיר און געבעטן:

— ריוועשי־קרוין, טוען זיי אַ בליק אויף מיין שטוב, יאַך שפּרינג נאָר אַרויס אויף אַ מינוט עפּעס איינקויפן...

טיילמאָל איז אַריינגעפאַלן מיט אַ בהלה אַ פּאַרהאַוועטער, פּראָווינצער ייד, וואָס האָט זיך שטענדיק געאיילט און איבער־געלאָזט אַ פּעקל, מיטגעגעבן פון דער היים, פאַר אירע לאָקאַטאָרן. זי האָט לאַנג באַקוקט די פּעקלעך, וואָס זענען שטענדיק, פול מיט זאָרג, געווען פּאַרפּאַקט און פּאַרוויקלט אין כלערליי אויס־געריבענע פּאַפּירן, שמאַטקעלעך און שטריקלעך, ווי אַ קינד, איינגעהילט און פּאַרבאַבלט פון אַ מאַמישער האַנט... און ווען

ס'איז געקומען איינמאָל אַ בריוו מיט אַ פּעקל פּאָר ביינישן, און דער פּראָווינצער ייד איז אַנטלאָפן, ווי שטענדיק, האָט זי נישט געקענט שוין רואיק צוריק איינזיצן ביי ד'ער קיך. זי האָט אין האַנט געקנייטשט דאָס אויסגעריבענע בריוול, געזוכט עפּעס אין די קאָטשערעס־מיט־לאָפּעטעס אותיות, וואָס האָבן גע־אָטעמט מיט ווארימקייט אויף איר. מיט ציטערדיקע הענט, ווי אַ גנב, האָט זי דערנאָך שנעל אויסגעטון דאָס פּעקל פון די פאַרשידענע פּאַפּירן און שטריקלעך און אַרויסגענומען אַ טע־פּעלע פוטער, צוגעבונדן מיט אַ שמאַטקעלע, אַביסל סאָק אין אַ פאַרקלעבעצט פּלעשל, אַ פּאָר עפּעלעך, אָן אַלט, ווארעם שאַליקל. זי האָט די זאַכן צוריק אויף גיך פאַרפּאַקט און אַוועק־געלייגט אויף ביינישעס בעט...

ביינאַכט האָט זי געהערט, ווי ער האָט ביים אַריינקומען זיך כסדר אָנגעשלאָגן אין די אַלע בעטלעך, וואָס זענען אין שטוב געשטאַנען. זי האָט געפילט זיין וואַכן אָטעם אין דער פינסטערניש. ער האָט אָנגעטאַפּט דאָס פּעקל אויף זיין בעט און אָנגעצונדן אַ ליכט. זי האָט לאַנג זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים, וואָס האָט זיך געבויגן איבער די קאָטשערעס־מיט־לאָפּעטעס אותיות...

איבער גאַנצע טעג האָט ריווע מיט מורא געוואַרט איצט אויף אירע לאָקאַטאָרן. אירע אויערן זענען שטענדיק וואַך געווען, אויפגעשפּיצט צו די קלענסטע שאָרכן. ס'האָט איר אַרומגעכאַפּט יעדן טאָג אַ פרישע מורא, צי די בחורים אירע וועלן די היינטיקע נאַכט אַהיימקומען... צי זיי וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן אַמאָל דאָרט אין די פרעמדע גאַסן, וואָס שרעקן זי אַזוי שטענדיק... ביז שפּעט האָט זי זיך נישט אויסגעטון און געוואַרט אויף ביינישן, וואָס האָט זיך שטענדיק דער לעצטער שטיל אַריינגע־שאַרט. נאָכדעם איז זי ערשט אַראָפּ פון איר געלעגער און גע־פּרוווט צי די טיר איז גוט פאַרקייטלט.

אַלע נאַכט האָט זי זיך נישט געלייגט פריער, ביז אַלע בחורים זענען שוין געשלאָפן. זי האָט זיך צוגעהערט צו אַלע זייערע שפּאַרענישן ביז צום סוף. און ווען די בחורים זענען דערנאָך, נאָך די אַלע שפּאַרענישן אַוועקגעפאַלן, ווי געהרגעט

אויף די „פּאַלאָווע" בעטלעך, וואָס זענען געשטאַנען אַזוי נאָענט צוגערוקט איינס צום אַנדערן, אַז מען האָט נישט געקענט דורכגיין, האָט זי נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן. אין די אויערן, זענען איר נאָך כסדר געשטאַנען די אַלע פֿרעמדע, היציקע רייד און היימיש געזשומעט. זי האָט געזען, ווי דער פּראָווינצער בחור, בייניש, האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די קאָלדרע. אין דער טונקלקייט האָט זיך געווייזט זיין פֿוס און אַ שטיק ברוסטקאַסטן. זי איז אַראָפּ פֿון געלעגער און אים איינגעדעקט גוט, ביז איבערן האַלז. ער האָט זיך איבערגעדרייט מיט אַ קרעכץ און ווייטער געשלאָפֿן. זי האָט זיך איינגעהערט אין זיין הויך אָטעמען, וואָס האָט געהויבן ביי אים די קאָלדרע אויף און אָפּ. לאַנג איז זי נאָך אין העמד אַרומגעגאַנגען צווישן די געלעגערס, אָנגעצונדן אַ ליכטל און פֿון אַ קאַסטן אַרויסגענומען הערשלס אַ פּאַלטן און אים אַוועקגעלייגט אויף ביינישעס געלעגער... זי איז אַריין צוריק אין בעט, זיך איינגעהערט צום געשמאַקן שנאָרכן, וואָס האָט זיך געטראָגן אין שטיבל פֿון די פֿיל מענטשלעכע לייבער...

חברטעס

דאָס געפיל, אַז ביי איר אין בויך צאַפּלט אַ לעבעדיק נפש, האָט אסתרן נישט געפרייט, נאָר אָנגעפילט מיט מורא. זי האָט זיך לאַנגע שעהן צוגעהערט צו דעם צאַפּל אין בויך, זיך אויסגעמאָלן, ווי דאָס קינד וועט אויסזען. זי האָט געזען אַרומלויפן לעבן זיך אַ ייִנגעלע, אינגאַנצן געראָטן אין טאַטן, אין בנימינען, וואָס מען האָט אין מיטן נאַכט ביי איר צוגענומען און איינגעזעצט אין תּפיסה. עס וועט האָבן זיינע גרויע אויגן און בלאָנדע שקאָציש־גלייכע האָר. בייטאָג האָט זי זיך נישט קיין אָרט געפונען און אין די נעכט האָט זי נישט צוגעטון קיין אויג. זי האָט נישט געקענט ליידן, ווי די חברטע אירע, דבורה, שלאָפט געשמאַק מיט אַן אָפן מויל און צעוואָרפענע הענט אין אַ צלם. דבורהס געזונט און רעגלמעסיק אָטעמען האָט זי אַרויסגעבראַנגט פון די כלים, אַז עס האָט נישט געפעלט קיין סך, זי זאָל אַראָפּרייסן פון איר די קאָלדרע און זי אויפוועקן אין סאַמע מיטן געשמאַקן שלאָף. דערצו זענען די נעכט געווען פאַרנע, אַז זי האָט נישט געקענט דעם אָטעם כאַפּן אין דעם קליינעם לעצטן שטיבל, וואָס זי האָט אויף דער וואָלינסקע־גאַס געדונגען נאָך צוזאַמען מיט בנימינען. דאָס פענסטער איז געווען אָפן, אָבער קיין לופט איז נישט אַריינגעקומען. זי האָט זיך צוגעהערט צו די שפּעט־נאַכטיקע טריט פון די איינציקע פאַרבייגייער, צו דעם פאַרשלאָפענעם בייזן קול פונם סטרוזש און הייזעריק־גרילצנדיקן סקריפּ פונם טויער ביים עפענען. זי האָט געהערט, ווי די מענטשן, וואָס זענען געשלאָפן צוליב דער היץ אויפן הויף, אויסגעבעט אין די באַלעגאָלישע פלאַטפאָרמעס, האָבן זיך געקריגט איבער אַ בעסער געלעגער:

— נו, אַ סוף, רוק זעך!... — האָט זיך דייטלעך דערטראָגן

צו איר אַ פּאַנפּעוואַטע־פאַרשלאָפן קול — זע גאָר, ווי ער האָט זיך דאָס צעוואַליעט, ווי ביים טאַטן אין ווייַן־גאָרטן!...

וויפיל מאָל זי איז פון מירקייט אַנטדרימלט געוואָרן, האָבן די קולות זי צוריק אויפגעוועקט. אויפן פענסטער האָט זיך גע־מרוקעט דאָס העמר, וואָס זי האָט זיך פאַרן שלאָפן גיין אויס־געוואַשן. די דעכער האָבן זיך ענג פאַרפלאָכטן אין ווייסן לבנה־שיין. פול מיט מתיקות האָט זיך דבורה געטוליעט צום קישן, דאָס מויל אָפן, די הענט צעוואָרפן, ווי זי וואָלט וועלן מיט זיי עמיצן צוטוליען צו זיך. אַלעמאָל, בעת אסתר, אַן אָנגעוויי־טיקטע, אַן אויסגעבענקטע, האָט איר געוואָלט עפּעס פאַרן אַנט־שלאָפן ווערן דערציילן, איז זי שטענדיק אין מיטן אויסהערן אַנטדרימלט געוואָרן. זי האָט צוגעשאָקלט אַזוי לאַנג צו אַלץ מיטן קאָפּ, כסדר איבערגעחזרט אויף אַלעמען „יאָ", ביז צו אסתרן האָט זיך פלוצים דערטראָגן אַ געזונט כראָפּען פון עפּעס אַ ווייטן ווינקל, כאָטש דבורה איז געשלאָפן מיט איר אין איין בעט.

גאָר אַ סך האָט אסתר דבורהן געהאַט צו דערציילן פון די נעכט פאַרברענגטע ביים ברעג ווייסל, ווען בנימין איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף איר שויס און זי האָט מיט די פינגער גע־פירט איבער זיינע פאַרמאַכטע אויגן און ציטערדיק־הייסע ליפּן. אַ פוילע מידקייט האָט זיך געגאָסן אין אירע פאַרשלאָפענע קניען, ווען ער האָט געקושט די שפּיצן פון אירע לאַנגע פינגער, צעראַצטע פון אַרבעט, און צעפלאָכטן אירע בלאָנדע האָר און זיי געוויקלט אַרום זיין פּנים און האַלז.

די נעכט זענען אַוועק און ס'איז געקומען דער צאַפּל אין בויך, וואָס פילט זי אָן וואָס אַ טאָג מיט מער שרעק און פרייד אינאיינעם. און בנימינען האָט זי דערפון ביז איצט נאָך נישט געשריבן. וויפיל מאָל זי האָט אים וועגן דעם געוואָלט אָנשרייבן, האָט זי אין דער לעצטער רגע חרטה באַקומען און אים מיטגע־טיילט וועגן אַלע קלייניקייטן אין דער וועלט מיט אַזאַ פינקט־לעכקייט, ווי דאָס וואָלט אַ גרויסן ווערט פאַר אים געהאַט, אָבער, אַז זי וועט שוין בקרוב אַ מאַמע ווערן, האָט זי פאַרשוויגן... איין מאָל האָט זי אים שוין אָנגעשריבן אפילו אַ בריוו, ווו זי

האָט דערפֿון דערמאָנט, אָבער אים צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. ס'קען אָבער אויף ווייטער נישט אַזוי פֿאַרבלייבן. ווי וועט ער דאָס אַלץ אויפֿנעמען?... אין זיינע לאַנגע, ברודיק־צעקנייטשטע בגדי פֿון תּפֿיסה — אָנגעפּיקעוועטע האַלב מיט בלייפֿעדער, האַלב מיט טינט, מיט אַ דראָבנעם, קוים־לעזבאַרן כּתב, פֿון וועלכן עס גיט אויף איר שטענדיק אַ ווייע מיט קראַטעס — דערמאָנט ער איצט קיינמאָל מער נישט וועגן זייער היים. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער וועט אין כּעס זיין אויף איר, הלמאַי זי האָט נישט געפֿאָלגט דבורהס עצה און נישט געלאָזט זיך פֿירן פֿון איר איבער די קרומע, ברודיק־געדרייטע טרעפּ, דאָרט אַרויף אויפֿן פֿערטן גאָרן — און איז פֿון מיטן וועג אַנטלאָפֿן. דאָרט, אויפֿן פֿערטן גאָרן האָט זיך אין אַ ווינקל באַהאַלטן אַ נידעריקע, שמאָלע טיר. דבורה האָט איר אַ סך אָנדערציילט, מיט איר גע־זונט, פֿריש קול וועגן אָט דער שמאָלער, נידעריקער טיר. דאָרט וואָלט אסתּר באַלד „פּטור געוואָרן פֿון אַלעמען". דער פֿערטער גאָרן איז אויסגעוואַקסן ביי איר אין אַ סוד. זי האָט כּסדר געזען דעם אָפּשיין פֿון ווייס־קאַלטע דאָקטאָרישע מכשירים, געפֿילט שוין די שאַרפֿקייט זייערע אין איר אייגן צעהיצט לייב.

אסתּר מאַכט אָפּ ביי זיך, אַז מער וועט זי **שוין** דבורהן גאָרנישט דערציילן, אָבער אַז עס קומט ביינאַכט, פֿאַרגעסט זי אין דעם. דבורה ווערט, ווי געוויינטלעך, **אינמיטן אויסהערן** אַנט־שלאָפֿן, און אסתּרס קול בלאָנדזשעט **אום איבעריק און** פֿאַר־שעמט אין דער פֿינסטערניש.

אינגאַנצן צופֿעליק **האָט זי זיך** מיט דבורהן געטראָפֿן, נאָכ־דעם ווען מען האָט **בנימינען ביי איר צוגענומען. זיי האָבן זיך** באַלד דערקענט, גלייכצייטיק זיך **אין מיטן גאַס אָפּגעשטעלט** און זיך צעקושט. ביידע האָבן זיי **אין דער זעלבער** צייט דערזען די צוויי רייען קאַשטאַן־ביימער, **וואָס פֿירן** אַוועק פֿון שטעטל, טאַטע־מאַמעס צווישן אַ מעטיק־פֿאַרלאָזטע וועגט, די קליינע, פֿאַרוויכערטע באַן־סטאַציע, **און לייבעלע**־פּיאַקער מיטן צעשיטן װעגעלע און איין־אויגיקן **אויסגעדאַרטן** פֿערדל. ביי די ערשטע טעג, ווען דבורה האָט זיך **אַריינגעצויגן צו אסתּרן, האָבן זיי** זיך געהיט איינע פֿאַר דער אַנדערער, אַרומגעגאַנגען מיט כּורות.

דערנאָך האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן זיך נישט וואָס צו היטן — און געזעסן אויף צווישן זיך. און אַז איינע פון זיי האָט גערעדט האָבן דעם „לאָקאַל", האָט זי נישט געמוזט מער אויס־געפונען בלערליי תירוצים פון אונטער דער ערד, אַז עס דאַרף קומען צו איר אַ באַקאַנטער, אַז עס זענען געקומען אירע קרובים פונם שטעטל...

אָבער אסתר איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרלוירענע און אַ זיי־טיקע, ווען דבורה האָט פאַרבעטן צו זיך די חברים, וואָס זענען געלעגן צעלייגט אויפן קרעבצנדיקן פעלד־בעטל און אָנגעפולט די שטוב מיט געשריי און געזאַנג. זי האָט זיך זייטיק צוגעקוקט, ווי דבורה שפרינגט פון איין חבר צום אַנדערן, פאַרוואַרפט די בויגעוודיקע, שלאַנקע הענט יעדעס מאָל אויף אַן אַנדערנס אַקסלען. דבורה האָט שטענדיק ליב געהאַט צו זיין דאָס אויי־בערשטע פון שטייסל. ווען זי האָט שפּאַצירט אין גאַס, אַרומ־גערינגלט פון אירע בחורים און אירע לאַנגע לאָקן האָבן זיך גע־שפּילט מיטן ווינט, האָט זי ליב געהאַט אַלעמאָל אַרויסצולאַכן אַזוי הויך, אַז אַלע זאָלן זיך אומקוקן אויף איר. פון אסתרן האָט זי חוזק געמאַכט, וואָס זי וויל בנימינען „באַשטאַטן" מיט אַ קינד, ווען ער וועט זיך פון תפיסה אומקערן. אַמאָל האָט זי איר דער־ציילט אפילו, אַז אויך איר בחור „זיצט" און זי בענקט נאָך אים זייער שטאַרק, אָבער באַלד האָט זי פאַרגעסן וועגן וואָס זי האָט פאַר אַ מינוט גערעדט און ס'האָט זיך צוריק דערהערט איר גע־לעכטער, נאָך פרייליכער ווי פריער.

אסתר האָט זיך געפילט שוואַך. זי האָט געפילט, ווי דאָס קינד וואַקסט ביי איר אין בויך און זי האָט זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טון, ווי זי וואָלט עס נאָך געקענט פאַרלירן. אַ שווערע מידקייט האָט אָנגעגאָסן אירע אברים. כאָטש זי האָט געוווסט, אַז זי דאַרף זיך אַ סך באַוועגן, איז זי פונדעסטוועגן געזעסן אויף איין אָרט, ווייל ס'האָט זיך איר נאָכאַנאַנד נאָר געדאַכט, אַז אָט גייט זי געווינען. אין די נעכט איז איר אַ פּחד באַפאַלן פאַר דעם נייעם אומבאַקאַנטן געפיל, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט אַלץ מער, ווען ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון געבוירן. איר הייסן, צעגאָסן־ווייכן גוף האָט זי צו דבורהן געטוליעט,

זי געוועקט פון שלאָף. די וואַסער־לייטונג ביי דער באַלעבאָסטע אין שטוב האָט כסדר איינגעגעסן געקאַפּיעט, געקלאַפּט, ווי מיט אַ העמערל, איבערן צעהיצטן מוח. זי האָט געשריגן, געוועקט און געריסן דבורהן, אָבער יענע איז געשמאַק געשלאָפן און גאָרנישט געהערט.

אַזוי זענען אַוועק אַ סך נעכט, אַלע ענלעכע איינע צו דער אַנדערער. אָבער די לעצטע נאַכט פאַרן געווינען, האָט זי דבורהן אַזוי שטאַרק געריסן פון שלאָף, אַז יענע איז געבליבן זיצן אַ דערשראָקענע אויפן געלעגער. אסתר איז שוין געלעגן אין גרויסע ווייען. זי האָט זיך פּלוצים אַ צי־אויס געטון אין דער לענג, אַז זי איז מיט אַ שטיק גרעסער געוואָרן. די פּים זענען איר אַראָפּגעהאָנגען, און מיט בלייכע ציטערדיק־שוואַכע הענט האָט זי נאָכאַנאַנד אומזיניק און מיט עקשנות געריסן דעם קאָפּ־שטיק פונם בעט, ווי דאָס וואָלט איר געברענגט אַ לינדערונג. זי האָט אַזוי שווער מיט די הענט געאַרבעט, אַז גרויסע טראָפּנס שוויים האָבן זיך איר געבלעזלט אויפן פּנים און דאָס העמד האָט זיך איר פאַרקאַשערט הויך איבער די קיילעכדיק־פולע, וואַרעמע קניען.

דבורה האָט זי קוים באַוויזן אָפּצופירן אין שפּיטאָל. אין דער דראָזשקע האָט זי זיך פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, אַז מען האָט זי קוים אַרויסגעזען. זי האָט זיך געשעמט צו שרייען און מיט פאַרהאַקטע ציין געצויגן איין און דעם זעלבן ניגון, ווי זי וואָלט זיך אים איינגעחזרט. זי האָט זיך איינגעהערט אין איר אייגענעם ווייטיק, וואָס האָט זי אַלעמאָל מער אַרומגעכאַפּט און זי צעשפּאַרט.

אין די לאַנגע פאַרשלאָפענע שפּיטאָל־קאָרידאָרן האָט מען זי געשיקט פון איין דאָקטאָר צום אַנדערן. אַ סך ווייבער האָבן זיך דאָ פאַרלוירן אַרומגעשלעפּט און שטיל געקרעכצט. זיי האָבן זיך געקלאַמערט יעדעם מאָל אין אַנדערע דאָקטאָרישע טירן, נאָר דער שפּיטאָל־דינער האָט זיי געענטפערט מיט אַ וויץ:

— מען געווינט נישט אַזוי שנעל, ווי מען מאַכט עס...

לאַנג האָט זיך אסתר אַרומגעוואָגלט אין קאָרידאָר, ביז מען האָט זי צוגענומען. פּונקט אַזוי לאַנג האָט געדויערט דאָס

אויסשרייבן, ווען זי האָט שוין געטוליעט צו זיך אַ קליין רויט פּנימל, איינגעהילט אין אַ שאַל. אַליין איז זי אַרויס פון שפּיטאָל־טויער אַ ווייסע און אַ לויטערע און ס׳האָט געאָטעמט פון איר מיט פרילינג און בראשית...

— ס׳געפעלט דיר?... — האָט זי באַלד, אַ גליקלעכע, גע־שטעקט דבורהן צו די אויגן דאָס רויטע נפשל אין דער שאַל.

— ס׳געפעלט מיר... — האָט דבורה געענטפערט און נישט געקוקט אינגאַנצן אויפן קינד, ווייל זי האָט זיך געמיאוסט פון דעם דאָזיקן רויטן נפשל מיט די פאַרקלעפּטע אייגעלעך, ווי ביי אַ קעצל...

אין שטוב האָט געשמעקט מיט ווינדעלעך און מילך. ביז אין די האַלבע נעכט איז דבורה נישט געווען אין שטוב. זי האָט כסדר געבעטן, דאָס קינד זאָל שוין אַביסל אונטערוואַקסן. ווי שטענדיק איז זי אַרומגעפלויגן, אַרומגערינגלט פון אירע בחורים. ווען זי איז אַהיימגעקומען האָט אסתר איר אונטערגעטראָגן דאָס קינד צום פּנים, זיך געפרייט, וואָס ס׳האָט בנימינס גרויע אויגן און זיינע בלאָנדע שקאָציש־גלייכע האָר, און איר דערציילט, אַז ס׳רעדט שוין. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס עס האָט אַרויסגע־פּלאַפּלט איז געווען „טאַ־טאַ״.

דבורה האָט צוגעשאָקלט מיט אירע לאַנגע לאָקן און בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי מען קען זיך אַזוי פרייען מיט אַ קינד.

נאָר איין מאָל, ביינאַכט, בעת זי איז אַהיימגעקומען, האָט זי אסתרן נישט געטראָפן, און די שטוב איז געשטאַנען אַ ליידיקע, ווי אַ חורבה. אַנשטאָט דעם ריח פון מילך און ווינדעלעך האָט דאָ געשמעקט מיט ווינט און גאַס. אסתרס בעט איז געשטאַנען אויפגעריסן, מיט אַן אַראָפּגעפּליקטן קאָץ און דאָס קיישל אירס, אַ צעוואָרפנס, האָט זיך געוואַלגערט אינמיטן שטוב. די עטלעכע ביכער, וואָס זענען שטענדיק געלעגן אויף דער שאַפע, זענען צעזייעט און צעשפּרייט געווען איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע.

אין שטוב האָט זיך אַריינגעכאַפּט די באַלעבאָסטע אין

בלויזן העמד און דער באַלעבאָס אין די בלויזע גאַטקעס און יאַרמעלקע אויפן הינטערשטן טייל קאָפּ, און געזאָגט, אַז מען האָט אסתרן ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק אַוועקגעפירט. עס זענען דאָ געווען עטלעכע פאַרשוינען מיט אַ פּאָליציאַנט, איבערגעדרייט די שטוב מיט די פּיס אַרויף, אויסגעפרעגט אסתרן פאַרשידנס אויף בנימינען און זי צוגענומען מיט זיך...

די באַלעבאָסטע איז געווען אין איין מורא:

— גוט, וואָס זי זענען נישט געווען... — האָט זי געזאָגט צו דבורהן — אַז נישט וואָלט מען איהנען אויך צוגענומען... ווער וואָלט זיך פאַרנומען מיטן קליינעם עופהלע?...

זי האָט אַריינגעבראַכט דאָס קינד פון זיך. דבורה האָט עס אומגעלומפּערט אויף די הענט גענומען און אַוועקגעלייגט אויפן בעט. „אַ מאַמע גיי איך ווערן", האָט זי אַ טראַכט געטון.

באַלד אָבער האָט זי פאַרגעסן אָן קינד און זיך גענומען אויסטון. זי האָט פּאַוואָליע צוזאַמענגעלייגט די זאַכן אין שטוב און געקעמט אירע לאָקן אַקעגן קליינעם שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין פענסטער. נאָר פּלוצים האָט זי דערפילט, אַז זי איז נישט אַליין און עס קוקט זי ווער גלייך אָן. ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט, האָט זי דערזען פאַר זיך אַ פּאָר גרויסע וואַכע אויגן, וואָס באַטראַכטן זי מיט קלוגשאַפט, קוקן נאָך איר יעדן קער, איר יעדע באַוועגונג, וואָס זי מאַכט.

זי האָט זיך אויסגעדרייט פון קינד, געוואָלט דערין פאַרגעסן, אָבער זי האָט שוין גאָרנישט געקענט טון, כסדר געפילט אויף זיך די אויפגעריסענע אויגן און זי האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

דבורה איז צוגעגאַנגען צום קינד, זיך אַריבערגעבויגן און אַ לאַך געטון דערצו אין פּנימל אַריין. דאָס קינד האָט צוריקגעלאַכט, זיך פאַרגאַנגען אַלעמאָל העכער, מיט די דיקלעך־פולכנע הענטלעך זי אַרומגענומען אַרום האַלז און געפּלאַפּלט צו איר מיט אַ וואַרעם קולעכל אומפאַרשטענדלעך־קינדערישע רייד, ווי עס וואָלט איר ועלן עפּעס צו פאַרשטיין געבן. פון די קינדעריש־

פולכנע הענטלעך, פון דעם קינדעריש־אומפארשטענדלעכן קולעכל, איז דבורהן ווארעם געווארן און א צופרידענע רויט־קייט האט אנגעצונדן אירע באקן. זי האט גענומען דאס קינד אויף די הענט, צוגעדריקט אירע באקן צו די קינדעריש־ווייכע בעקעלעך, צו די קינדעריש־זיידענע האר...

— מא־מא... מא־מא... — האט דאס קינד צו איר פריילעך געפלאפלט.

טעכטער

א גאַנצן טאָג זיצט ר׳ שמואל אין אַווינקל שטוב און קוקט אַריין אין אַ ספרל. זיין יהסנישע באָרד איז ברייט צע־באַרשט, ווי אַ פעכער, און דאָס קאַפּל אויפן שפּיץ קאָפּ האָט נאָך אַלץ אַ טיפן קנייטש פון נייקייט. טיילמאָל בלויז נעמט ר׳ שמואל אַרוים די אויגן פון ספרל, און זיי בלייבן שטיין אויף דער אַלטמאָדישער דעמבענער שאַפע, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרלוירן די ברייטקייט און שווערלייביקייט, אויף דעם זייגער, וואָס קוקט אים אָן מיט אַן אויסגעלאָשענעם בליק. ער גיט אַ ברום צו זיך אַליין:

— האַ?... אַזוי, הייסט עס, האָסטו אויסגעשפּילט, שמואל?... געדרייט אַ וויאַדרע... דאַכט זיך, אַ וועלט אַיינגענומען!... גע־פלויגן!... גערעשט!... געריסן!... און וואָס?... ווער?... האַ?...

ער האָט אַ גרויסע הנאה זיך אַליין צו פייניקן און צו עסן. נאָכדעם, ווי ער זאָגט אָפּ די פּאָר ווערטער, בלייבט אין שטוב שטיין אַ שטילקייט. זיינע רייד מאָנען ביי אַלעמען אַן ענטפער. די קינדער דאַכט זיך דעמאָלט אויס, אַז דעם טאַטנס אויגן קוקן זיי אָן מיט בייזקייט, וואָס זיי דרייען זיך אַרום ליידיק, און זיי דערפילן זיך איבעריק. זיי קאָרטשען זיך איין און פון אונטער דער ערד זוכן זיי זיך אויס אַן אַרבעט, כדי עפּעס־וואָס צו טון. ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען ר׳ שמואלס אויגן קוקן שוין פון לאַנג צוריק אַריין אין ספרל, טאַיעט די שטוב אויף פון דער ערנסטקייט און אָנגעכמורעטקייט, און ס׳דערהערט זיך ווידער אַ פריי קול, אַ געלעכטער...

זינט ר׳ שמואל האָט געמוזט צוליבן קריזיס אויפגעבן זיינע מסחרים און דאָס ווייב האָט זיך אויפגעעפנט אַן אכסניא, טאַקע אין דעם זעלבן הויז, וו ער האָט מיט אַ יאָר צוויי צוריק ערשט

געדרייט אַ וועלט, זיצט ער נאָכאַנאַנד אין דעם ווינקל אַ בייזער און אַן אָנגעכמורעטער און רעדט נישט צו קיינעם אַרויס אַ וואָרט.

זיינע צוויי טעכטער, ענלעכע צו זיך, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, דרייען זיך אַרום אין די קליינע שטיבלעך, ווישן דעם שטויב פון די מעבל און שטריקן סוועטערלעך. עס טוט אים ווי דאָס האַרץ, ווען ער קוקט זיך צו זיי צו, ווי זיי דרייען זיך אַרום, געראָטן־הויכע, צווישן די מאַנסבילן אין אכסניא. ער האָט נישט קיין נדן פאַר זיי און ווער ווייסט, צי ס׳וועט זיך צוקלעבן צו זיי עפּעס אַ שטיקל חתן.

ווען ס׳קומען זיך צונויף, פאַרנאַכט־צו, די אַלע סוחרים און סובלאָקאַטאָרן, וואָס וווינען ביי אים אין די דריי קליינע שטיבלעך, באַקומט זיין היים אינגאַנצן אַן אַנדערע מראה. ער ווייסט דעמאָלט, אַז זי געהערט נישט מער צו אים, נאָר צו פרעמדע. ער זיצט איינער אַליין, אָפּגעזונדערט פון אַלע. ר׳ שמואל לעבט נאָך מיט זיין אַמאָליקער וועלט. ווען ער האָט געפירט אַ געשעפט און דאָס ווייב האָט נישט געדאַרפט באַדינען ווילד־פרעמדע מענטשן און די טעכטער זיך אַרומשלאָגערן צווישן אַזויפיל מענער... כסדר זעט ער פאַר זיך די הונגעריקע מאַנסבילישע בליקן, וואָס עסן זיך איין אַזוי הוצפּהדיק־אָפן אין די טעכטערס רייפע און צייטיקע לייבער. ער באַמערקט, ווי די טעכטער דרייען זיך, אונטער פאַרשידענע תירוצים, צווישן די געסט אין אכסניא און וויגן זייערע גופים, וואָס קוועלן אַרויס אָפן־פאַרשטעלט פון די אויסגעפּאַסטע קליידלעך און שלאָפראָקן. פאַר די אויגן שטעלט זיך אים אַ נעפּל, און ער דערפילט, אַז ע־ איז אינגאַנצן דאָ אַן איבעריקער. עס קומט אים צו־להכעיס אויפן רעיון די דינסט, וואָס בעט די געלעגערס ביינאַכט און די יונגעלייט, וואָס שאַרן זיך צו איר. ער וויל פון דעם נישט קלערן, אָבער די געדאַנקען קומען אַליין פון זיך צוריק...

שיינדל, דאָס ווייב זיינס, איז אָבער אינגאַנצן ביי אַן אַנדערער מיינונג, ווי איר מאַן און זי קען נישט ליידן זיין פּוסט־און־פּאַסטעווען און זיין בלאָזן פון זיך:

— זעט׳ץ נאָר, ווי ער האַלט פּאַסאָן!... גראַף פּאָטאָצקי!...

— מוסרט זי אים צ...מאָל, אַ צעיאַכמערטע און אַ פאַרהאָרע־

וועטע — מען קען נאָך טאַקע מיינען מי־יודע־וואָס!... ס׳פּאַסט אים נישט עפּעס צוצוהעלפן אין שטוב!... זעטץ נאָר ווי ער זיצט פון דער ווייטנס און רירט זיך נישט פון אָרט, ווי אַ שטיין!... מען דאַרף צו אים אַרויסשיקן ר׳ שבתי רייטער!... גאָט האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ מאַנעניו!...

ר׳ שמואל קאָן מער דאָס אייגענע ווייב נישט דערקענען. וואָס איז פון דער יידענע געוואָרן? וויאַזוי צרות קענען ענדערן אַ מענטש...

שיינדל האַלט פּונקט קאַפּויער פון איר מאַן און יעדן מאַנס־פּערשוין, וואָס קומט אַריין צו איר אין אכסניא, האָט זי אויפן אויג און רעכנט אים שוין אַריין פאַר אַ חתן פאַר איינער פון אירע טעכטער... איינעם אַ יונגענמאַן, וואָס האָט זיך אַביסל מער אָפּגעגעבן מיט איר עלטערער טאָכטער, בלימען, האָט זי שוין אפילו הויך, צווישן מענטשן, גערופן „חתן”, כאָטש די טאָכטער האָט געמאַכט געוואַלדעס, ווי זי וואָלט זי געקוילעט מיט אַ שטומפּיק מעסער:

— מאַמעליו!... — האָט די טאָכטער געטופּעט מיט די פיס

— די מאַמעליו האָט פאַרגעסן און רעדט שוין ווייטער!... די מאַמעליו מוז נאָר אַזוי כסדר האַלטן אין איין רעדן?... אַז די מאַמעליו וועט נישט שטיל ווערן, וועל׳ך די בושה נישט אַריבער־טראָגן!...

אָבער שיינדל האָט אַזוי גיך נישט נאָכגעגעבן:

— שעם זיך נישט טאָכטער!... — האָט זי געזאָגט צו בלי־מען — ס׳איז נישט קיין שום בושה!... זעסט דאָך, אַז דער יונגערמאַן גייט אוים נאָך דיר!...

זי האָט אַזוי לאַנג דעם יונגענמאַן גערופן „חתן”, ביז ער איז אַוועקגעפאָרן און צו דער טאָכטער מער קיין איין וואָרט נישט געשריבן...

אויך אברהם בענטשינערן, אַ הויכן בחור, מיט רויטע באַקן און פּאַרפל־ציין, וואָס איז ערשט פון אויסלאַנד צוריקגעקומען, האָט זי אַריינגערעכנט פאַר אַ חתן פאַר איר בלימען. אַ קליינ־קייט, אַ יונגערמאַן, וואָס איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד מיט אַזויפיל געלט און מאַכט דאָ גאָלדענע געשעפטן און ער איז

נישט גלייכגילטיק צו איר בלימען!... זי פילט עס שוין אויף זיכער מיט איר מאַמיש האַרץ!... אַ מאַמיש האַרץ וועט מען נישט אָפּנאַרן!...

האָט זי טאַקע אַלעמאָל אויפגענומען אַבראַמען, ווען ער איז נאָר צו איר אין אַכסניא פאַרפאָרן, מיט גרויס כבוד. ער האָט געשמייכלט מיט זיינע ראָזע פּאָמעראַנצען־פּיסקעס, מיט די ווייסע פאַרפל־ציין און זי האָט אים מיט גרויס פּאַראַד גע־פירט אין זיין שטענדיק צימערל:

— אַ?... ס'קאַצל קומט!... אַ גאַסט!... וואָס מאַכן זי...

— האָט זי אים אַלעמאָל אויפסניי באַגריסט מיט די זעלבע פּאָר ווערטער — זעצן זי זיך... אַ גאַסט!... אַ גאַסט!...

זי האָט אָפּגעשטויבט פאַר אים אַ בענקל, אַ וויש געטון אויף שנעל ביידע הענט אין דער שירץ און זיך אַליין צוגעזעצט צו אים. אָבער זי האָט נישט לאַנג קיין צייט געהאַט און זי האָט אונטערגעשטופּט איר טאָכטער, בלימען:

— גיי, רעד אַביסל מיט אים!... וואָס שטייסטו, ווי אַ ליי־מענער גולם?!... — האָט זי איינגערוימט דער טאָכטער אויפן אויער — זעסט דאָך, ווי דער יונגערמאַן גייט אויס נאָך דיר!... ער שטאַרבט דאָך פאַר דיינע טריט!... אז אַ מויד האָט קיין פּיצל שכל נישט!...

זי האָט אַלעמאָל אַ טרייב געטון די טאָכטער מיט ביידע הענט, ווי מען טרייבט אונטער אַ הון און זיך געקניפּט אין ביידע באַקן. אַליין איז זי שוין באַשעפטיקט געווען ביי אירע געסט. איינציקווייז האָבן זיך אַריינגעשאַרט די פּראָווינצער סוחרים און קאָמיוואָיאַזשאָרן און אָנגעפולט די דריי קליינע שטיבלעך מיט ליאַרם און געשריי. ס'האָבן זיך אַריינגעפּעקלט די סוחרטעס, וואָס שלאָפן דאָ אָפּגעטיילט מיט ווענטלעך. יעדער איז באַלאָדן מיט פּעק סחורה און איז שטאַרק פאַרטון מיט זיך. איינער זעט נישט דעם צווייטן, דרייט זיך אַרום איבער דער שטוב און חשבונט הויך צו זיך אַליין. מען רעכנט אויף פּודע־לעך פון שוועבעלעך, אויף מונדשטיקן פון פּאַפּיראָסן, אויף דער צעראַטע פון טיש. די שטוב ווערט פלוצים אָנגעלאָדנט מיט פּעקלעך און באַקומט אַן אויסזען פון אַ וואָקזאַל. די סוחרים,

וואָס ליגן אין די ווינקלען אויף דער ערד און סאָרטירן זייער סחורה, זעען אויס, ווי פּאַרערס, וואָס וואַרטן אויף אַ צוג...

פּלוצים דערמאָנט מען זיך, אַז מען האָט נאָך נישט גע־דאַוונט קיין מנחה און אַ ייד שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקל און הויבט אָן צו זאָגן די „קרבנות". ער טוט אַ רייב די הענט אין דער וואַנט און שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ גאַרטל. די יידן כאַפּן אים אונטער און ס'ווערט אַ געברומעריי פון אַלע זייטן.

ערשט אינמיטן דאַווענען דערקענען זיך די יידן און גיבן זיך אָפּ „שלום", ווי בעתן מחדש זיין די לבנה... מען האָט שוין מער צייט און מ'באַקלאָגט זיך איינער פאַרן אַנדערן, אַז עס האַלט שוין דערביי, מען זאָל אינגאַנצן אויפהערן צו פאָרן קיין וואַרשע, ווייל מ'לייזט לא־עלינו, גאַרנישט!... פון יאָר צו יאָר ווערט ערגער און ערגער!...

ווען די נאַכט פאַלט צו, האָט שיינדל מער צייט. זי נעמט זיך דעמאָלט אַרומקוקן, וואָס די טעכטער טוען און זי רופט זיי דווקא צום טיש צו, ווו ס'זיצן די סוחרים און טרינקען טיי.

אַבראַם דערציילט וועגן „אויסלאַנד". אָבער שטענדיק, כאַפּט אים דער קאָמיוואָיאַזשאָר גרין אויס די רייד און ער גיט איבער זיינע גליקן פון דער צייט, ווען ער איז אויסגעפאָרן אַ וועלט. אַבראַם שאַרט זיך דעמאָלט אַוועק פון טיש, צוליב פּראָטעסט. אָבער קיינער באַמערקט דאָס אפילו נישט. אַלע הערן זיך צו געשמאַק צו גרינס מעשיות. ער מאַכט זיך באַקוועם, נעמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ פאַרפעצט שטיקל צייטונג מיט צוויי שטיקלעך ברויט און הייסט זיך דערלאַנגען אַ גלאָז הייסע טיי, אָן צוקער. פון וועסטל־קעשענע שלעפּט ער אַרויס אַ קליין בייטעלע מיט „קרישטאָל" און שיט אים גלייך אין מויל אַריין. נאָכן טרינקען באַהאַלט ער צוריק דאָס בייטעלע צוקער צו זיך אין וועסטל־קעשענע.

שיינדל האָט גאַנץ גוט באַמערקט, ווי אַבראַם איז אַוועק פון טיש אַ ברוגזער. זי האָט שוין רואיק אויף איר אָרט נישט געקענט איינזיצן. גרינס מעשיות האָבן זיך צו איר מער אינ־גאַנצן נישט געקלעפּט. זי האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט אויפן בענקל, ביז זי האָט זיך אויפגעהויבן, קיינער זאָל נישט באַמערקן,

און אליין אריין צו אבראמען אין שטוב. לאנג האט זי אבער דארט נישט געקענט איינזיצן און זי האט אנגעהויבן צו רופן איר טאכטער, בלימען. דערנאך האט זי אזוי לאנג נישט גערוט, ביז זי האט עס קונציק דורכגעפירט, אז אבראם זאל בלייבן מיט בלימען. אומבאמערקט, ווי א שאטן, האט זי זיך אליין ארויס־געשארט פון שטוב. אלעמאל איז זי דערנאך אומשולדיק, מכלומרשט נאך עפעס, אריינגעקומען צוריק אין דעם צימער, ווו זיי זענען געזעסן, כדי צו כאפן א קוק, „וואס די קינדער טוען".

ווען ר' שמואל האט דאס איינמאל דערזען, האט ער זיך באלד אויפן ארט אנגעצונדן. ער האט אנגעהויבן ארומשפא־צירן אהין און צוריק איבער דער שטוב מיט אזא כעס, גלייך ער וואלט וועלן די ווענט דורכזעצן. ער האט געשריגן, אז ער וועט דעם גאנצן אבראמען ארויסווארפן:

— א חוצפה דאס איז פון א יונג!... — האט ער געשריגן — ווער דארף אים דא צו האבן!... כ'האב פון אים די פרנסה?... זעסטו נו... כ'בין דערווייל נישט בלינד!... כ'זע אליין!... ס'עט דאך זיין א בראך צו מיין קאפ, אז די טאכטער וועט מיר ברענגען א צרה אין שטוב אריין...

ער האט געפייערט. פון זיינע שווארצע, ערלעכע אויגן האט געשלאגן א היץ. אבער שיינדל האט זיך גארנישט געמאכט פון זיינע קולות. זי האט אים געלאזט אפשרייען, אפגעוואלדעווען צו דער זעט. און ערשט ווען ער איז שוין אינגאנצן שטיל גע־ווען, האט זי זיך אנגערופן צו אים:

— משו־גע־נער!... — האט זי אויסגעצויגן לאנג דאס ווארט און שטיל, ווי א סוד, עס אים געווארפן גלייך אין פנים אריין — משוגענער!.. האסט א סך געלט אויף נדן פאר דיינע טעכטער?... האסט עפעס א סך, זאג!... ביסט דאך א פענטאק!... ביסט דאך א מערדער צו דיינע קינדער!... זיי וועלן דאך פאר־זיצן ביזן גרויען צאפ אריין!... דו ביסט דען א טאטע, א גזלן ביסטו!... וואזשע איז, אז די קינדער האבן זיך ליב?... זיי טוען דען עפעס חלילה אן עבירה?...

זי האט זיך אפגעקערט פון אים, זיך דערמאנט אין עפעס און זיך צוריק אויסגעדרייט:

— מיינסט ס'איז אַמאָל?... — האָט זי געזאָגט — היינטיקע יונגעלייט זענען אַנדערש... היינט געשעט, חלילה, גאָרנישט... האָסט עפּעס אַ סך געהערט, ס'זאָלן געשען אַזעלכע זאַכן די צייטן?... אַז מען זעט עס היינט נישט מער און ס'טרעפט מער נישט!... דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל!... אַ־יאָר צו מיר, ווי די היינטיקע וועלט איז בעסער, ווי די אַמאָליקע...

דאָס גאַנצע שפּאַרעניש איז אָבער סיי־ווי געווען אומזיסט, ווייל אַבראַם איז באַלד אויף צומאָרגנס אַוועק. שיינדל האָט כסדר אים אויסגעקוקט און דערמאָנט אַלעמאָל די טאָכטער, אַז זי מעג זיך אַביסל מער אינטערעסירן, זי מעג פונדעסטוועגן גיין אויף דער פּאָסט, אפשר איז פאַראַנען פון אים עפּעס אַ שרייבעכץ... פונדעסטוועגן האָט זי איצט פּלוצים, פון דער העלער הויט, אָנגעהויבן ליבן פאַר דער טאָכטער די מעשיות פון גרינען וועגן „אויסלאַנד“... וואָס פאַר אַ מענטש איז זי דאָס די טאָכטער? ס'חידושט זי באמת, פאַרוואָס זי הערט זיך קיינמאָל נישט צו צו גרינס מעשיות? גרין האָט דערציילט איצט פאַר בלימען זיינע אויפטועכצן אין אויסלאַנד. צווישן אַנדערע זאַכן, האָט ער זיך באַרימט פאַר איר, אַז דאָרט, אין אויסלאַנד, האָט אים נישט געפעלט קיין פרויען און ער האָט זיי „געטויישט, ווי די הענטשקעס“.

בלימעס פּנים האָט זיך פאַרקרומט און אַזוי קליין געוואָרן, אַז מען האָט עס קוים אָנגעזען. כדי צו געפינען עפּעס אַ טרייסט, האָט זי מיט די אויגן, וווּ ס'האָט זיך גענעסט מורא און פאַרביטערטקייט, אַ קוק געטון אויף דער מאַמען. אָבער דער מאַמעס פּנים איז געווען פריילעך און אָן זאָרג, ווי זי וואָלט די רייד אפילו נישט געהערט. אַרום די מוילווינקלען האָבן זיך ביי איר באַהאַלטן אַ סך קלוגעטשקע און אַלץ־ווייסערישע קנייטשעלעך. זי האָט אַריינגעקוקט גרינען אין די אויגן אַריין מיט אַ שמייכלענדיקן, הכנעהדיקן בליק.

מיט איין אויער האָט זי זיך איינגעהערט כסדר צו דעם, וואָס גרין האָט אַריינגערעדט אין בלימען, דאָרט אין דעם באַזונדערן צימער. דאָס פּנים האָט זיך געהאַלטן ביי איר אין איין בייטן. אָט איז עס פאַרלאָפן מיט אַ נעץ פון קנייטשן, פול זאָרג,

אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן, און אָט האָט זיך עס אויסגעלייטערט, אויסגעגלייכט, אַז מען האָט קיין איין קנייטשעלע דערויף נישט געקענט געפינען. זי האָט קיינעם נישט געלאָזט הויך רעדן, דאָס מויל עפענען, כדי זי זאָל קענען גוט זיך איינהאָרכן, וואָס די קינדער רעדן דאָרט אין באַזונדערן צימער. דער קליינער גוף האָט זיך ביי איר געהאַלטן אין איין בויגן און דרייען אין אַלע זייטן. פּלוצים איז זי גאָר אַ פּיצעלע געוואָרן, איינגעקנוילט אין זיך, ווי אַ קנוילעכל בייוול, אַז מען האָט מער נישט געזען, ווי דאָס פֿאַרזאָרגטע פּלייצעלע, און פּלוצים האָט זי זיך אויסגעגלייכט, געוואָרן נאָכאַמאָל אַזוי גרויס, דאָס פּנים, דער גוף, זענען געוואָרן שטייפֿלעך־שטאָלץ, גאָרנישט צוצוטרעטן צו איר...

ר' שמואל איז דעמאָלט געזעסן אין ווינקל שטוב. זיינע אויגן זענען געווען געווענדט צו דער דעמבענער, ברייטער שאַפֿע, וואָס האָט שוין לאַנג פֿאַרלוירן פֿון איר שווערלייביקייט, אויף דעם זייגער מיטן אויסגעלאָשענעם פּנים, אָבער ער האָט גאָרנישט געזען. פֿאַר די אויגן האָט זיך אים געשטעלט אַ געדיכטער נעפּל און אַלץ פֿאַרווישט. ער האָט געפֿילט די וואַרעמקייט פֿון דער טאָכטערס אויסגעשטאַנען, צייטיק לייב, וואָס האָט זיך געריסן פֿון דעם אויסגעפּאַסטן קליידל, געהערט דעם אָטעם פֿונם יונגענמאַן דאָרט אין דער אַנדערער שטוב. אַ שטיל און הייס שעפּטשען האָט אים כסדר איינגעגעסן אין די אויערן געזשומעט. פֿון דער אַנדערער זייט וואַנט, דאָרט, פֿון דעם באַזונדערן צימער, האָט געשלאָגן אויף אים אַ היץ. דער קאָפּ איז אים פֿול געוואָרן, אָט פּלאַצט ער אויף. קיין אָרט האָט ער זיך נישט געקענט געפֿינען. ער האָט קוים געזען דאָס ווייב זיינס, וואָס איז געשטאַנען איינגעהילט אין אַ נעפּל, פֿאַר דער האַלבצועלענטער טיר, און געשעפּטשעט, אַז וואָסי, די קינדער שמועסן צווישן זיך. זיי האָבן זיך גינציק. וואָס־זשע איז?... ס'איז עפּעס אַן עבירה?...

דאָס ווייב איז אַלעמאָל קלענער געוואָרן, די רייד אַלעמאָל שטילער, ביז ר' שמואל האָט שוין מער גאָרנישט געזען און געהערט...

מיסטער סעגאַלס ווייב קומט צופאָרן

I

אַז מיסטער סעגאַל איז אין אַ פּראָסטן מיטוואָך אַהיימגעקומען, אַן אויסגעפּוצטער אין די יום־טובדיקע מלבושים זיינע, האָבן באַלד די שכנים פאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז עפּעס נישט גלאַטיק.

און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען גערעכט געווען. מיסטער סעגאַל, וואָס איז בטבע אַ שטילער מענטש געווען און נישט געטשעפּעט קיין פליג אויף דער וואַנט, איז געווען עפּעס שטאַרק צעטראָגן. ער האָט אפילו פאַרגעסן צו געבן דעם פערד אין דער שטאַל צו עסן און ס'האָט נאָכאַנאַנד פון הונגער געהירזשעט, גערופן דעם באַלעבאָס. און מיסטער סעגאַל אַליין, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אַהין און צוריק, ווי ער וואָלט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען — און אַלעמאָל אויפגעעפנט און צוריק פאַרמאַכט די טיר.

באַלד האָבן זיך דערהערט זיינע אויפגערעגטע טריט אויף די שטיגן און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער בעסטער טיר:

— ר'זעט, בערעלע... — האָט ער מיט פרייד אַ געשריי געטון, ווען בערל שיין, אַ הויכער, געזונטער יונג, מיט אַ פּאָר רויטע פּיסקעס, האָט אים די טיר געעפנט — כ'האָב שוין דעם פּערמיט פאַר מיין באַשען... אָט איז ער, דער פּערמיט!...

אין דעם רויטן, נישט געטינקעווען „באָרדינג"־הויז, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ באַראַק, איז אַ טומל געוואָרן. באַלד האָבן אַלע לאָקאַטאָרן געוווסט, אַז מיסטער סעגאַל האָט שוין דעם „פּערמיט" פאַרן ווייב און אַלע האָבן חשק געהאַט אים אָנצור־

קוקן מיט די אייגענע אויגן. אפילו ליפסאַן דער גאַליציאַנער און איזאַק דער וואַרשעווער, וואָס זענען קיינמאָל פון גאָרנישט נתפּעל געוואָרן, זענען נייגעריק געווען צו זען דעם פּערמיט, ווי זיי וואָלטן נאָך קיינמאָל אַזאַ פּאַפּיר פאַר די אויגן נישט געזען...

כאָטש די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן, גיך און אויפּאַמאָל, ווי געוויינטלעך אין אויסטראַליע, האָט די חמימה — אַן אָנגע־גליטע און אַ צעשרפּעטע — אַלץ געהויערט מיט אַ שווערקייט אויף די מויערן, אויף די דעכער און אויף די פּנימער פון די לאָקאַטאָרן פון דעם גרויסן נישט־געטינקעוועטן „באָרדינג״־הויז. אַ הייסער מדבר־ווינט האָט מיד און שלעפעריק געמישט די גרויסע לעדערנע בלעטער פון די פּאַלמען, וואָס זענען אין הויף געשטאַנען. עס איז געווען שטיל, מען האָט דייטלעך גע־הערט דאָס מעטאַלענע געקלאַנג פון די גרילן אין דעם הויכן, נישט־געשניטענעם, ווילדן גראָז און דאָס ארומאַמפּערן זיך פון די לאָקאַטאָרן, וואָס האָט געוועקט די מידע, הייסע נאַכט.

די לאָקאַטאָרן, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג צוריק פון דער אַרבעט געקומען און זיך געשטופּט לעבן קליינעם באָד־צימער, כדי אָפּצופּרישן די מידע פאַרהאָרעוועטע לייבער מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער, כדי אויסצוואַשן זיך אַ העמד, אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס, האָבן אַלץ שטיין געלאָזט און אַריין צו בערלען אין שטוב.

— ווייזט׳ס נאָר, כ׳בעט ענק, דאָס פּאַפּיר!... — האָט זיך שלום דער מאַרק־שטייער, אַ נידעריקער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ פּאָר לעבעדיקע, שוואַרצע אויגן, געריסן באַלד ביים אַריינגאַנג — לאָמיך כאָטש אָנרירן ס׳פּעיפּער מיט די אייגענע הענט... לאָמיך כאָטש לייענען מיט די אייגענע אויגן...

כאָטש ביי אַלע האָט שטיל אַ נאָג געטון אַ פּאַרדרוס, איז פונדעסטוועגן גרויס געווען די שמחה, וואָס כאָטש איינער פון זיי האָט זיך אַרויסגעריסן און זיך שוין געקענט פאַרגינען אַרי־בערצונעמן דאָס ווייב.

אַ יעדער איינער באַזונדער האָט גענומען דעם פּערמיט אין דער האַנט אַריין און געלייענט, און ווען ס׳איז די ריי גע־

קומען אויף איזאַק „וואַרשעווער", האָט זיך צו אים אָנגערופן שלום דער מאַרק־שטייער:

—לייענט... לייענט... מיסטער וואַרשעווער... — האָט ער צו אים געזאָגט — און זעט כאָטש וואָס פאַראַ צעלייגער איר זענט מיט אייערע גרויסע ביזנעס... אָט סעגאַל איז אַ מענטש... געלעבט מיט חשבון... צוגעלייגט אַ פונט צו אַ פונט... קען ער זיך טאַקע פאַרגינען שוין אַריבערצונעמען דאָס ווייבל זײַנס!...

שלום האָט קיינמאָל נישט גוט געלעבט מיט איזאַקן, און ביי אַ ליאַדע וואָס האָט קיין סך נישט געפעלט ס'זאָל אויסברעכן צווישן זיי אַ שרפה. שלום איז אַלעמאָל צו איזאַקן צוגעשטאַנען און דווקא געוואָלט פון אים אַרויסקריגן וואָס ער טוט. איזאַק האָט געדרייט מיט דער צונג, און אַלעמאָל אַן אַנדערן ליגן אויסגעטראַכט. שלום האָט דווקא הנאה געהאַט אים ביי אַלע זײַנע ליגנס צו פאַקן:

— וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן, מיסטער איזיק זאַלקינד, באַשטעלער!... — האָט ער אים גערופן יום־טובדיק ביי אַלע זײַנע נעמען און צונעמען אויפאַמאָל — כ'מיין, אַז איר מוזט פרעסן הויזן ביי אייער ברודער אין דער פעקטערי... וואָס־זשע איז דאָ די שאַנדע?... אין אויסטראַליע האָט יעדער שוין פון לאַנג אויסגעטון דאָס שעם־היטעלע...

דער וואַרשעווער האָט נישט געליטן, אַז מ'האָט זיך צו אים אַריינגעמישט. ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען אויסגעסטראַיעט אין עסיג און אין האָניג — אַ פיין אַנצוגל, אַז ס'האָט געבלאַנקט, אַ שיינעם פאַלטן, אַ ווייכן פילץ־הוט — ס'האָט שטענדיק אַראָפּגעשמעקט פון אים. צווישן זײַנע ליפּן האָט געשטעקט אַ האַוואַנאַ־ציגאַר, וואָס ער האָט זיך נישט פאַרגונען אויסצורויכערן, כסדר אים פאַרלאָשן, באַהאַלטן אין וועסטל־קעשענע, כדי אים ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט צוריק צו פאַרויכערן. צוגלייך מיט אַלע איבעריקע לאָקאַטאָרן פון דעם „באָרדינג"־הויז האָט ער זיך באַלד באַגינען אַרויסגעלאָזט פון שטוב און צוריקגעקומען ערשט ביינאַכט. מען זאָל מיינען, אַז ער לייגט איין וועלטן. ער האָט טאַקע אַלץ געזוכט צו מאַכן ביזנעס, געגאַנגען איבער די רעסטאָראַנען, געפרוווט אָנשלאָגן אַ געשעפטל, און אַז פון

דעם אַלעמען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, האָט ער זיך נישט אונטערגעגעבן און קיין הויזן־פּרעסער ביי זיין ברודער נישט געוואָרן. האָט ער טאַקע נישט דערעסן, אַריינגעקומען אין דעם יידישן רעסטאָראַנדל, ווו די „גרינע" האָבן זיך באַקעסטיקט און זיך געמאַכט באַשטעלן אַ מיטאָג, אָבער מ'ער ווי אַ גלעזל טיי מיט אַ טרוקן זעמעלע, האָט אים קיינער נישט געזען טועם זיין.

שלום האָט דעם וואַרשעווער נישט געליטן און ער האָט ליב געהאַט צו ציילן זיינע ליגנס, ווי ער וואָלט זיי מורא האָבן אָן עין־הרע צו געבן:

— נישט איינס... נישט צוויי... — פּלעגט ער ציילן... — נו, באַקט עפּעס נאָך צו פאַרן זעלבן געלט, מיסטער וואַרשעווער...

איצט, אַז סעגאַל האָט באַקומען דעם פּערמיט פאַרן ווייב, האָט שלום געהאַט די בעסטע געלעגנהייט אַרויף אויפן וואַרשעווער:

— האַ, וואַרשעווער... — האָט ער אים נישט אָפּגעלאָזט — מיט קיין פּיסק־מלאכה קען מען דאָ גאָרנישט אויפטון... מיט קיין ציגאַר אין מויל קען מען דאָ קיין ווייב נישט אַריבערנעמען!...

דער וואַרשעווער האָט נישט געשוויגן, שאַרף אָפּגעשניטן שלומען:

— יאָך קען טאַקע נישט אַריבערנעמען דאָס ווייב... — האָט ער געזאָגט — אָבער אייער ווייבל וויל אינגאַנצן צו אייך נישט קומען!...

דאָס איז אמת געווען. שוין לאַנגע יאָרן, ווי שלום האָט געפּירט אַ בחוריש לעבן, ווייל דאָס ווייב און די קינדער האָבן נישט געוואָלט צו אים קומען. ס'האָט געשמועסט, אַז דאָס ווייב לעבט דאָרט, אין פּוילן, מיט אַן אַנדערן. ער איז געווען דער עלטסטער לאָקאַטאָר אין דעם „באָרדינג"־הויז, אַ לאַנגער תושב אין אויסטראַליע, ליב געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט די שכנים זיינע, אויסגעהערט זייערע צרות און פריידי מיט אַ קלוגן, אַלץ־ווייסערישן שמייכל פון אַ טאַטן, וואָס הערט זיך צו צו די טענות פון זיינע קינדער. דעם „גאַליציאַנער דאָקטאָר", וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט, אַ פאַרלוירענער, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, צוליב עגמת־נפש, וואָס ער קען נישט ענדיקן זיינע שטור־

דיעס און ער קען נישט איבערנעמען דאָס ווייב, האָט ער אויס־געזוכט אַ „דזשאָב" ביי פרעסן הויזן און געמאַכט אים פאַר אַ לייט. און פון בערל שיין איז ער גאָר אין זיבעטן הימל געווען. ער האָט געקוואָלן, וואָס בערל האָט זיך אויסגעזוכט אַרבעט ביי אַ בוי־אונטערנעמונג, און ער קריכט צוגלייך מיט אַלע גויים אויף הויכע רושטאָוואַניעס, אַז ס׳שווינדלט אַזש אין אויג. שלום האָט אַ שוואַכקייט געהאַט צו באַטאַפּן אַלעמאָל בערלס שטאַרקע אָרעמס:

— האַ... שוין איינמאָל אַ פּאָר ידימלעך ביי אונזער בערע־לען — פלעגט ער אים דווקא פאַרציען פון „בערל" אויף „בע־רעלע", צוליב זיין גרויסער וווקס און גבורה — כ׳ווינטש מיר נישט אַ גלעט פון אַזעלכע ידימלעך... בערעלע איז אַ מענטש... אויסגעזוכט זיך אַן אַחבעט צוגלייך מיט אַלע גויים... וואָ־דען, אויפן מאַרקעט צו שטיין איז אַ פּרנסה?... הלוואי וואָלט איך פון דער שיינער פּרנסה מיינער געקענט פּטור ווערן!...

יעדן שריט, יעדן מינדסטן אויפטו פון די שכנים, האָט שלום געהאַלטן פאַר זיין פאַרדינסט, און אַז מיסטער סעגאַל האָט באַקומען דעם פּערמיט פאַרן ווייב, האָט ער דאָס צוגערעכנט צו זיין בריהשקייט:

— האַ... סעגאַל... — האָט ער געווונקען צו אים מיט אַ צוגעמרוזשעטע איינגל און אים געקיצלט מיט אַן עלנבויגן אונ־טערן אָרעם — ס׳ווייבל קומט... האַ?... איי, וועט איר דאָס אַ לעבן מאַכן... זיך אָפּנעמען פאַר אַלע תעניתים... האַ, סעגאַל...

די הייסע און פאַרנע נאַכט זענען די לאָקאַטאָרן פון דעם רויטן, נישט־געטינקעוועטן „באָרדינג"־הויז, וואָס האָט אין אַ באַראַק דערמאָנט, וויניק געשלאָפן. איזאַק דער וואַרשעווער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט פון זיינע שלעכטע געשעפטן און פון זיין ווייב און קינדער, וואָס ער קען נישט אַרי־בערנעמען, כאָטש זיי רייסן זיך צו קומען. בערל שיין, וואָס איז שטענדיק נאָך דער שווערער אַרבעט, אַנטשלאָפן געוואָרן האַרט, ווי אַ שטיין, האָט זיך כסדר געוואָרפן אויפן געלעגער. שלום און דער גאַליציאַנער האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן הויז און מיסטער סעגאַל האָט אינגאַנצן נישט צוגעטון קיין אויג. זיין

ווייב, באַשע, אַ הויכע, מיט ברוינע קאַשטאַן־האָר, ברוינע גרויסע אויגן, און פולע, וואַרעמע אָרעמס. האָט אים נישט געלאָזט רואיק איינליגן און ער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ס'האָט זיך אים כסדר געפּלאָנ־טערט אין קאָפּ זיין ערשטע באַגעגעניש מיט באַשען, וואָס איז זיין אַמאָליקן מייסטערס טאָכטער געווען. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זי דערזען, ווען זי איז אַריינגעקומען אין דער שטוב, ווו איר פאָטערס איינבינדער־פאַבריקל איז געווען, אַ האַלב־אָנגעטוענע, מיט אַ לויז־אַרויפגעצויגן קליידל און בלוזקעלע. באַטש ס'איז געווען שוין האַלבער טאָג, האָט זי זיך ערשט גע־האַט אויפגעהויבן, זיך אַרומגעדרייט אַ וואַרעמע, אַ גענעצנדיקע און ס'האָט געשמעקט פון איר מיט בעלער און פאַרוויילונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. די געזעלן האָבן זי געפרעסן מיט די אויגן, אָבער זי האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, ווי זיי וואָלטן פאַר איר קיין מאַנספּערשוינען נישט געווען. פונ־דעסטוועגן האָט זי ליב געהאַט אַרויפצושלעפּן אויף זיך אַלעמאָל עפּעס אַנדערש און צו פּלאַפּלען הויך און געדיכט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, ווי נישט איין פרוי וואָלט גערעדט, נאָר ווי עטלעכע מיטאַמאָל וואָלטן צוזאַמען געגאָדערט... ער, סעגאַל, וואָס איז צווישן די פיל געזעלן דער שטילסטער און דער באַלעבאַטישסטער געווען, זיך קיינמאָל צו גאָרנישט געמישט און געשטאַנען ביי דער אַרבעט מיט אַזאַ ערנסטקייט און איבערגעגעבנקייט, ווי ער וואָלט געטון אַ הייליקע זאַך, האָט זיך אויף איר אינגאַנצן נישט אומגעקוקט. אָבער זי האָט דווקא ליב געהאַט אַלעמאָל זיך צו אים צו דערנענטערן און דרך־אגב באַרירן מיט אירע וואַ־רעמע, פּייכטלעכע פינגער זיינע הענט, אַז אַ פייערדיקע רויט־קייט האָט אים באַדעקט דאָס פּנים, און דאָס קול, אַ וואַרעמס, אַ געדיכטס, איז אים פאַרקנוילט שטעקן געבליבן אין האַלז. און איינמאָל, אין אַ הייסן זומער־טאָג, בעת זי האָט זיך אומגע־קערט פון דער פּליאַזשע און אים אַליין געטראָפן ביי דער אַרבעט, איז זי צו אים אַזוי נאָענט צוגעגאַנגען, אַז ער האָט דערפילט אויף זיך איר ברענענדיק־הייסן אָטעם. זי האָט פּלוצים אויפ־געהעקלט אויף דער פּלייצע דאָס בלוזקעלע און געהייסן אים באַ־

קוקן די בלאָזן, וואָס זי האָט באַקומען פון דער זון. מיט אַ גרעב־לעך־היים קול האָט זי זיך געפּיעשטשעט:

— אוי, געוואַלד, ס׳ברענט... ס׳טוט וויי... די הויט וועט זיך מיר שוין זיכער שיילן... ניטע, רירט נישט...

ער האָט זיך אינגאַנצן נישט צוגערירט צו איר, די הענט זענען ביי אים ווי אָפּגענומען געוואָרן. ס׳האָט אים באַשלאָגן אַ היץ, ער האָט נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך אַ וואָרט. אָבער איידער ער האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט זי פּלוצים מיט ווייבערישער געניטקייט, שנעל־שנעל, אַ פאַר־העקל געטון אויף דער פּלייצע דאָס בלוזקעלע און מיט אירע דיקלעכע, פולע הענט זיך פאַרפלאָכטן אַרום זיין האַלז, געזאָגט, אַז ער געפעלט איר, זיך פּלוצים פאַרשעמט פאַר איר דרייסט־קייט און זיך פאַרהאַקט אין דער שכנותדיקער שטוב...

נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר איז סעגאַלן באַשערט געווען זיך צו פרייען מיטן ווייב, מיט די צוויי קליינע שטיבלעך ביי יענעמען, ווו ער האָט זיך זיין אייגן ווינקל אויפגעבויט און שוין מער ווי פינף יאָר, ווי ער וואַלגערט זיך אין דער פרעמד, ווו משפּחה האָט אים אַראָפּגעבערענגט.

פּונקט ווי ער איז אַמאָל אין דער היים געשטאַנען מיט אַן ערנסטקייט ביי דער אַרבעט, אַזוי האָט ער איצט, מיט דער זעל־בער ערנסטקייט, אַרומגעפירט אויבסט איבער די גאַסן פון דער פרעמדער שטאָט און אַלץ געטראַכט פון דער מינוט, ווען ער וועט קענען אַריבערנעמען דאָס ווייב צו זיך. פּאַמעלעך און מיט ישוב־הדעת האָט ער אונטערגעיאָגט דאָס פערדל, וואָס האָט זיך שלעפּריקלעך און מיד איבער די גאַסן געשלעפּט און מיט אַ צע־צויגן־טרויעריק קול אויסגערופן זיין סחורה:

— באַנאַנעס... אָרענדזשעס...

צומייסטן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די אָרעמע שמאָלע הינטער־געסלעך פון דער פרעמדער שטאָט און זיינע קונים זענען געווען די איטאַליענישע און גריכישע ווייבער — שוואַרצע, קליינע און אויסגעהאָרעוועטע, וואָס האָבן אויס רחמנות געגעבן אים אַלעמאָל עפּעס צו לייזן. אָט די ווייבער, וואָס האָבן שנעל עפּעס צווישן זיך געגרעגערט אויף פרעמדע

לשונות און אַלעמאָל אויסגערעדט כלערליי בייז אויף די אייגענע מענער, די שיכורים, וואָס שלעפּן זיך אַרום איבער די שענקען און זענען קיינמאָל אין דער היים נישטאָ, האָבן ליב געהאַט דעם פרעמדן מאַן, מיט די געלאַסענע באַוועגונגען, ברייטע פּלייצעס און רואיקע בלויע אויגן.

נישט איינמאָל האָט איינע פון די ווייבער — אַ קליינע און אַ פולע מיט גלאַנציק־שוואַרצע, גרויסע אויגן — פאַרבעטן סעגאַלן צו זיך, ווען דער מאַן איז אין דער היים נישט געווען. מיט הונגער אין די אויגן, וואָס זענען געווען גרויס און שוואַרץ, ווי יידישע, אָבער דאָך אין יידישע נישט דערמאָנט, צוליב זייער האַרטקייט און אַנטשלאָסנקייט, האָט די פרעמדע פרוי גע־רעדט עפּעס שנעל צו אים, אַז ער האָט פון צען ווערטער פאַר־שטאַנען איינס. זי האָט געשמעלט פאַר אים כיבוד, כסדר זיך גע־פּאָרעט אַרום אים מיט נאַקעטע שטאַרקע אָרעמס, אַז ער האָט געפילט דעם האַרבן, געזאַלצענעם ריח פון איר היים ליִיב, פון אירע האָר, וואָס זענען אַזוי שוואַרץ געווען, אַז זיי זענען אַזש אַריינגעפאַלן אין בלוי.

סעגאַל איז געזעסן אַ צעטראָגן־אומרואיקער, זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טון אין דער פרעמדער שטוב, ווו ס׳האָבן אויף אים געקוקט אַרויסרופעריש אַ פּאָר גרויסע הונגעריקע אויגן. ער האָט קוים טועם געווען עפּעס פון די כיבודים, אבי יוצא צו זיין, און מיט פאַרלוירענע אויגן כסדר אַ פאַרגנבעטן בליק געטון צו דער טיר. אַז ער האָט זיך סוף־כל־סוף אַרויס־באַקומען פון דער שטוב, ווו ס׳האָט געשמעקט מיט דעם גע־זאַלצן־שווערן פרעמדן פרויען־ריח, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט, אַ גרויסע משא איז פון אים אַראָפּ. ער האָט זיך צוגעזאָגט אַלע־מאָל אויפסניי מער דאָ נישט אַריינצוקומען, אָבער ער האָט קיינ־מאָל קיין וואָרט נישט געהאַלטן...

סעגאַל האָט מקנא געווען דעם וואַרשעווער, וואָס האָט אַלעמאָל, ביינאַכט, געהאַט צו דערציילן נסים פון די שיקסלעך — אמתע אויסטראַלישע שיקסלעך — וואָס האַלטן אים אין איין נאָכלויפן, אַז ער קען זיך גאָרנישט אָפּטשעפּען פון זיי. ער האָט אויסגעמאָלן מיט אַלע פּיטשעווקעס די שיינקייט און

די באַחנטקייט פון די בלאַנד־האַריקע און בלוי־אויגיקע שיקס־לעך, מיט וועלכע ער פאַרברענגט און לאָזט זיך ווייל־גיין. וואָ־דען, זשאַלעווען וועט ער זיך?... כל־זמן דאָס ווייב איז נישטאָ, לעב, גוטער ברודער, אַ טאָג!...

כאָטש מען האָט געוווּסט, אַז ס'איז שקר־וכזב, אַז פון די אַלע מעשיות איז קיין איינע נישט אמת, האָט מען זיך פונדעסט־וועגן צו אים מיט מויל און אויערן צוגעהאָרכט, נישט פאַרפעלט קיין איין וואָרט. בערל שיין האָט באַקומען אויסגעקנייפּטע באַקן, קליינע פאַרווישטע אויגן, און ער האָט זיך געזען גנבענען דורכן שמאָלן, ברודיקן הינטער־געסל, ווו עס זענען אין געוועלבער געזעסן צעוירן־אַלטע זונות... אפילו שלום דער מאַרק־שטייער האָט זיך צו אים צוגעהאָרכט מיט אַ בלישטשל אין זיינע הייסע לעבעדיקע אויגן, כאָטש ער האָט בפירוש געוווּסט, אַז פון דעם וואַרשעווערס מויל גייט נישט אַרויס קיין איין וואָרט אמת, אַז דער וואַרשעווער פאַרדרייט זיך אַליין אַזוי לאַנג אין זיינע מעשיות, ביז ער קען נישט פון זיי אַרויסקריכן און ער הויבט אָן אַליין אין זיי צו גלייבן.

— באַק נאָך צו עפּעס אַ ליגנטל, וואַרשעווער... — פלעגט ער אים אונטערגעבן היץ — טייערער וועט עס דיך נישט קאָסטן... אַז מיר הערן זיך צו, וואָס־זשע זשאַלעווסטו די סחורה?...

נאָך די אַלע מעשיות האָט סעגאַל נישט געקענט צוטון קיין אויג. ס'האָבן זיך אים געפלאָנטערט אין קאָפּ זיינע קונהטעס, די פרעמדע איטאַליענישע און גריכישע ווייבער, און ס'איז אים אָן אומרואיקייט באַפאַלן. ס'האָט אים געפרעסן די חרטה, וואָס ער איז אַנטלאָפן אַזוי נאַריש, ווי אַ קליין ייִנגל, פון אָט דעם פולן פרעמדן ווייבל מיט די גרויסע הונגעריק־הייסע אויגן, וואָס ער האָט זיך בייטאָג אפילו נישט געוואָלט אומקוקן אויף איר...

מיסטער סעגאַל איז געלעגן אַ מידער, אַ שלעפעריקער, אָבער די געדאַנקען האָבן אים נישט געוואָלט אַרויס פון צעהיצטן מוח. ער איז געלעגן וואַך אויף זיין געלעגער, אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטון קיין אויג. ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו גרויען, איז ער

אַרויס צום פערד אין דער שטאַל, זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עס נעכטן ביינאַכט גאָרנישט געגעבן צו עסן.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער, אַ קאָכעדיקער. דער מדבר־ווינט האָט פֿויל און שלעפעריק געבלעטערט די פֿאַר־שטויבטע פּאַלמען און געשרפעט מיט אַ טרוקן פייער די אָפּגע־פֿערט־ליידיקע גרויסע שטאָט, די צוליב דער היץ אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן אין די פענסטער, דעם אַספּאַלט אויף די גאַסן, וואָס האָט זיך געבויגן אונטער די פֿיס, זיך געקלעפּט צו די זוילן. מיסטער סעגאַל איז טריט ביי טריט נאָכגעגאַנגען זיין פערד, וואָס האָט זיך קוים געשלעפּט איבער די צעשרפעטע גאַסן און אויסגערופן זיין סחורה:

— באַנאַנעס... עפּל...

II

דעם טאָג, וואָס מיסטער סעגאַלס ווייב האָט געזאָלט קומען, איז אין דעם יידישן רעסטאָראַנדל מיטן גרויסן מגן־דוד און גרויסן „כשר" אין פענסטער, געווען גאָר טומלדיק און לעבעדיק.

מיסטער סעגאַל האָט דעם טאָג נישט געטון קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער אריין און באַלד פון דער פרי אָן זיך אַרומ־געדרייט אין רעסטאָראַן, אַן אויסגעפּוצטער, אַ יחסניש־שטייפ־לעכער, מיט אַן אומרואיקן הונגער אין די אויגן, ווי אַ חתן. ער האָט זיך שלעכט געפילט, ס'האָט זיך אים כסדר נאָר אויס־געוויזן, אַז מען רעדט פון אים און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. די באַלעבאָסטע פון רעסטאָראַן, אַ פעט־ליי־ביקע יידענע, מיט אַ פּאָר לייכט־שפּראָצנדיקע וואָנסעלעך, אַ בראָ־דעווקע אויף דער רעכטער באַק און אַ פּאָר אייביק אַראָפּגע־לאָזטע זאָקן, האָט זיך אַלעמאָל פאַרביי אים דורכגעשאַרט און צווײדייטיק צו אים אונטערגעוונקען מיט יענעם אַלץ־ווייסערישן ווונק פון אַ פרוי, וואָס פאַרשטייט אַלץ, קיין פינגער אין מויל דאַרף מען איר נישט לייגן:

— וועל, מיסטער סעגאַל... אַז מען לעבט, דערלעבט מען זיך...

אפילו אייבי „הענטל", דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַנדל, אַ דאַר, אויסגעווייקט יידל, וואָס איז צוליב קורצזיכטיקייט אַלעמאָל געפאַלן איבער די געסט און ליב געהאַט זיי כסדר צו פרעגן, ווי ס'האָט זיי געשמעקט דאָס עסן, האָט אויך סעגאַלן נישט אָפּגעלאָזט. אַלעמאָל, ווען ער איז פאַרביי אים דורכגעגאַנגען מיט אַ שורה טעלער אַריינגעקוועטשט, ווי אַריינגעוואַקסן, אין זיין געליימט הענטל, האָט ער אים פאַרטשעפּעט:

— פונדעסטוועגן פאַלט אַמאָל אַריין מיסטער סעגאַל... נעווער מיינד... ווי האָט אייך עפּעס געשמעקט דער היינטיקער „דינער"?...

די „האָקערס" — יידן וואָס זענען שוין יאָרן־לאַנג אין דער מדינה געווען און זיך צו גאָרנישט געקענט דערשלאָגן, האָבן שטיין געלאָזט אויף הפקר זייערע אָנגעשטאָפּטע וואַליזעס, די נישט־צוגערירטע מיטאָגן און זיך געשטופּט מיט אויסגעשטרעקטע הענט אַרום סעגאַלן:

— מזל־טוב חתן... — האָבן זיי אים געווונטשן — פונדעסטוועגן קומט אַמאָל אַהער אַריין, זען וואָס אַן אַלטער פריינט מאַכט...

בעת סעגאַל איז געפאָרן צו דער שיף אָפּוואַרטן דאָס ווייב, האָבן דערווייל די שכנים זיינע, בשתיקה, ער זאָל נישט וויסן, אויסגעשטאַט פאַר אים מיטן ווייב זיין דירה. אַ יעדער איינער פון די שכנים האָט געבראַנגט צוטראָגן אַ מתנה און מיט גרויס יראת־הכבוד אַריינגעשטעלט זי צו אים אין דער שטוב. שלום דער מאַרק־שטייער האָט געקויפט קיך־מכשירים און זיי אויפגעהאָנגען אין קליינעם, פוסטן, און מיט שפּינוועבס באַדעקטן קיכל. דער גאַליציאַנער דאָקטאָר האָט געבראַנגט אַ פּאָר ווייסע פוירהענגלעך. אפילו דער וואַרשעווער, וואָס האָט אַלץ זיך נישט געקענט צו קיין שום פּרנסה דערשלאָגן, האָט זיך געלאָזט קאָסטן. נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט ער אַרויסגעגנבעט פון מיסטער סעגאַלס וואַליזע, דאָס בילד ווו סעגאַל שטייט פאָטאָגראַפירט מיטן ווייב, ער — אין אַ שוואַרצן אַנצוג, זי — אין אַ לאַנגען

ווייסן וועלאָן. ביידע שטייען זיי דאָרט צוגעטוליעט צו זיך, גליקלעכע און צעשמייכלטע. אָט די פאָטאָגראַפיע האָט דער וואַרשעווער אַרויסגעגנבעט, געלאָזט פאַרגרעסערן, איינרעמען און זי אויפגעהאָנגען אין סעגאַלס צימער אויף דער וואַנט, פונקט אַקעגנאיבער דער טיר...

שלום דער מאַרק־שטייער האָט זיך גאָר צעריסן דעם יאַש־טשיק, אַז די שטוב זאָל וואָס שענער און וואָס בעסער אויסזען. ער האָט אויסגעטון דאָס רעקל, דעם קראַגן, צוליב דער גרויסער היץ און שווערער אַרבעט, פאַרקאַשערט די אַרבל און געהאַלטן אין איין איבערשטעלן דאָס ביסל אַלטע מעבל. די צעריסענע קאַנאַפּע האָט ער איבערגעדעקט מיט אַ קאָץ, ריין אָפּגעווישט די קאָמאָדע און זויבער אויסגעפּוצט דעם ברודיק־פאַרקאָפּטשעטן שפּיגל. בעת דער אייגנטימער פון הויז, אַן אַלטער אויסטראַליער, אַן אַלמן, איז אַרויפגעקומען זען, וואָס שלום טוט, האָט ער אים אַריינגעשריגן אין זיינע אַלטע טויבע אויערן אַריין מיט אַזאַ גדולה, ווי נישט סעגאַלס ווייב וואָלט געקומען, נאָר ער אַליין וואָלט דער בעל־שמחה געווען:

— יו נאָו... — האָט ער אים אַריינגעשריגן מיט גדולה אין זיינע טויבע אויערן אַריין — מיסטער סעגאַלס ווייב קומט היינט צופאָרן... יו נאָו...

בשעת שלום האָט איינגעשטעלט דאָס מעבל, זענען דערווייל די איבעריקע לאָקאַטאָרן אַראָפּגעלאָפן איינקויפן און געברענגט צו שלעפּן פולע הענט מיט זיסוואַרג און משקה. בערעלע שיין איז געקומען מיט אַזעלכע אָנגעלאָדענע הענט, אַז אַ שווייס איז אים אַזש איבערן פּנים גערונען. ער האָט ממש וווּנדער באַוויזן — געהאַלטן אין איין שלעפּן פון די קעשענעס און זיי זענען כסדר פול געווען.

ווען מיסטער סעגאַל איז מיטן ווייב געקומען פון דער שיף, איז די שטוב זיינע נישט געווען מער צו דערקענען. סעגאַל האָט טאַקע זיין אייגן צימער נישט דערקענט, געבליבן שטיין אַ צע־טומלטער. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער דער שטוב מיט אַזאַ לייכטקייט, ווי ער וואָלט אויף די שפּיץ פינגער געטרעטן. ער האָט געקוואָלן, די באַקן זענען געווען ביי אים רויט־צעגליט און

ער האָט גערעדט צום ווייב מיט אַזאַ שטיל און פאַרשעמט קול, ווי ער וואָלט זיך מיט איר געסודעט. ער האָט געוואָלט זיין מיט איר היימיש, אָבער ס'איז אים נישט געגאַנגען. כאָטש ער האָט זיך געפילט נישט מיט אַלעמען, ווי אַ חתן־בחור דעם טאָג פון דער חתונה, האָט ער דאָס נישט אַרויסגעוויזן, געווען דרייסטער און באַרעדעוודיקער, ווי שטענדיק. ער האָט געקלאַפט אַלעמען איבער דער פּלייצע, אַריינגעוואָרפן אפילו פון צייט צו צייט אַ הלצהלע, כאָטש דאָס איז ווייט זיין דרך נישט געווען.

באַשע האָט זיך נישט געפילט מיד נאָך דער לאַנגער און שווערער נסיעה, ס'האָט איר נישט געאַרט די גרויסע היץ און זי איז באַלד געוואָרן מיט אַלע היימיש, ווי זי וואָלט דאָ אַן אַלטער תושב געווען. זי האָט אָנגעפולט די שטוב מיט איר גרעבלעך־היים קול, ווי נישט איין פרוי וואָלט זיך דאָ געפינען, נאָר ווי עטלעכע מיטאַמאָל וואָלטן זיך אַהער אַריינגעריסן. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ דין־גרויען געפּאַסטן קאָסטיום, פון וועלכן איר יונג און פריש לייב האָט שפעדיק זיך געריסן און ס'האָבן דייט־לעך אַרויסגעקוואָלן אירע הויכע און געזונטע פיס. באַלד האָט זי זיך באַקוועם געמאַכט, אַראָפּגענומען דאָס זשאַקעטל, דאָס גרינע קליינע היטעלע, אַז אירע ברוינע האָר האָבן זיך צעפּאַליעט מיט דער רייפקייט און שפע פון צייטיקע זון־אויסגעבאַקענע זאַנגען. זי האָט זיך צוגעזעצט אויבן־אָן ביים געגרייטן טיש, אָבער לאַנג האָט זי דאָרט נישט געקענט איינזיצן, אַריין אין קיך, צו צו דער קאָמאָדע, צום שפּיגל, געלאַכט מיט אַ פול מויל ברייטלעכע ליכטיקע ציין פון דער מענערישער ווירטשאַפט, אַז שלום, וואָס האָט אַלץ מיט אַזויפיל מסירת־נפש און איבערגע־געבנקייט צוגעגרייט, האָט זיך פּלוצים דערפילט אַזוי קליין און שפּלדיק, ווי אַ פּיצל קינד. אַזוי ווי זי שטייט און גייט, האָט זי זיך באַלד צו דער אַרבעט גענומען, פאַרבויגן מיט אַ חנדל די פוירהענגלעך ביי די פענסטער, אַז זיי האָבן באַלד אַן אַנדער אויסזען באַקומען, פאַרשפּרייט אויף דער קאָמאָדע אַ סערוועטל, וואָס זי האָט פלינק, קוים מיטן אויג צו דערכאַפּן, אויסגעשניטן פון אַ ביבולע־פּאַפּיר. אין דער שטוב האָט זיך באַלד געפילט

יענע ווייכקייט און געמיטלעכקייט, וואָס נאָר אַ פרוי קען מיט זיך אַריינברענגען...

די מענער האָבן פון באַשען נישט אַראָפּגענומען קיין אויג. זיי האָבן געוואָלט אַרויסווייזן זייער בריהשקייט, זייערע גרויסע אויפטועכצן אין אויסטראַליע, אָבער זי האָט קיינעם נישט גע־לאָזט צום וואָרט קומען, אַליין גערוואָלן און זיך פאַרכלינעט פון אירע רייד. זי האָט גאָרנישט אויפגעהערט צו דערציילן נסים פון דער שיף, ווו זי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, אָנגעלערנט אַן ענגלישע יידישע פרוי, וואָס האָט זי געפרוווט „דוצן". ס'האָט נישט געהאָלפן, ווען מען האָט איר צו פאַרשטיין געגעבן, אַז די ענגלישע יידן „דוצן" אַ יעדן, אַז אַזוי איז דער דרך פון זייער רעדן. זי האָט זיך געהאַלטן ביים אירעקן, געפייערט אַלץ קעגן אַט דער פרוי, וועלכער זי האָט געוויזן, אַז זי איז נישט אַבי־וועמער, אַז איר מאַן איז אַ גרויסער גביר אין אויסטראַליע, ער פאַרמאָגט איבערן גאַנצן לאַנד אַ סך גרויסאַרטיקע פרוכט־געוועלבער.

באַשע איז זיך פאַרגאַנגען אַלעמאָל שטאַרקער אין די לויב־געזאַנגען וועגן איר מאַנס עשירות, פאַרגעסן ווו זי געפינט זיך. באַטש יעדער איינער האָט געוווסט פון די גרויסע גליקן, וואָס מיסטער סעגאַל מאַכט, האָט פונדעסטוועגן קיינער איר נישט געשטערט, נישט איבערגעשלאָגן איר מיט קיין איין וואָרט, גע־לאָזט איר לויבן דעם מאַן, ווי נאָר איר האַרץ האָט געגלוסט. שלום דער מאַרק־שטייער האָט אויף אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און בערל שיין האָט איר גלייך געקוקט אין מויל אַריין, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרפעלן איין וואָרט.

לאַנג האָבן אָבער די געסט נישט געוואָלט באַלעמוטשען ביי מיסטער סעגאַלן אין שטוב, זיך באַלד געקליבן צו גיין. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס מיסטער סעגאַל האָט זיי געפרוווט פאַר־האַלטן. קיינער האָט נישט געוואָ'ט בלייבן, נישט געוואָלט שטערן דעם פאָר־פאָלק. ליפּסאָן, דער גאַליציאַנער, וואָס איז געווען זייער אַן איידעלער מענטש, געוווסט אַלעמאָל וויאַזוי זיך נוהג צו זיין, האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן, זיך אָנט־שולדיקט מיט גרויס העפלעכקייט, וואָס ער מוז שוין גיין. ער איז מיד — האָט ער געזאָגט — נישט אויסגעשלאָפן, מאָרגן

באלד אינדערפרי דארף ער אויפשטיין צו דער ארבעט. נאך אים האבן זיך אלע, ווי אויף א באפעל, אויפגעשטעלט און פונקט מיט דעם זעלבן תירוץ זיך ארויסגעשארט פון דער שטוב.

צו דער ארבעט איז אבער קיינער אויפצומארגנס נישט געגאנגען. ווי אפגערעדט האט זיך א יעדער געמאכט א יום־טוב און באלד פון אינדערפרי אן אלעמאל זיך גנביש פארבייגעשארט פאר מיסטער סעגאלס טיר, וואס איז געווען פארמאכט ביז שפעט אין טאג אריין.

ווען ס'האט זיך שפעטער, געעפנט די טיר פון מיסטער סע־גאלס צימער, איז קיינער דארט אהין נישט אריין. א יעדער האט זיך געהאלטן פונדערווייטנס. ערשט בעת מיסים סעגאל, אן אויס־געווארעמטע, מיט שלאף אין די אויגן, אין די פולע אנגעקווא־לענע גלידער, איז אראפ זיך וואשן, האט זיך שלום אריינגע־שארט צו סעגאלן אין שטוב. ס'האט אים א שלאג געטון אין דער נאז אן אנגענעם־זיסער ריח פון פערפום. ער האט בגנבה געזוכט מיט די אויגן, געוואלט געפינען עפעס אזעלכעס, וואס איז ביז איצט דא, אין דעם צימער, נישט געווען... ער האט דערזען אויפן בעט מיסים סעגאלס א העמד, וואס האט נאך פריש גע־אטעמט מיט איר לייב און שנעל דערפון אוועקגעכאפט די אויגן...

באלד איז מיסים סעגאל ארויפגעקומען, א פרישע, מיט בלוט אין די באקן, אין די דינע איידעלע אויערן און שלום איז אראפגעלאפן איינקויפן עפעס פארן פאר־פאלק אויף אנבייסן. נאכן אנבייסן האט שלום זיך אנגערופן צו מיסטער סעגאל:

— הא, סעגאל... איר וועט דאך גארנישט האבן קעגן דעם, כ'זאל אראפנעמען אייער ווייבל און איר וועזן די שאפן זוו עפעס איינצוקויפן אויף מיטאג... הא... סעגאל?...

מיסטער סעגאל איז ארומגעגאנגען א שטיפלעך־יום־טוב־דיקער, זיך נישט גוט געפילט, גערעדט צום ווייב מיט א שטיל פארשעמט קול, ווי ער וואלט מורא געהאט ס'זאל ווער זיינע רייד אונטערהערן. כאטש ער האט געפרוווט צו רעדן פריי מיט שלומען, ווי ס'וואלט קיין זאך נישט געשען, איז עס אים נישט געלונגען, און ער איז געווען צופרידן, וואס שלום וויל אראפ־

געמען דאָס ווייב, כדי איר צו ווייזן די געוועלבער, ווו איינצו־קויפן אויף מיטאָג.

בעת שלום איז אַראָפּגעקומען מיט מיסים סעגאַל, איז צו זיי צוגעקומען ליפּסאָן דער גאַליציאַנער, וואָס האָט געהאַלטן פּאַר נישט איידל אַריינצושטופּן זיך נישט־געבעטענערהייט צו סעגאַלן אין שטוב און האָט זיך געדרייט אַריין און אַרויס פון זיין צימער, אַזוי לאַנג, ביז מיסים סעגאַל איז מיט שלומען אַראָפּגעקומען. ליפּסאָן, וואָס האָט זיך געהאַלטן פּאַר אַן איידעלען און דערצויגענעם מענטש און האָט פון שטענדיק אָן גע־קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די שכנים זיינע, האָט געגלויבט, אַז פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען מיסים סעגאַל האָט אים דערזען, האָט זי זיך פאַרליבט אין אים... ער האָט געזען מיט וואָס פאַראַ ביטול זי האָט געקוקט אויף די שכנים זיינע. זי ווייסט זיכער אָפּצושאַצן זיין איידלקייט, זיין גוט האַלטן זיך און נישט אומזיסט האָט זי נעכטן ביינאַכט געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע, ברוינע אויגן, וואָס האָבן אים געמאַכט אויפ־ציטערן, באַגאָסן אים מיט היץ. און ווען מיסים סעגאַל האָט אים אויך היינט באַגעגנט מיט אירע ברוינע אויגן, האָט ער שוין אינגאַנצן געגלויבט אין זיין נצחון. אויף זיין דינער חויט, אויף זיין דינער נאָז און ליפּן, איז געלעגן אויסגעגאָסן די גאַנצע שטאָלצקייט, די גאַנצע זיכערקייט פון אַ דערצויגענעם מענטש. ער האָט זיך אפילו שוין געפּרוווט וויצלען מיט מיסים סעגאַל און ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען ער איז אַריין מיט איר אין דעם געוועלב, ווו ער פלעגט שטענדיק איינקויפן, האָט ער זי אין שפּאַס פאָרגעשטעלט אַלס זיין פרוי, וואָס איז פון פוילן געקומען...

נאָך דעם שפּאַציר, האָט זיך שוין שלום דער מאַרק־שטייער, וואָס האָט נישט געהאַט אַזאַ געשליפן צינגל, ווי דער גאַליציאַנער, געפילט אַביסל געטראָפן און אַרומגענאַנגען אַן אָנגעדרודלטער. און ליפּסאָן איז געווען זיכער, אַז אין אַ שיינעם טאָג, וועט מיסים סעגאַל אַריינקומען צו אים:

— כ׳האָב דיך ליב... — וועט זי אים זאָגן — וואָס קען איך מיר העלפן, אַז כ׳האָב נאָר דיך ליב...

ער איז צוליב דעם איצט אלעמאל פרי אהיימגעקומען, זיך באפרייט פון דער ארבעט מיט א שעה פריער. אין הויז איז שוין געווען צוגערוימט, ס'האט געשמעקט אין יעדן ווינקעלע. די ביליקע פארשפינוועבטע בילדלעך, וואס זענען אין קארידאר געהאנגען, זענען געווען ריין־אפגעפוצט און ס'האט זיך געפילט אויף זיי די צארטע בארירונג פון א פרויען־האנט. די צוויי קאנאריקלעך, וואס זענען פאר דער טיר געהאנגען און זיך שטענדיק פון הונגער געריסן, זענען געווען פריש אויסגעבאדן און געזונגען פון זאטקייט. דאס גאנצע הויז איז געווען אנגעקוואלן מיט דעם זאטן ריח פון פרויען־לייב. ס'האט זיך געפילט מיט פריש געקעכץ, וואס האט אנגענעם געקיצלט אין נאז. פון סעגאלס צימער האט זיך געטראגן א געדעמפט־שטיל פארבענקט געזאנג פון א פרוי.

ליפסאן האט זיך געדרייט ארויף און אראפ פון די שטיגן, געקלאפט מיט דער טיר, אנגעמאכט א רעש, געווען זיכער, אז ווען מיסיס סעגאל וועט דערהערן, אז ער האט זיך שוין צוריקגעקערט פון דער ארבעט, וועט זי פון צימער ארויסקומען. אבער זי איז נישט ארויסגעקומען. זי האט נישט געהערט — נישט ליפסאנס קלאפן מיט דער טיר, נישט זיינע הויכע טריט אויף די שטיגן, נישט דעם רעש, וואס ער האט אנגעמאכט. ווי קיינמאל גארנישט האט זיך ווייטער פארבענקט געטראגן איר געדעמפט־שטיל געזאנג. און כאטש ס'איז געווען היים, אין די שטובן האט געהויערט א שווערע שטיקנדיקע היץ, האט זי די טיר פון איר צימער נישט געעפנט.

ליפסאן האט זיך ארומגעדרייט א פארלוירענער, נישט געוווסט ווו זיך אהינצוטון און ס'איז אים באפאלן א גרויס רחמנות אויף זיך אליין. אין איינעם אזא פארנאכט, בעת ער האט זיך ארומגעדרייט אן איינזאמער אין הויז, האט ער פלוצים דערהערט אין קארידאר בערל שיינס געזונטע זעלנערישע טריט. ליפסאן האט געהערט, ווי בערל דרייט זיך ארויף און אראפ פון די שטיגן, ווי ער הערט זיך איין אין מיסיס סעגאלס געזאנג, ווי ער מאכט אן א רעש, פונקט ווי ער אליין האט עס געטון מיט א מינוט צען צוריק. בערל האט עס געמאכט אלץ זייער

פּאַרזיכטיק, אַביסל פֿאַרשעמט, ווי זיין טבע איז, אָבער ער האָט זיך פֿאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. דווקא איצט, אין דער גרויסער היץ, האָט ער גענומען אַראָפּטראָגן דעם שווערן קאַסטן מיט די זאַכן זיינע, כּדי זיי אויסצולופטערן אויפֿן הויף, פּונקט אַקעגנ־איבער סעגאַלס פֿענסטער. ליפּסאָן האָט בגנבֿה אַראָפּגעקוקט פֿון פֿענסטער און געזען, ווי בערל טראָגט איינער אַליין דעם שווערן קאַסטן אויף די אַקסלען. ער האָט זיך פֿאַרשעמט, זיך דערפֿילט מיטאַמאָל פֿאַרלוירן און אָפּגענאַרט...

ער איז שוין נישט אַרויס פֿריער פֿון זיין צימער, ביז ס'זענען אָנגעקומען דער וואַרשעווער מיט שלומען און שפּעטער אַביסל מיסטער סעגאַל. ליפּסאָן האָט געהערט, ווי אַלע גייען אַריין צו סעגאַלן אין שטוב. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, נישט געוואָלט אַהין אַריין. אָבער סוף־כּל־סוף האָט ער זיך זיימיק, ווי כּלאחר־יד, אַריינגעכאַפּט צווישן עולם.

מיסיס סעגאַל איז אַרומגעגאַנגען אין אַ העל־געבלימט קליידל און פֿון אירע פֿריש־פֿאַרקעמטע קאַשטאַן־האָר האָט געשלאָגן אַ קילקייט, ווי פֿון אַ ברונעם. זי האָט דערלאַנגט די געסט טיי און צו אַלע געשמייכלט מיט אירע ברייטלעכע ליכטיקע ציין. דער וואַרשעווער האָט זיך שוין געפֿילט אַזוי היימיש מיט מיסיס סעגאַל, אַז ער האָט איר שיער נישט דערציילט זיינע גרויסע דער־פֿאָלגן ביי די אויסטראַלישע שיקסלעך. אָבער שלום האָט אויף אים אַזאַ פֿינסטערן בליק געוואָרפֿן, אַז ער האָט פֿאַרשפּאַרט צו עפֿע־נען דאָס מויל. יעדעס מאָל האָט ווער אַנדערש מיטגעבראַכט אַ מתּנה פֿאַר מיסיס סעגאַל. ווער ס'האָט געבראַכט אַ חפֿץ אין שטוב אַריין — אַ קישטונג, אַ וואַזאָן אויף בלומען — און ווער — צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין. שלום דער מאַרק־שטייער האָט אַלעמאָל מיטגעברענגט מיט זיך אַ פּאָר פֿלאַשן ביר. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ביר אויפֿן טיש און זיך אָנגערופֿן אַביסל אַ פֿאַרשעמטער, אַלעמאָל איינס־און־דאָסזעלבע:

— פֿלין, גיט אַ פּאָר גלעזער, מיסיס סעגאַל... ס'איז הייס... ווי גלייכט איר עפּעס די אויסטראַלישע היצן?...

ליפּסאָן האָט זיך געפֿילט נישט מיט אַלעמען ביי סעגאַלן אין שטוב, ס'האָט זיך אים רק נאָר געדאַכט, אַז מיסיס סעגאַל

קוקט אויף אים. ער האָט זיך געדרייט אויפן בענקל, זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

ביז שפּעט ביינאַכט זענען די געסט געזעסן ביי סעגאַלן אין צימער. און ווען זיי זענען דערנאָך אַוועק צו זיך אין די ליידיקע, איינזאַמע שטובן און ס'האָט זיך, ווי אַלע נאַכט, אָנגע־הויבן טראָגן איבערן שטילן הויז דאָס צוגעדושט־געדעמפּטע גע־וויין פון מיסיס סעגאַל, וואָס האָט פאַרגעוואָרפן דעם מאַן אירן, פאַרוואָס ער האָט זי געשאַכטן אָן אַ מעסער, זי אַראָפּגענומען אין אַזאַ אָרעמקייט, אין אַזאַ העק, וווּ ס'איז נישטאָ צו וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט, האָט זיך קיינער דאָס נישט גע־מאַכט הערן, נישט דערמאָנט וועגן דעם. מ'האָט געוואַרט אויפן טאָג, ווען דאָס געוויין וועט אויפהערן און ש'וועט צוריק דערזען מיסיס סעגאַל, אַ זאָרגלאָזע, אַ פריילעכע, מיט ליכטיק־צעשמייכלטע ציין...

אליין

ווען יהודית האָט דערפילט, אַז דזשעקי קומט־אויף פון שלאָף, האָט זי אָנועקגעלייגט דאָס נייען. זי איז צו צום בעט, ווו צווישן אַ באַרג קישנס איז פּלוצים אַרויסגעקראָכן דזשעקיס בלאָנדע פאַרשלאָפענע קעפּל. ער האָט ברוגז און באַליידיקט אַרויסגעשרויפּט דאָס מויל און זי האָט אים אַ קוש געטון. דער־נאָך האָט זי זיך מיט געמאַכטער שטיפערישקייט אַ וואַלגער גע־טון אויף דעם בעטגעוואַנט, וואָס האָט זיי ביידן איינגעשלונגען. דזשעקי האָט זיך צעלאַכט, זיך פאַרגאַנגען אַלעמאָל העכער. ער האָט פאַרפלאָכטן די הענט אַרום דער מאַמעס האַלז, אָנגע־הויבן זי ווילד צו קושן איבערן גאַנצן פּנים. זי האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך, אָפּגעווישט די נאַסע פּלעקן, וואָס ער האָט איר איבערגעלאָזט אויפן פּנים און געזאָגט:

— גענוג, דזשעקי... מוזט דיך שוין אָנטון... די מאַמעליו האָט נישט קיין צייט... די מאַמעליו דאַרף אַרבעטן, כּדי דיר געבן צו עסן...

יהודית האָט פיינט, אַז דזשעקי הויבט זי אָן אַזוי ווילד צו קושן, זוכט די וואַרעמקייט פון איר פּולן האַלז, לאָזט איר איבער נאַסע פּלעקן אויפן פּנים און טוליעט זיך צו איר מיט אַזאַ ברען און ליבע, פּונקט ווי אַ גרויסער. עס דערמאָנט איר אין יצחקן, וואָס איז אַוועק פון איר באַלד צום דריטן יאָר נאָך זייער קומען קיין אויסטראַליע. יהודית איז געבליבן אַליין מיט דזשעקין, זיך נישט אַרויסגעצויגן פון דעם קליינעם געוועלבל, ווו זי האָט ביז איצט געוווינט. אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן, חוץ דעם, וואָס יצחק איז מער נישט געווען מיט זיי צוזאַמען. און באַטש שוין נישט איינמאָל האָט זי זיך געוואָלט אַרויסציען פון דאַנען, נישט געוואָלט מער וווינען צווישן לויטער גויים, ווו

אַ ייד האָט מען איינגאַנצן נישט אַנגעזען פאַר די אויגן, האָט זי דאָס נישט געטון. פון די גויים האָט זי געצויגן די חיונה און זי האָט מורא געהאַט פאַרן שטיקל ברויט. חוץ דעם האָט זי אַלץ געמיינט, אַז יצחק וועט זיך איבערלייגן, קומען צוריק, אָבער ער איז נישט געקומען. טייל מאָל האָט זי אים געטראָפן, געזען, ווי ער שלעפּט זיך אַרום מיט אַ פּולער וואַליזע סחורה פון הויז צו הויז, פּונקט ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען מיט זיי. נאָר אַנשטאָט זי זאָל נייען פאַר זיינעטוועגן די קינדערישע הייזע־לעך, די קינדערישע בלוזקעלעך, נייט איצט פאַר אים די שיקסע, מיט וועלכער ער וווינט צוזאַמען...

יהודית האָט אין דער שטיל געליטן, פאַרגעסן אין די אַלע טענות, וואָס זי האָט געהאַט צו יצחקן. אין די ערשטע צייטן, ווען זיי זענען אַהער געקומען, האָט זי נישט צורו געלאָזט יצחקן, געמוטשעט אים, וואָס ער האָט זי געבראַכט אין דער „גאָלדענער מדינה" אַריין, וווּ זי מוז אַזוי שווער אַרבעטן און האָט נישט צו וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. אינדערהיים האָט זי געבערענט אַ וועלט. אין דעם גרויסן אָפּגעריסענעם הויז אויף דזשיקע, ווו זי האָט געוווינט, האָט מען זי גערופן „יהודית דער שייגעץ". זי איז געווען אַ גרויסער לאָבוז. מיידלווייז האָט זי געבערענגט צום חסידישן טאַטן אַלע שבת־נאָכמיטאָג אַ פולע שטוב מיט מיידלעך און בחורים. זיי האָבן געטאַנצט, נישט געלאָזט דעם טאַטן צוטון קיין אויג. זי האָט זיך נישט געמאַכט פון טאַטנס געוואַלדעס, געטון דאָס, וואָס איר האַרץ האָט נאָר געגלוסט. אַ נידעריקע, אַ פולע, מיט אַ חנעוודיק בלאַנד פּנימל פון אַ קליין מיידעלע אַ שטיפער, איז זי שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ זאָרג־לאָזע, אַ פרייליכע, אַלע אויף צו־להכעיס „געוווינט אין שפּיגל" און געפירט די קאָמאַנדע אין שטוב. זי האָט אַרומגעפירט ביי דער נאָז איר גרויסע, צעגאָסן־שווערע מאַמע, אירע גרויסע ברידער, וואָס האָבן איר אַלץ נאָכגעגעבן, אַבי נישט אַריינצו־פאַלן אין איר מויל, אַבי זי זאָל נישט מאַכן קיין קולות, אַז דאָס גאַנצע הויז זאָל זיך צוזאַמענקומען אויף וווּנדער.

יהודית האָט פיינט געהאַט, מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן. בעת ס'איז צו איר געקומען אירס אַ חברטאָרין, אַ שיפס־

שוועסטער, און דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיך אַריינציען צו איר, אַז זי זאָל נישט געדענקען מער אין יצחקן, האָט יהודית איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז די חברטאָרין איז בלויז אויסן איר טובה, אַז זי האָט נישט קיין שום כוונות דערביי. זי איז אַרויס פון דער הויט, זיך אוועקגעשטעלט אַקעגנאיבער איר, אַ קליינע, אַ קיילעכדיקע, נאָענט צוגעטראָגן צו איר דאָס בייזע קינדעריש־חנעוודיקע פּנימל, געדרייט דערמיט עקשנותדיק אויף רעכטס און לינקס און אויסגעצויגן נישט מער, ווי דאָס איינאונאיינציקע וואָרט:

— ניי־יי־ן!...

מיט דזשעקין האָט זי אַ סך אַרבעט געהאַט. ער האָט זי געהאַלטן אין איין פרעגן אויפן טאַטן. זי האָט אים געזאָגט, אַז דער טאַטע איז אוועקגעפאָרן און וועט אַ ליאַדע טאָג צוריקקומען. עס האָט אים שטענדיק טרויעריק געמאַכט, ווען די מאַמע האָט אים געזאָגט, אַז זי מוז אַזוי שווער אַרבעטן, כדי אים געבן צו עסן. ער האָט זיך דערפאַר שוין פאַרגעשטעלט אַ גרויסן, וואָס קען אַליין אַרבעטן אויף זיך. ווען דער טאַטע איז מיט זיי, וואָלט ער זיכער צוגעהאָלפן דער מאַמען אין דער אַרבעט און זי וואָלט נישט געדאַרפט אַלץ אַליין טון... אַלע אינדערפרי, בעת די מאַמע האָט אים מיט גרויס אומגעדולד געטריבן ער זאָל זיך אָנטון און נישט קיין גרויס אַכט געלייגט אויף אַלע זיינע חכמות, האָט ער טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרקלערט געוויגט דעם רעכטן פוס. די שמאָלע, ברוינע אויגן האָבן אומעטיק באַקוקט די געלע נייע שיך, זיך געגליטשט איבער די גרויסע קנעפּ פון דעם גרינעם וואָלענעם סוועטער, אין וועלכן ער האָט אויסגעזען קיילעכדיק און ווי אויסגעשטאָפּט פון וואַטע. דאָס קורצע, שטומפּיק־פריילעכע נעזל מיט די פאַריסענע נאָזלעכער, האָט נישט איינגערוט אויף קיין איין רגע.

אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג, בעת יהודית איז געזעסן ביי דער מאַשין און אירע פיס אין די אַלטע שטעק־לאַטשן האָבן געטאַנצט פריילעך און זאָרגלאָז אויף און אַפּ, איז איר קאָפּ געווען שווער און אָנגעלאָדן. עס האָט אויסגעזען, ווי די פריילעך־זאָרגלאָזע פיס האָבן מיט איר קיין שום שייכות נישט, פירן אַן

אָפּגעזונדערט לעבן... זי האָט דזשעקין געהיטן, נישט אַרויסגע־לאָזט פון שטוב, נישט געלאָזט אים שפּילן מיט די שכנישע קינדער, וואָס האָבן אים כּסדר געוואָלט אַנדרויסן אַרויס. דער עיקר האָט זי אים נישט אַרויסגעלאָזט צום שכנישן שיקסל, מיט וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומפירן און פאַרפאַלן געוואָרן מיט איר איבער האַלבע טעג.

אַלעמאָל, ווען זי האָט אים געטראָפן מיטן שכנישן שיקסל צוזאַמען, געזען אים שטיין מיט ווילערישע, ברייט־צעשטעלטע פיס, איין האַנט אין קעשענע, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז שוין אַ גרויסער. ער רעדט אַריין אין דעם שיקסל, ווי יצחק האָט עס געטון... ווי יצחק האָט עס געטון מיט יאָרן צוריק מיט איר... זי האָט צו דזשעקין אַ שנאה דערפילט...

אָבער האַלטן דזשעקין אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג אין שטוב, איז בשום־אופן נישט מעגלעך געווען. אומעטום האָט ער זיך געמישט, אומעטום פול געווען, און אַ סך מאָל האָט זי שוין גע־דאַנקט גאָט, אַז זי ווערט פון אים פּטור, אַז ער גייט אַוועק אויף די פּאָר שעה אין שול. ביינאַכט, ווען זי איז פאַרטיק גע־וואָרן מיט דער אַרבעט און ס'איז אַריינגעקומען צו איר דער יידישער בחור, מאַרי גאָלד, וואָס האָט זיך אין שכנות מיט איר אויפגעמאַכט אַ פּאַפּיראָסן־שאָפּ, האָט דזשעקי זיי נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין איין רגע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַקעגנאיבער זיי און נישט אַראָפּגענומען פון זיי קיין אויג. די מאַמע, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון דער אַרבעט, אַ מידע און אַ צעבראָכענע, איז פּלוצים לעבעדיק געוואָרן און פאַרגעסן אין דער שווערער האָרעוואַניע. ס'האָט דזשעקין פאַרדראָסן, וואָס די מאַמע ווערט מיטאַמאָל אינגאַנצן אַנדערש, ווען דער יונגער־מאַן קומט אַריין. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, ווי זי לאַכט אַלע רגע אַרויס, ווי זי שטעלט אַרויס אירע קינדעריש־צעשיטע ציין, ווי זי פאַרוואַרפט אַלעמאָל די קורץ־אָפּגעשוירענע, בלאָנדע האָר. ווען די מאַמע איז מיט אים אַליין לאַכט זי קיינמאָל נישט, פאַרוואַרפט נישט דעם קאָפּ, שטעלט נישט אַרויס די צערוקטע ציין און רעדט נישט מיט אַזאַ געמאַכט ווייך קול,

ווי זי רעדט צו דעם בחור... דאָס ווייכע צערטלעכע קול קומט אויס דזשעקין פרעמד און ווי נישט דער מאַמעס...

צו דעם בחור מיטן שמאָלן קאָפּ און לענגלעכער נאָז, האָט ער באַלד דערפֿילט אַ שנאה און נישט געקענט ליידן, הלמאי ער פֿילט זיך ביי זיי אין שטוב, ווי ביי זיך אין דער היים. דער טאַטע, וואָס איז ערגעץ אַוועקגעפֿאָרן און דאַרף אַ ליאַדע טאָג צוריקקומען, איז אים נישט אַרויס פֿונם קאָפּ. ער האָט אים כסדר געזען אַ הויכן, אַ סך שטאַרקערן, ווי דעם בחור. ביינאַכט, ווען דער יונגערמאַן איז געזעסן מיט דער מאַמען, האָט ער אַלע־מאָל געוואָרפֿן אַ זייטיקן בליק צו דזשעקין, זיך געטראָפֿן מיט זיינע אויגן און אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך גע־פֿילט אין עפּעס שולדיק קעגן אים. ער האָט פֿאַרגעסן אין די אַלע מעשיות, וואָס ער האָט אים ליב געהאַט צו דערציילן, ווען ער איז טיילמאָל אַריינגעקומען צו זיי ביי טאָג, זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט אים אינגאַנצן נישט באַמערקט. ער האָט זיך מיט דער מאַמען געהאַלטן אין איין סודען. ביי דער מאַמען האָט זיך געביטן דאָס פּנים. עס איז געוואָרן גרוי און פֿאַרווישט און ס׳איז אויסגעקומען, אַז זי זעט גאָרנישט וואָס אַרום איר טוט זיך. די אויגן זענען ביי איר טונקעלער און קלענער געוואָרן. זי האָט זיך אָנגעלענט אָן בחור, זיך צוגעטוליעט צו אים. איר פֿריערדיקע פֿריילעכקייט איז פּלוצים פֿאַרלאָשן געוואָרן. ביים בחור זענען די רייד אַלעמאָל שטילער געוואָרן. ער האָט גע־רעדט מיט אַזאַ צוגעדושעט און פֿאַרשטיקט קול, ווי ס׳וואָלט אים אָטעם אויסגעפֿעלט.

דזשעקי האָט זיך דערפֿילט איבעריק. ווען די מאַמע האָט אים געהייסן גיין שלאָפֿן, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומעט און אַ נאָגנדיקע בענקשאַפֿט האָט אים שווער געדריקט ביים האַרץ. ווען ער וואָלט נישט מורא געהאַט, וואָלט ער אַריין אין געוועלב, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פֿון שטוב מיט אַ ווענטל. ס׳איז געווען שטיל. ס׳האָט זיך געהערט, ווי דאָס פֿייער אין אויוון קנאַקט און ווי דער ווינט פּאַטשט אַלעמאָל אומהיימלעך און מיט אַ געבייזער אין די שויבן, וואָס האַלטן אין איין ציטערן, ווי פֿון קעלט. דזשעקי האָט זיך פֿאַרבאַהאַלטן אין אַ ווינקל,

מען זאָל אים וואָס ווייניקער אַרויסזען. ווען די מאַמע איז ווייטער צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל זיך לייגן שלאָפֿן, האָט ער נישט געוואָלט גיין. דווקא איר אויף צו־להכעיס איז ער אויף געווען ביז שפּעט ביינאַכט. און אַז ער איז געגאַנגען שלאָפֿן, איז ער נאָך לאַנג וואַך געווען. ער האָט אויסגעזוכט דעם באַבאָרדטן אַלטיטשקן, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אין דער וואַנט און זיך געשפּילט מיט אים, ווי ער איז עס געוווינט געווען צו טון, ווען ער איז נאָך גאָר קליין געווען. ער האָט פֿאַרמעקט ביי אים אַן אויג, לענגער געמאַכט ביי אים די נאָז, די באָרד... אין שטוב איז פֿינסטער געוואָרן. אין אויוון איז דאָס פֿייער אויסגעגאַנגען. דער רויטער צעגליטער פּאַס אויף דער פּאָדלאָגע איז בלאַס געוואָרן, אַנגעהויבן ביסלעכווייז פֿאַרשווינדן, מיטגענומען מיט זיך די גאַנצע היימלעכקייט פֿון שטוב. ס׳איז געבליבן שטיין אַ פֿינסטערניש, אַן איינגעהאַלטענע, אַ פֿאַרגליווערטע, ווי ס׳וואָלט זיך קיין לעבעדיקער מענטש אין שטוב נישט געפֿונען. בלויז פֿון אַ ווינקל האָט זיך געטראָגן דער מאַמעס אָפּגעהאַקטע שטילע שעפּטשען. דאָס אָפּגעהאַקטע שטילע שעפּטשען איז אַלעמאָל איבערגעריסן געוואָרן פֿון ווינט, וואָס האָט געקלאַפּט מיט אַ געבייזער אין די שויבן.

דזשעקי האָט פּלוצים דערהערט, ווי ס׳דערנענטערט זיך ווער צו זיין געלעגער. ער האָט דערקענט, אַז דאָס איז די מאַמע. זי איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פֿינגער, זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און זיך איינגעהערט, צי ער שלאָפֿט:

— שלאָפֿסט דזשעקי?... — האָט זיך דערהערט אין דער שטילקייט אַ געשפּאָלטן שטיל־בעטנדיק קול, וואָס איז אינגאַנצן נישט געווען ענלעך צו דער מאַמעס.

ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ער איז געלעגן מיט שטאַרק־פֿאַרקוועטשטע אויגן, אַ באַלייִדיקטער, אַ שטאָלצער, זיך געמאַכט שלאָפֿן. ערשט ווען די מאַמע האָט זיך דערווייטערט פֿון אים און ער האָט דערהערט אין דער שטילקייט דאָס שאָרכן פֿון איר רייַן־אויסגעפּרעסטער וועש, האָט ער זיך פּלוצים פֿון דער וואַנט אויסגעדרייט און גענומען שרייען, רופֿן די מאַמע צו זיך. אָבער קיינער האָט אים

נישט געענטפערט. ער איז אַראָפּ פונם בעט, געטאַפּט אין דער פינסטערניש, ביז ער האָט געפונען די מאַמע. ער האָט זיך מיט די הענט פאַרפלאָכטן אַרום איר האַלז, געזוכט די וואַרעמקייט פון איר צעהיצט לייב, זיך געהאַלטן אין איין טוליען צו איר און אין אירע אָרעמס איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס איז גאָלד אינגאַנצן נישט געקומען. ער איז געקומען ערשט אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, זיך זייטיק און פרעמד אַריינגעשאַרט אין שטוב, אינגאַנצן נישט געקוקט אין יהודיתעס און נישט אין דזשעקיס זייט און באַלד אַוועק. דערנאָך איז ער ווייטער אַ שיינע פּאָר טעג נישט געקומען. און אַז ער האָט זיך סוף־כל־סוף געוויזן, איז ער געזעסן אַ פּאָר שעה שווייגנדיק, זיך פּלוצים אָנגערופן צו יהודיתן, אַז ער קלערט זיך אַרויסציען פון דאַנען. ער ווייסט גאָרנישט נאָכוואָס זי זיצט דאָ... וואָס פאַראַ גליקן האָט זי דאָ אומשטיינסגעזאָגט?... ער מאַכט נישט דאָ קיין גרויסעס, די „יאָיקלעך" קומען ווייניק אַריין צו אים און ער וועט אַוועק, וווּ ס'זענען פאָרט מער יידן פאַראַנען. וואָס וועט ער דאָ איינער אַליין אויסזיצן?... ווען ער האָט גערעדט צו יהודיתן, האָט ער אינגאַנצן נישט געקוקט צו איר, געזעסן אויסגעדרייט און ס'איז אויסגעקומען, ווי נישט ער וואָלט אַרויסגעזאָגט די פּאָר ווערטער, נאָר זיי וואָלטן אַריינגעדרונגען אַהער דורכן פענסטער, ערגעץ פון גאַס. יהודית האָט אים גאָרנישט געענטפערט, לאַנג און שווייגנדיק אים אָנגעקוקט, נישט געזאָגט ניין, נישט יאָ.

נאָר ווען גאָלד האָט זיך מיט איר געזעגנט און זיך דערנאָך ווייטער אַ צייט נישט געוויזן, האָט זי זיך אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג אָנגעטון, ווי זי וואָלט צו גאַסט געגאַנגען און אַרויס אינדרויסן. זי איז שוין לאַנג נישט געווען אין גאַס און זי דאַרף אַ פּאָר נויטיקע זאַכן איינקויפן אין שטוב אַריין... ווען זי איז צופעליק, ווי זי וואָלט גאָרנישט אויסן געווען, פאַרבייגעגאַנגען גאָלדס פּאַפּיראָסן־שאָפּקעלע און דערזען דאָרטן שטיין אַן אָנגעלאָדנטן לאַסט־אויטאָ, האָט זי דערפילט, ווי די כוחות פאַרלאָזן זי און איז גיך פון דאָרט אַוועק. זי האָט געהאַט איין פאַרלאַנג — וואָס ווייטער פון דער שאָפּ צו זיין, ס'זאָל זי, חלילה, קיינער

נישט האָבן דאָרט באַמערקט. זי איז געלאָפן אַלעמאָל שנעלער און האַסטיקער, ווי פון אַ שרפה, געשטעלט גרויסע און גיכע שפּרייזן, ווייל זי האָט בפירוש געהערט הינטער זיך איר נאָמען רופן און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ס'יאָגט זי ווער נאָך. אָבער קיינער האָט איר נאָמען נישט גערופן און קיינער האָט זי נישט נאָכגעיאָגט און ווען זי איז פּלוצים שטיין געבליבן, איינגעאָנצן אָן כוחות, האָט זי נישט געוווסט, ווו זי איז, זיך צום סוף געכאַפּט, אַז זי געפינט זיך אין אַנדערן עק שטאָט און אַז ס'איז שוין גאָר שפּעט, די זון האַלט זיך ביים זעצן...

שפּעטער, ווען זי האָט זיך מיט פּאַוואָליע און שווערע טריט צוריק אומגעקערט צו דעם אָרט, פון וואַנען זי איז ערשט אַזוי שנעל אַנטלאָפן, איז שוין געווען נאַכט און ס'איז מער דאָ קיין סימן פון קיין לאַסט־אויטאָ נישט געווען. די שאָפּ, וואָס האָט ערשט געאָטעמט מיט לעבן און איז געווען באַקלעפּט מיט פאַר־שידנערליי ביליקע רעקלאַמע־בילדער, אויף וועלכע ס'זענען געווען אויסגעמאָלן גליקלעך־שמייכלענדיקע מיידלעך און בחורים מיט פּאַפּיראָסן אין די מיילער, איז געווען אָפּגעלאָזן, מיט הפקרדיק־צעפּראַלטע טירן, גלייך ס'וואָלט דאָ שוין יאָרן־לאַנג קיין לעבע־דיקער נפש די שוועל נישט איבערגעטרעטן. די רעקלאַמע־ביל־דער זענען געווען אַראָפּגעריסן און אַנשטאָט זיי האָבן צו איר אַראָפּגעשטאַרט לײדיקע ווייסע פלעקן. זי איז אַריין אינעווייניק. ס'האָט איר אַ שלאָג געטון אין נאָז אַ טוכלער ריח פון אַלטקייט און פון מייז. אין שוואַכן עלעקטרישן ליכט, וואָס איז אַריינגע־דרונגען פון דרויסן, האָבן פון דער ערד צו איר אַרויפגעקוקט די טויטע, האַלב־איינגעריסענע שמייכלענדיקע מיידלעך און בחורים פון די אַראָפּגעפּליקטע רעקלאַמע־בילדער...

נאָכדעם ווי גאָלד האָט זיך אַרויסגעצויגן, איז דזשעקי שוין אינגאַנצן מער אין שטוב נישט געזעסן און יהודית האָט אים אויף די אויגן נישט אָנגעזען. זי האָט אַלעמאָל געוואַרט אויף אים מיטן עסן, וואָס איז קאַלט און איבערגעשטאַנען גע־וואָרן. שטענדיק, ווען זי איז אים אַרויסגעגאַנגען זוכן, האָט זי אים געטראָפן ביים שכן, וואָס האָט געהאָדעוועט די געיעג־הינט. ער איז געלעגן מיטן שכנס שיקסל אויף דעם גראָז און זיך צו־

געקוקט, ווי איר טאַטע פּאַרעט זיך אַרום מיט די הינט זיינע. די הינט, הויכע און פּלאַטשיק־לאַנגע, ווי אַפּירגעצויגן פון אונ־טער אַ פּרעס, האָבן פלינק און לייכט געטאַנצט אַרום באַלעבאָס אויף זייערע דינע, שלאַנקע פיס, געלעקט מיט די ווייכע מאָרדעס זיינע טאַטואירטע אָדערדיקע, באַוואַקסענע הענט, זיין פּנים, פאַר־ברענט און צעשמיסן פון די אויסטראַלישע זונען און רעגנס, ווי אַלטע קאָרע. אָבער דער באַלעבאָס האָט נישט געליטן קיין צערטלעכקייטן איבער דער מאָס. פּונקט ווי ער האָט געקענט זיין צוקערדיק־זיס צו זיינע הינט, די פּרנסה־געבערס, אַזוי האָט ער געקענט זיין צו זיי אכזריותדיק. ער האָט זיי אין דער מאָס גע־גלעט און געצערטלט און אין דער מאָס אויף זיי געשריגן, זיי גע־שלאָגן מיט די רימענדלעך, ביי וועלכע ער האָט זיי שטענדיק אַרומגעפירט, צו פינף, צו זעקס מיטאַמאָל.

מיטן ווייב, וואָס איז אַן אַלטע מויד געווען און נישט קיין איבעריקע יפת־תואר, האָט ער חתונה געהאַט, ווייל זי איז אים צופעליק אונטער דער האַנט אונטערגעקומען. די הינט האָבן אים קיינמאָל קיין איבעריקע צייט נישט געגעבן און ער האָט נישט קיין קאָפּ געהאַט לאַנג צו זוכן. דאָס ווייב איז געווען אַ שטוב־זיצערין און מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען מיט איר צוזאַמען. שטענדיק האָט מען אים געטראָפן אַרומגיין אין דער לעדערנער צעקנעפּלטער קורטקע, אַרומגערינגלט פון זיינע הינט. מען האָט זיך טאַקע געוויצלט איבער אים:

— מיסטער דזשיימס האָט נישט חתונה געהאַט מיטן ווייב, נאָר מיט די הינט...

דזשעקי איז שטענדיק נאָכגעלאָפן מיסטער דזשיימסן און זיינע הינט. ער האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן די הינט אין זייערע מילדע, צעשראָקענע אויגן. ער איז נאָכגעלאָפן מיסטער דזשיימסן אויפן פעלד, וווּ ער האָט געלערנט די הינט לויפן, אים מקנא געווען, וואָס ער קען אַזוי גוט געוועלטיקן איבער די חיות. ווען דזשיימס איז טיילמאָל אינדערהיים נישט געווען, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו די הינט אין די ביידלעך, כאָטש דאָס האַרץ האָט אים געציטערט, זיי אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט ביי די רי־מענדלעך, זיך געטוליעט צו זיי, געקוילערט זיך מיט זיי אויפן

גראָז און זיך פֿאַרגאַנגען אין לאַכן, ווען זיי האָבן אים מיט די ווייכע גליטשיקע מאָרדעס געקושט איבער די הענט, איבערן פּנים. ער האָט נאָכגעמאַכט מיסטער דזשיימסעס יעדע באַוועגונג, גערעדט צו די חיות דיזעלבע רייד, וואָס ער, געצערטלט און געשריגן אויף זיי, געשמיסן מיט די רימענדלעך. צומיינסטן האָט ער ליב געהאַט צו פֿירן מיט דער האַנט איבער די שמאָלע רוקנס פֿון די הינט, איבער זייער גלאַטיק־האָריקער פֿעל, זיך איינהערן אין דעם וואַרעמען ציטער פֿון זייער לייב. דער וואַרעמער ציטער האָט אים דערמאָנט אין דעם ציטער פֿון מיסטער דזשיימסעס טאָכטער, פֿילים, ווען ער האָט געפֿירט מיט דער האַנט איבער איר ווייכן דינעם האַלז. פֿילים איז ביי אירע אַכט און אַ האַלב יאָר שוין אַ גאַנצע פֿריילין געווען. זי האָט ליב געהאַט אַלעמאָל צוצושטעלן אַ שטול צום שפּיגל, אַרויפֿשלעפּן אויף זיך איינס אויפֿס אַנדערע דער מאַמעס קליידלעך און צירונג און מאַכן צו זיך אַליין חנדלעך, כדי צו זען, ווי ס׳פּאַסט איר. שטענדיק איז זי אַרומגעגאַנגען מיט כלערליי פּאַפּירלעך און בלעכלעך פֿאַרשטעקט אין קאָפּ, די האָר זאָלן זיין ביי איר קאַרבירט. בעת קיינער איז אין שטוב נישט געווען, האָט זי אַ סך מאָל געברענגט דזשעקין צו זיך, זיך אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן בענקל און זיך געסטראָיעט פֿאַר אים אין שפּיגל, געמאַכט חנדלעך, פּונקט ווי אַ גרויסע. זי האָט אַראָפּגענבעט אַביסל פּערפֿומע פֿון דער מאַמעס פֿלעשל, וואָס זי האָט געהאַט שטיין נאָך פֿון דער חתונה אָן, באַגאָסן זיך דאָס הערצל פֿון קליידל און געהייסן דזשעקין שמעקן צו זיך. דער שאַרפֿער שמעקנדיקער ריח האָט אים אַ שלאָג געטון צום פּנים און אים פֿאַרשיכורט. ער האָט געפֿילט די ווייכקייט פֿון פֿילּיסעס האַלז, פֿון אירע שמעקנדיקע קליידלעך, וואָס זי האָט אַלץ נענטער געשטופּט צו אים. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און זי אַזוי שטאַרק צוגעפּרעסט צו זיך, אַז זי האָט אַזש אַ געשריי געטון פֿון ווייטיק. ווען זי האָט אים אָפּגעשטופּט פֿון זיך און געמאַכט פֿון אים חוזק, אַז ער איז אַ ווילדער, האָט ער נישט געוווּסט, ווו אַהינצוטון די הענט, זי ווייטער אַרומגעכאַפּט און נאָך שטאַרקער געפּרעסט צו זיך.

ווען פֿילּיסעס מאַמע איז פֿון גאַס געקומען, האָט זי פֿאַר

די קינדער שטענדיק מיטגעברענגט גוטע זאכן. פעסט־פאר־קוועטשט אין איר ביינערדיקער האנט האט זי געהאלטן צוזאַ־מענגעקלעפטע צוקערלעך אין אַ פאפירל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז עס קען זיי נאָך ווער אויסכאפן. אַז יהודית איז אַריינ־געקומען, אַ פאַרזאָרגטע, מיט שרעק אין די אויגן, זוכן דזשעקין, האָט פּיליסעם מאַמע אָנגעוויזן אויף די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין ווינקל:

— אַ שיינע פּאָר... — האָבן די קנייטשן ביי איר אויפן פּנים געלאַכט, פול נחת — די קינדער האָבן זיך ליב... אַז זיי וועלן אויסגעוואַקסן, וועט פון זיי זיין אַ שיין פּאָר־פאָלק...

יהודית האָט זיך צוגעקוקט, ווי די קינדער שפּילן זיך. זי האָט געזען, ווי דאָס גאָלדענע צעלמל אויף פּיליסעם האַלז גליטשט זיך איבער דזשעקין, בעת זי דערנענטערט זיך צו אים. זי האָט גערופן דזשעקין ער זאָל אַהיים גיין, אָבער ער האָט זי נישט גע־הערט. יהודית איז אַוועק. זי איז אַריין צו זיך אין געוועלבל, זיך צוגעזעצט צו דער מאַשין, כאָטש ס'איז שוין געווען נאַכט, זיך איינגעהערט, ווי דער ווינט קריכט הפקרדיק אויף די ווענט און אויפן דאַך פונם קליינעם הייזל, ווי ער וואָלט עס וועלן אַרויס־רייסן און אַוועקטראָגן פון דאַנען...

אין אַ קעלער־שטוב

די לײַדיקײַט, וואָס מלך האָט מיטאַמאָל דערפֿילט בײַ זיך אויפֿן געלעגער, האָט אים אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. ער האָט זיך ראַפּטום אויפֿגעזעצט, ווי געטריבן פֿון שווערע חלומות, אַ קוק געטון לעבן זיך, ווו ס'שלאָפֿט געוויינטלעך זײַן זון, שמעון, און וואַרעמט אים אײַן זײַט פֿונעם גוף. אָבער דאָס אָרט איז געווען ליידיק. שמעון איז שוין אַוועק צו דער אַרבעט. שוין מיט אַ שיינע פּאָר יאָר צוריק, ווי מלך האָט אים אַוועקגעגעבן צו אַ לייטישער מלאכה, בשום־אופֿן נישט געוואָלט אים אַרײַנציִען אין דער פּרנסה זײַנער, אַרומצוגיין איבער די הייף און אויפֿקויפֿן אַלטע מלבושים. כאָטש דעם יונג האָט עס דווקא געצויגן צו דעם טאַטנס אַרבעט, און מלך האָט זיך גענויטיקט אין אַ הילף — אָבער צו שלעפּן זיך איבער די הייף איז נישט קיין שום תכלית!...

מלך האָט זיך גיך גענומען אָנטון. ער האָט אויף זיך אַרויפֿגעצויגן די מלבושים, וואָס האָבן געשמעקט מיט גאַס און ווינט. אײַנגאַנצן אַ פּאַרטיקער שוין, גרייט צום אַרויסגיין, מיט דער פֿאַרשמאָלצעוועטער „מאַטשעיובקע" אויפֿן קאָפּ, האָט ער זיך גענומען אַרומוואַשן. ער האָט גיך אַ באַנעץ געטון די הענט און אַ שטיקל פּנים, איבערגעלאָזט, ווי שטענדיק, אויפֿן האַלז אַ שוואַרצן, קאַנטיקן פּאַס. דערנאָך האָט ער אויסגעטון דאָס היטל און אַ פֿיר געטון מיט די נאַסע פֿינגער איבער די געדיכט־פֿאַרקנוילטע, ציגײַנערישע האָר. ער האָט נישט קיין געדולד געהאַט צו מאַכן פֿײַער און זיך אָפּקאָכן עפּעס וואַרעמס, אַ כאַפּ געטון אַ רעפּטל ברויט פֿון טיש און געקײַעט, ווי אָפּצוקומען.

זינט דאָס ווײַב זײַנס מיט דער טאָכטער זענען פֿון דער וועלט אַוועק, בעת אַ מגפֿה, האָט ער נאָך נישט צומאָל אויסגע־

קערט דאָס קעלער־שטיבל, און ס'איז דאָ אַלץ געלעגן צעזייעט און איבערגעדרייט מיט די פיס אַרויף. אויף דער שטיינערנער ברודיקער פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט הויפנס שמאַטעס און שטיקלעך מעבל, ווי ברוכוואַרג. אויפן טיש איז געשטאַנען עפּעס אַ פאַרזשאַווערטער טאָפּ מיט אַ פּליסיקייט, וואָס איז געווען גרין און פאַרשימלט, ווי אַ סאַזשעלקע. רעפטלעך ברויט, דורכגעבויערטע און צעגריזשעטע פון מייז, זענען געלעגן אין אַלע ווינקעלעך...

שוין לאַנגע יאָרן, ווי מלך האָט זיך „געסטאַטקעוועט". מיט יאָרן צוריק איז ער געווען דער שטאַרקסטער יונג אויף דער „וואָלוווקע" און פאַר זיין בליק האָט מען געציטערט. ער האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט און ס'האָט נישט געשפּילט ביי אים אַ ראָלע אַרויסצורייסן אַ ברעט פון אַ בויד, פון אַ פאַרקן און שלאָגן דערמיט מכות־רצח. ער איז געווען אַ „פּרעטענסיע־גייער", אויפגעמאָנט חובות ביי די אָרעמע קרעמער אויף דער „וואָלוווקע", געהאַט אייביק צו טון מיט דער פּאָליציי. און געשלאָגן האָט ער קאַלט, מיט אויסרעכנונג, יענעם נישט איבערצולאָזן פאַר אַ קאַליקע. ער האָט זיך דערביי נישט ווי געטון, זייטיק און פּאַוואָליע זיך צוגעשאַרט צו יענעם, אויסגעפירט זיין אַרבעט גלייכגילטיק און ניכטער, ווי נישט אים מיינט מען. פאַרטיק געוואָרן — האָט ער זיך אָפּגעווישט די הענט און אוועק פּונקט אַזוי גלייכגילטיק און קאַלט, ווי ער איז צוגעקומען.

זיין גבורה האָט צוגעצויגן צו אים אַלע מיידלעך אין גאַס. אפילו די טעכטער פון די גבירישע סוחרים אויף דער „וואָלוווקע", די באַלעבאַטישע מיידלעך, וואָס זענען געגאַנגען מיט פאַריסענע קעפּ און נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט זיי געפינען זיך, זענען פאַר אים אויסגעגאַנגען. ווען ער האָט זיך אויסגעסטראָיעט אין זיין נייעם שבתדיקן אַנצוג מיט דער גראָבער קייט אויף דער וועסט און אָנגעטון די געלע שפּיציקע שיך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין פּוצן מיט אַ טיכעלע, האָבן אים די מיידלעך נאָכגעקוקט מיט פאַרבענקטע אויגן און די ווייבער האָבן זיך געשושקעט:

— אַ גבורה האָט ער אין זיך, מלכל!... קוקט'ץ אים נאָר

אָן!... ס'איז דען אַ חידוש, וואָס די מיידן קריגן די כפרה פאַר אים!...

מלך אַליין האָט ליב געהאַט וועגן זיך צו רעדן און זיך צו לויבן. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיך, ווי נאָך אַלס „שטשעניאַק", אַלס קליין יינגל, זענען אים שוין די „גרעסטע דאַמעס" נאָכגעלאָפן.

— אַז ס'איז פון מיר קיין העלפט נישט פאַרבליבן... — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיך — אַמאָל בין יאָך געווען אַ יונג, אַ לאַכט!... שיין בין יאָך געווען, ווי די גאַנצע וועלט!... די דאַמעס זענען אויסגעגאַנגען פאַר מיין קוק... און כ'האָב מיר געלעבט אַ גוטן טאָג, נישט געאַרבעט אַזוי שווער, ווי היינט!... כ'האָב מער נישט געטון, ווי געשלאָפן און געגעסן!... געגעסן און געשלאָפן!...

אַלעמאָל האָט מלך זיך אַן אַנדער מיידל אויסגעקליבן און אַזוי לאַנג מיט איר געגאַנגען, ביז ער האָט זי אַוועקגעפירט הינטער דער שטאָט, צו דער ווייסל. צוריקגעקערט האָט זיך דאָס מיידל שטענדיק פון דאָרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, רויט־אַרומגעזוימטע און פאַרבענקטע אויגן. מלך איז געגאַנגען, אַן אויסגעפּוצטער, אַ גלייכגילטיקער, די ציגיינערישע האָר נאָך שטאַרקער געלאַקט און פאַרפלאָנטערט. אָבער מער האָט מען אים שוין נישט געזען מיטן מיידל צוזאַמען. דאָס מיידל איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, זיך אַרומגעשאַרט, ווי אַ נעבטיקע, מיט אַ פאַרפעדערטן קאָפּ און אייביק־פאַרוויינטע אויגן...

דאָס אַלץ האָט אַזוי לאַנג געדויערט — ביז אין שכנות פון מלכן האָט זיך אַריינגעצויגן ר' אייזיקל מלמד, אַ קליין יידל, מיט צעיאַטערטע אייגעלעך, וואָס האָבן שטענדיק זייטיק, ווי ברוגזלעך, געקוקט אַריבער די ברילן, פאַרקניפּטע מיט אַ סך שטריקלעך. אַ טאָכטער האָט ער געהאַט, אַ געראָטענע, אַ הויכע, מיט אַ לענגלעך טונקל פּנים און געדיכטע שוואַרצע האָר, פאַר־קעמט אינמיטן מיט אַ שרינט. זי איז געווען זייער אַן איבער־געגעבן קינד, נישט אָפּגעטרעטן פון טאַטן און שטענדיק גע־האַלטן פאַר אים אין איין קאָכן פאַרשידענע יאַיכלעך. אייביק אַ קראַנקער, אַ שלאַפער, וואָס קען זיך אָן מענטשלעכער הילף

קיינמאָל נישט באַגיין, האָט ער נישט אָפּגעלאָזט די טאָכטער אפילו אויף קיין איין מינוט, פּונקט ווי זיינע תּלמידים. טאָמער האָט זי זיך פון שטוב אַרויסגעגנבעט, האָט מען באַלד דער־הערט זיין בייז קוויטשיק קולעכל, וואָס האָט זי גערופן דורכן פענסטער:

— שׂרהלע, ווו ביסטו?... — האָט דאָס בייזע קולעכל גע־ציטערט פון גרוים כעס און דער קאַנטשיק האָט זיך געהויבן, ווי צו די תּלמידים — ווו ביסטו שוין ווייטער פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ?... שלעפּסט דיך שוין ווייטער אַרום מיט די יונגען?...

כאָטש זי האָט זיך מיט קיינעם נישט אָפּגעגעבן, זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף די אַלע יונגעלייט אין גאַס, וואָס האָבן זי מיט די אויגן געגעסן, האָט ער אַלץ כסדר געשריגן אויף איר, אַז זי שלעפּט זיך אַרום מיט יונגען. און וואָס בעסער זי איז צו אים געווען, וואָס מער אים אָפּגעהיטן, אַלץ ערגער האָט ער זיך צו איר באַצויגן און זי געהאַלטן אין איין חושד זיין. די שכנים האָבן אים צוליב דעם פיינט באַקומען, און ווען ס'האָט זיך דערהערט זיין ציטערדיק־בייז קולעכל, האָט מען אים נאָכ־געשפּעט, נאָכגעמאַכט מיט אַלע פּיטשעווקעס:

— שׂרהלע, ווו ביסטו ערגעץ שוין ווייטער פאַרפאַלן גע־וואָרן מיט די יונגען?... שׂרהלע...

אויף שׂרהלען האָט מלך אַן אויג געוואָרפן און מען האָט געמיינט, אַז דאָס מיידל איז שוין אַ פאַרפאַלענע. אָבער מיט איר האָט ער זיך גענומען דווקא אַרומפירן, גאַנצע שעהן געוואַרט אויף איר ביים טויער — און צום סוף מיט איר אַ חופּה געשטעלט.

באַלד נאָך דער חתונה האָט ער געמוזט אַ וועק צו „פּאָניען", נאָר ער האָט אין איר נישט פאַרגעסן. כסדר צו איר געשריבן, אַרומגעלאָפן צווישן די זעלנער און זיך געבעטן מען זאָל פאַר אים אַ פּאָר ווערטער צו זיין יונג ווייבל אָנשרייבן. און איינמאָל, בעת אַ זעלנער האָט פאַר אים פאַרגעלייענט אַ בריוו פון זיין שׂרהלען און אַן עלטסטער האָט זיי געשטערט, האָט ער אים אַזוי פאַרפאָרן, אַז יענער האָט באַלד צוויי ציין מיטאַמאָל אויסגע־

שפּיגן. מען האָט אים קוים דערשלעפּט צום קאָמענדאַנט, ער האָט זיך כּסדר געריסן צום שלאָגן און געשריגן:

— פון מיין שרהלען אַ בריוו טאָר יאָך נישט לייענען!... כ'על מיר נישט לאָזן שפּייען אין קאַשע!... אַכט און אַכציק שוואַרץ יאָר אויף ענק!...

דער זון איז געוואַקסן ענלעך צום טאַטן. דער צווייטער מלך. מען האָט געזאָגט אויף אים אין גאַס:

— ס'וואַקסט די זעלבע פּרי, וואָס דער טאַטע!... מלכל מיט די ביינער!... קוים מיט צרות מען איז פּטור געוואָרן פונם פאָטער און מען האָט שוין דעם זון אויפן קאַרק!...

מלך האָט דעם זון געלערנט, דערצויגן, נישט אַרויסגע־לאָזט פון שטוב, פאַרשפּאַרט אים איבער גאַנצע נעכט אין קעלער. אַלע אינדערפרי, ביים אויפשטיין, ווען ס'האָט געקוקט צו אים דאָס לייטיקע אָרט פונם זון, וואָס איז געשלאָפן מיט אים צוזאַמען, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ מורא, צי דער יונג, אָנשטאָט צו גיין צו דער אַרבעט, איז שוין נישט ווייטער גע־לאָפן צו די ווילע יונגען און צו די מיידן זיינע.

ער האָט אים אַוועקגעגעבן צו אַ „לייטישער מלאכה", נישט געוואָלט ער זאָל אים צוהעלפן טראָגן די שמאַטעס. ער האָט געמוסרט דעם זון ער זאָל אַוועקוואַרפן די מיידן, אויס־זוכן זיך עפּעס אַ באַלעבאַטישע טאָכטער און חתונה האָבן מיט איר כּדת משה וישראל, כּדי ער זאָל פאַרשאַפן אַביסל נחת דעם טאַטן. ער האָט זיך שוין געזען אויף דער חתונה פונם זון. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין זיין שבתדיקן שוואַרצן קאַפּעליוש און איז געווען אַרומגערינגלט פון באַלעבאַטישע מענטשן, וואָס האָבן אים געווונטשן „מזל־טוב"...

אָבער דעם זון האָט עס דווקא געצויגן אין גאַס אַריין און ביי דער אַרבעט, ביי איטשעלע שניידער האָט ער זיך קוים גע־קענט דערוואַרטן די נאַכט זאָל קומען. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, איז ער אַהיים נישט געגאַנגען, נאָר זיך אַוועקגעשטעלט מיט די ווילע יונגען אין ראָג גאַס. ס'האָט אים געצויגן צו „פּרעטענסיע־גייערייי". ער איז איבער־געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין אין די שענקען, ווו

ער האָט אַראָפּגעלאָזט גאַנצע גענזלעך און געטרונקען דעם בראָנפן פון טיי־גלעזער אַרויס. דאָ, אין די שענקען האָט ער זיך געפילט, ווי ביי זיך אינדערהיים, אַריינגעצויגן דעם ריח פון ביר און רויך, און ער איז לעבעדיק געוואָרן. ער האָט גע־פּאַטשט איבער גוט־ברודערישע פּלייצעס, געוויינט אַלעמאָל פון שיכּרות, ווי אַ קליין קינד, געשריגן הויך, זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין דער אָפענער ברוסט, אַז אַלע זענען זיך צוזאַ־מענגעלאָפן און זיך געריכמט, ווי ער איז פאַרפאָרן אין די ציין, אַז „יענער האָט זיך דערזען מיט דער עלטער־באָבען"...

אינדערהיים האָט שטענדיק געוואַרט מלך ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דאָס לעמפּל אויף דער וואַנט האָט געצאַנקט, אויסגעצויגן שפּיציק זיין שאָטן, וואָס האָט זיך רציחהדיק אי־בער די שמאַטעס געבויגן. דער כעס האָט געפּענטעט זיינע הענט און ער האָט גאָרנישט געקענט טון.

שפּעט ביי דער נאַכט, ווען דער זון האָט זיך בגנבה אין שטוב אַריינגעשאַרט, האָט ער זיך, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, אַ וואָרף געטון אויף אים. טאַטע און זון האָבן זיך שטיל גע־ראַנגלט, נישט געשריגן, נישט געמאַכט קיין קולות, אַז מענטשן זאָלן זיך צוזאַמענלויפן — פון מויל קיין פּיפּס נישט אַרויס־געלאָזט. מיט רציחה האָבן זיי זיך ביי די האָר געריסן, איינגע־קלאַמערט איינער אין דעם אַנדערנס גלידער, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, אָנגעשטרענגט זיך מיט די לעצטע כּוחות, כּדי איינער דעם אַנדערן אומצוּוואַרפן, זיך פאַרפאָרן מיט די פויסטן, ווו ס'האָט זיך געלאָזט. ס'איז געווען שטיל, קיין קרעכץ האָט זיך נישט געהערט, נאָר אַן אָנגעשטרענגט סאָפּען פון לייבער. אויף דער וואַנט האָבן שאָטנס נאָכגעשפּעט זייערע באַוועגונגען...

ווען ביידע זענען געבליבן ליגן אָן כּוחות, האָט זיך דער ערשטער פון דער ערד דער זון אויפגעהויבן, פּאַוואָליע אָפּגע־שטויבט די הויזן, דאָס רעקל, זיך גלייך געמאַכט די האָר, און זיך געהייסן גיין אויסטון דעם טאַטן:

— לייג זיך שלאָפן, טאַטע.... — האָט ער צו אים געזאָגט.

מלך האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן אַזוי לאַנג, ביז דער זון האָט זיך צו אים נישט צוגעלייגט. ערשט ווען ער האָט דערפילט זיין יונג, שטאַרק לייב לעבן זיך, האָט ער אָנגעהויבן איינצודרימלען.

— שלאָפסט, שמעון?... — האָט ער געפרעגט דעם זון, איידער ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ האַרטן שלאָף.

פרילינג

נאָך דער חתונה איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן. פייגע איז ווייטער געבליבן שלאָפן מיט איר יונג ברודערל ביי אירע עלטערן אין דעם ענגען, אָנגעוואָרפענעם שטיבל און שאול האָט גענעכטיקט אין דעם פינסטערן אַלקערל ביי זיין מאַמען דער אלמנה, וואָס איז נאָך דעם מאַנס טויט אַליין געשטאַנען אין דער בויד אויף דער „וואָלוווקע" און געמוזט אויסהאַלטן זיך מיט די קינדער. אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן איז דאָס פאָר־פאָלק געגאַנגען צו דער ווייסל שפּאַצירן, און אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן איז שאול געקומען צו פייגען און זיי זענען אָפּגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין ביים קליינעם אויס־געלאָשענעם אייוועלע. אין שטוב זענען אַלע שוין געשלאָפן און פון די אויסגעבעטענע געלעגערס אויף דער ערד, אויף בענק־לעך, איז אויפגעגאַנגען אַ הויך שנאָרכן און אַ פייפן.

פייגע האָט זיך געפילט שולדיק, וואָס שאול האָט נישט קיין אַרבעט ביי זיין פאַך, ביי שטריקעריי, און ער מוז צוהעלפן אין דער בויד דער מאַמען, וואָס קען זיך אָן אים סיי־ווי באַגיין און האָט בלויז טענות צו אים, הלמאי ער האָט חתונה געהאַט אָן אַ גראָשן געלט, פירט ווייטער אַ לעבן אָן אַביסל „סטאַלעקייט", ווי עפּעס אַ ייִנגלטשיגע, אָנשטאָט צו ווערן שוין אַמאָל אַ מענטש מיט לייטן צוגלייך. דאָס אָנגעזאַמלטע געלט אויף צו „קויפן" אַ שטיבל האָבן זיי שוין פון לאַנג אויסגעגעבן. פייגע האָט געזען, אַז שאול פילט זיך שלעכט, אַז ס'איז אים איבעריק יעדער טאָג, יעדע שעה. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז די גאַנצע שולד ליגט ער אויף איר אַרויף און ס'האָט איר באַנג געטון, וואָס זי האָט אַזוי געאיילט מיט דער חתונה.

אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן, ווען זי האָט זיך, אַ פריש־

אפּגעוואַשענע און אַ פּריש־פּאַרקעמטע געטראָפן מיט שאולן און אים מיט שולדיקע אויגן געפרעגט, צי ער וויל אַראָפּגיין צו דערווייסל שפּאַצירן, האָט זי געפילט, אַז ס׳איז שוין מער נישטאָ אין אים דער ברען פון אמאָל. אַנשטאָט דער אַמאָליקער פרייל׳עכקייט, אַנשטאָט דעם אַמאָליקן ברען, וואָס האָט געשפּאַרט פון זיינע ברייטע פּליצעס, פון זיינע הייסע אָרעמס, פון זיין גאַנצן געשטעל, איז איצט אויפגעגאַנגען פון אים אַן אומעט און אַ זאָרג, — אַ זאָרג פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ ווייב און דאַרף טראַכטן וועגן פּרנסה.

אין די ווינטער־אָוונטן איז ער אויך נישט גערן צו איר געקומען. און אַז ער איז געקומען, איז ער געזעסן שטייפלעך, אָפּגערוקט פון אַלע, אַז מען האָט זי צוליב דעם כסדר צוגע־האַלטן. אַמאָל די שוועסטערן, אַמאָל דער טאַטע, האָבן מיט חוזק זי געפרעגט:

— וואָס האַלט ער זיך דאָס אַזוי גרויס, דיין פּרנסה־געבער?... אַז ס׳איז גאָרנישט מעגלעך צו זיין קאָפּ צוצוקומען... און אַז מען ברענגט שוין די גאַנצע פּרנסה אין שטוב אַריין, אַז מען פאַרזאָרגט שוין אַ ווייב, בלאָזט מען אַזוי פון זיך?... משה גרויס!...

זי האָט זיך כסדר איינגעשטעלט פאַר שאולן, געשפּרונגען און געמאַכט קולות, ווען מען האָט בלויז זיין נאָמען דערמאָנט:

— לאָזט אים צורו!... — האָט זי געשריגן — ער האָט ענק אפילו נישט אין זינען און עטץ טראָגט אים כסדר אַרום אויפן קאָפּ!...

ווען מען האָט בלויז ביים שווער אין שטוב דערמאָנט, אַז ס׳האָט ווער אַרבעט געקריגן, האָט שאול באַלד אין די רייד געפילט אַ שטאָך. פייגע האָט דאָס אַרויסגעפילט. מ׳האָט נישט געטאָרט פאַר איר דערציילן, אַז אירס אַ חברטאָרין האָט גוט חתונה געהאַט און אַנגעטראָפן אויף אַ ליטישן מאַן. זי איז שטענדיק זיכער געווען, אַז מען איז זי דערמיט אויסן. זי איז באַלד אויפגעשפּרונגען, גרייט זיך צו קריגן. מ׳האָט זי אָנגע־הויבן אין שטוב אויסצומיידן, זי געקרוינט מיטן נאָמען „קרוּ־מער האָקן״.

— האָסט זיך שוין אָנגעזעצט, קרומער האָקן?... — האָט מען זיך צוגעהאַלטן די אויערן, בשעת זי האָט בלויז דאָס מויל געעפנט — דו ביסט געדעכט. אבי טשעפּע זיך אָפּ!... פון בלויז גאָלד איז ער, דיין שאול, ביסט שוין צופרידן?!...

פייגע האָט בשיינפּערלעך געזען, אַז נישט גענוג, וואָס זי קען זיך אין שטוב קיין שטיקל אָרט נישט געפינען און מען וואַרפט זיך מיט איר, ווי מיט אַן איבעריקער זאַך, הויבט זיך שאול אויך אָן מיט איר צו וואַרפן. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שולדיקע. דאָס שטילע פייערל, וואָס האָט געטליעט מיט האָפ־נונג אין אירע הונגעריק־שוואַרצע, ווי פאַרטערטע אויגן, אין אירע דינע פּלייצעס, אַז ס׳וועט נאָך אַמאָל קומען אַ צייט, ווען זי וועט צו אַ באַלעבאַטישקייט צוקומען און אין אַלע אַ נקמה האָבן, איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן. און ווען זי האָט דערפילט אין אַ פרילינגדיקן פרימאָרגן, בעת זי האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, אַז זי טראָגט אַ קינד, האָט זי שאולן וועגן דעם אינגאַנצן נישט דערציילט. דער סוד איז אויף אייביק באַ־גראָבן געוואָרן אין איר...

דעם פרילינגדיקן פרימאָרגן, ווען זי האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט און דערפילט, אַז ס׳איז מיט איר עפּעס געשען, האָט איר אַרומגענומען אַ פרייד און אַ צאַרטקייט צו אַלץ און צו אַלעמען. באַלד איז זי גרייט געווען צו לויפן צו שאולן און אים אַלץ דערציילן. זי האָט זיך אפילו רעכט נישט אָנגעטון, אַ כאַפּ געטון וואָס ס׳לאָזט זיך אויף זיך און שוין געשטאַנען אויף די שטיגן. זי איז אַראָפּגעלאָפן פון איין שטאָק, פון אַנ־דערן, אָבער די פיס זענען ביי איר אַלעמאָל פּאַוואָליער געוואָרן און אָנגעהויבן זיך צו פּלאָנטערן.

ניין, זי האָט נישט געפונען אין זיך קיין דרייסטקייט גענוג צו קומען צו שאולן און זאָגן אים, אַז זי טראָגט אַ קינד. זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זי שלעכט אויפנעמען און איין נישט־ניהאדיקן קנייטש פון זיין פּנים, איין איבעריקן קרום פון זיין אַקסל, וואָלט זי נישט איבערגעטראָגן. זי וואָלט זיך אַ מעשה אָפּגעטון. אויף אים וואָלט זי שוין קיינמאָל נישט געקענט קוקן. און פאַר דעם האָט זי מורא געהאַט, שטאַרק מורא געהאַט. פאַ־

וואָליע האָט זי אָנגעהויבן אַרויפּצוגיין צוריק מיט די שטיגן און וואָס העכער זי איז געקומען, אַלץ שטאַרקער האָט זי באַ־שלאָסן דאָס קינד אַרויסצורייסן פון זיך.

דעם זעלבן אויפדערנאַכט, ווען שאול איז, ווי געוויינטלעך, געקומען צו איר, זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטענדיק אָרט ביים טישל, האָט זי אים נישט דערלאַנגט אפילו עפּעס אָפּצועסן און אים געשלעפּט אַרויס אינדרויסן, כאָטש ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אים קאַלט און נישט געהאַט קיין חשק זיך צו רירן פון אָרט. אָבער זי האָט זיך אינגאַנצן נישט צוגעהערט צו זיינע רייד און באַשטאַנען אויפן איריקן. זי מוז זיך אַביסל איבערגיין.

אינדרויסן איז געווען קאַלט. אויף ביינאַכט האָט געכאַפּט אַ פרעסטל און די קאַלוזשעלעך אויפן טראָטואַר האָבן געקוקט מיט גלעזערנע, בלינדע אויגן. דער שניי איז געלעגן אַ צעריסע־נער, פאַרלאַטעט מיט שוואַרצע שטיקער. פון דער ווייסל איז געקומען צולויפן אַ ווינט, וואָס האָט געריסן מיט אַ רעש די טויערן און די דעכער.

— ווילסט זיך אַביסל איבערגיין צו דער ווייסל?... — האָט פייגע געפרעגט שאולן, נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און אים געשלעפּט אַראָפּ מיט דער גאַס.

פייגע האָט אינגאַנצן געציטערט. אָבער ווען שאול האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס זי ציטערט אַזוי שטאַרק, וואָס איז מיט איר עפּעס געשען, האָט זי אים נישט געענטפערט. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט זי ווי דערהערט זיין פרעגנדיק קול און אים געענט־פערט, אַז ס'דאַכט זיך אים, זי ציטערט גאָרנישט, ס'איז איר בלויז אַביסל קאַלט און מער נישט. די נעכט זענען נאָך קילע, כאָטש ס'איז פרילינג אינדרויסן.

די גאַס איז אַלעמאָל פוסטער געוואָרן, די דורכגייער שי־טערער. ס'האָבן זיך דייטלעך געהערט די טריט פון די נאַכט־וועכטער, וואָס האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט פון איין גע־וועלב צום אַנדערן. פאַראיינזאַמט־הויך און וואַרנדיק האָבן אָפּ־געהילכט זייערע שטעקנס אין די טראָטואַר־שטיינער.

שאול האָט בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס פייגע

שלעפּט אים איצט פּלוצים צו דער ווייסל אַראָפּ, וווּ זיי פּלעגן שפּאַצירן זומער־צייט. ווען פון דער אָפענער ערד איז אויפגעשטיגן אַ צייטיק־וואַרעמער אָטעם און אַרום האָבן זיך געטראָגן די הייסע בײנאַכטיקע שושקערייען. זייערע פיס האָבן געטרעטן איצט אין קאַלטע טיפע בלאָטעס, זיך געגליטשט, אַז פייגע האָט זיך אַלעמאָל געמוזט אין שאולן אָנכאַפּן. זי איז שוין עטלעכע מאָל שיער נישט אומגעפאַלן. אָבער זי האָט אים אַלץ ווייטער געשלעפּט דאָרט־אַהין, אויף דעם אָרט לעבן דער ציטאַדעל, וווּ זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט די נאָענטקייט פון זיין לייב, פון אים אינגאַנצן. פייגע געדענקט, אַז ס'איז דעמאָלט געווען אַזאַ געדיכטע און הייסע נאַכט, אַז מען האָט געקענט פון איר פאַסן שניידן. די ביימער, פולע און צעבליטע, אָנגעלאָדנטע מיט כוח, האָבן אויסגעבענקט געשטרעקט צו זיך די צווייגן, אָנגעגאָסענע מיט צייטיקייט. געטוליעט צו זיך די אויסגעשטאַנענע אברים, זיך ענג פאַרפלאָכטן. פון דער ווייסל איז אויפגעגאַנגען אַ האַרבע שוים, וואָס האָט אַלץ אַרומגעדעקט און פאַרוויגט...

אָבער הײנט איז די ווייסל באַדעקט מיט רעשטלעך קריעס, ווי מיט שופּן, וואָס יאָגן זיך מיט רציחה איינס נאָכן אַנדערע, ברומען צו זיך מיט ווילדע קולות, שלאָגן זיך כסדר אָן און צעשיטן זיך אויף שערבלעך. אויף דער בריק שלעפּט זיך אַ לאַנגער צוג מיט אַ סך אָנגעצונדענע פענסטערלעך, שרייט הויך און אויסגעצויגן פון גרוים בענקשאַפט אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין...

דאָס אויסגעצויגענע און פאַרבענקטע געשריי האָט געטריבן פייגען צוריק אין שטאָט אַריין. זי האָט נישט געוואָלט מער קיין איין מינוט דאָ פאַרבלייבן. און פונקט ווי זי האָט שאולן געשלעפּט אַהער, אַזוי האָט זי אים איצט געשלעפּט צוריק, אַז ער האָט שוין אינגאַנצן נישט געוווסט וואָס מיט איר טוט זיך.

אויף דער גאַס האָט מען קיינעם נישט געזען. ס'האָט זיך צו זיי צוגעטשעפּעט דער אַלטער ייד, וואָס האַנדלט מיט נאַשוואַרג ביז שפּעט בײנאַכט און האָט אַ טבע אָנצוכאַפּן די פאַרבייגייערס ביי אַ פּאָלע, דערציילן זיי, ווי רייך ער איז אַמאָל געווען און צו שטופּן זיי די סחורה גלייך אין פּנים אַריין.

— קויפט עפּעס פּאַניע־לעבן... קויפט עפּעס פאַר דער שיי־נער פּאַניענקע... — איז ער נאָכגעלאָפן שאולן און זיין דאַרער שאָטן האָט זיך טרויעריק געבאָמבלט אויף דער שוואַך־באַלויכ־טענער וואַנט — איר'ט דערהאַלטן אַ געפאַלענעם ייד ביים לעבן... איר'ט זיך קויפן עולם־הבא...

אָבער שאול האָט גאָרנישט געקויפט. ערשט ווען ס'איז צו זיי צוגעקומען דאָס קליינע ייִנגעלע, וואָס האַנדלט אויך מיט נאַשוואַרג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, זיך צו זיי צוגע־טשעפּעט און מער נישט געוואָלט אָפּטרעטן, האָט שאול באַיין־ברירה עפּעס ביי אים גענומען. דאָס ייִנגעלע האָט גערעדט מיט אַ לשון פון אַ דערוואַקסענעם און אונטערגעוווּנקען ביי יעדן וואָרט מיטן קינדיש־אַלטן פּנימל. צווייִדייטיק און ווילעריש האָט ער פאַרקוועטשט מיט אַן אייגל צו שאולן, טייטלענדיק אויף פּייגען... ווען פּייגע האָט אים נענטער צוגערופן צו זיך, פאַרהויבן ביי זיין אַראָפּגערוקט היטל דעם צעריסענעם דאַשיק, וואָס איז נאָכגעהאָנגען, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פליגל, זיך איינגעקוקט אין זיין קינדיש־אַלט פּנימל און געהייסן אים אַהיים גיין, ווייל ס'איז שפּעט, האָט ער איר אפילו נישט געענטפערט. צו־געוווינט שוין צו די אַלע רחמנות־רייד, האָט ער זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף איר און געהאַלטן אין איין ווינקען צווייִדייטיק און אַליץ־ווייסעריש צו שאולן. צום סוף האָט ער זיך אַ צי אויס געגעבן אין זיין גאַנצער גרויס און זיך אָנגערופן מיט וויכטיקייט אין קול, מעשה־דערוואַקסענער:

— נישטאָ קיין צייט!... געקויפט איז געגאַנגען!... באַ־לעמוטשעטץ נישט!... אַ גוטן תמיד!... ציט!... ציט!...

און ער איז פון זיי אַוועקגעלאָפן, מעשה־פאַרנומענער מענטש.

פּייגע האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט, ווי ער איז אַוועק אין דער מאַמעס אַלטע, צעריסענע לאַטשן מיט די הויכע אויסגע־דרייטע אָבצאַסן.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך איר דערנאָך געפּלאָנטערט אין צעהיצטן מוח די צעריסענע לאַטשן מיט די הויכע אויסגעדרייטע אָבצאַסן. זי האָט זיי געזען אויף דער וואָר און אין חלום. די

צעריסענע לאַטשן האָבן זיך פּלוצים אויסגעביטן אויף אַ פּאָר קליינע קינדער־שיכלעך מיט הויכע נאָכהענגנדיקע פּאָמפּאָניקלעך. די שיכלעך זענען דעם קינדס, וואָס זי גייט געווינען. זי האָט שוין אַליץ געהאַט צוגעגרייט, אַ וויג, זעקלעך און שיכלעך, אָבער דאָס קינד האָט זי נישט געקענט געווינען. זי איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ שווייס און געפילט אויף זיך אַ גרויסע משא, וואָס האָט זי אַלעמאָל שווערער געדריקט.

אָבער פּלוצים האָט זיך די משא פון איר אָראָפּגעקייקלט. זי האָט דערפילט אַ גרויסע לייכטקייט און דאָס ביז־איצטיקע שווערע לעבן אירס, איז פאַרשווונדן, פאַרזונקען געוואָרן ווי אין אַ תהום. זי האָט דערפילט, ווי דאָס קליינע ברודערל שטופּט זי אין שלאָף, און דערזען לעבן זיך אויפן בעט זיצן די מאַמען אין בלויזן העמד, וואָס האָט איר דערציילט, אַז זי האָט געשריגן פון שלאָף, מען האָט זי קוים געקענט אויפוועקן. פייגע האָט דערפילט אויף זיך דער מאַמעס האַרטע צעראַצטע פינגער, וואָס האָבן זיך געגלעטשט איבער איר פּנים, איבער אירע האָר און איבער איר צעגליט לייב. ס'איז איר אַזוי גוט געווען, אַז זי וואָלט וועלן, די מאַמע זאָל שוין קיינמאָל די האַנט פון איר נישט אַראָפּנעמען. אין דער פינסטערניש האָט זי געזוכט דער מאַמעס האַנט און זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך, צוגעדריקט זי ביז ווייטיק. אויף די שויבן איז די נאַכט געשטאַנען און אין שטוב איז אַזוי פינסטער געווען, אַז מען האָט נישט געזען איינער דעם צווייטן. אָבער פייגען איז איצט גוט געווען צו ליגן אין בעט און צו פילן די מאַמע לעבן זיך. זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן אַזוי שטאַרק און האַרט, אַז די פרילינגדיקע מיטאָג־זון האָט זי ערשט אויפגעוועקט אויף צומאָרגנס.

ס'האָט זיך איר זייער נישט געגלוסט אויפשטיין און זי איז געלעגן נאָך אַ שטיק צייט אַ וואַכע אין בעט. די מאַמע האָט זי אויסגעפרעגט, צי זי פילט זיך נישט מיט אַלעמען. וואָס גייט זי אַרום אַזוי צעררודערט? אָבער פייגע האָט איר אויף דעם נישט געענטפערט, געקוקט אויף די זון־באַגאָסענע שויבן און געשוויגן.

געשוויגן האָט זי דערנאָך אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד, ווען די מאַמע האָט זיך אַרום איר געדרייט, אונטערגעקוקט זי פון דער־

ווייטנס מיט פֿאַרשנדיקע בליקן, ווי זי וואָלט עפּעס אַרויסגעפּילט. פּייגע איז די לעצטע עטלעכע טעג, אָדער ביים פֿענסטער געשטאַנען, אָדער אין בעט געלעגן. ווען שאול איז צו איר אין די אָוונטן געקומען, האָט ער זיך געמוזט צו איר צום בעט צוזעצן און זי האָט אים קוים געענטפֿערט פֿון אונטערן פֿאַרקאָפּעטן בעטגעוואַנט. זי האָט נישט געקענט ליידן, ווי ער שמועסט זיך אויס מיטן טאַטן, מיט די שוועסטערן. זי איז פֿאַרטון געווען מיט זיך, אַרומגעגאַנגען אין אַן אַנדערער וועלט. און אין אַ שיינעם טאָג, ווען אינדרויסן איז די זון געשטאַנען אַ רייפֿע און אַ צעבליטע, האָט זי זיך אויסגעפּוצט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אויף אַ שפּאַציר און אַוועק באַלד אינדערפֿרי פֿון שטוב.

שוין היפּשע עטלעכע טעג, ווי איר פֿוס האָט די גאַס נישט באַטרעטן, זי האָט זיך מיט קיינעם נישט געטראָפֿן און אַלץ האָט אין אירע אויגן אויסגעקוקט פֿריש און ניי. און די וועלט האָט טאַקע אויסגעזען, ווי פֿריש־געבוירן. די הייזער און טראַמוויען זענען באַדעקט געווען מיט אַ פֿייכטקייט, ווי מיט אַ טוי. פֿון דעם צעריסענעם ברודיקן שניי איז קיין זכר נישט געבליבן און די מענטשן זענען געגאַנגען אויף די גאַסן פֿריי און אָן זאָרג, ווי מיטן אַראָפּוואַרפֿן די שווערע מלבושים פֿון זיך, וואָלטן זיי אויך אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס פּעקל צרות. זייערע טריט זענען געווען לייכט און ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אונטערגעשפּרונגען, געשוועבט אין דער לופֿטן.

בלויז אירע טריט זענען געווען שווער און פֿאַרפּלאָנטערט, כאָטש זי האָט זיך אויפֿן וועג קיין איין רגע נישט אָפּגעשטעלט, אַנטשלאָסן געגאַנגען אויפֿן אַדרעס פֿון דער הייבאַם, וואָס זי איז פֿון אַ חברטע געוויווער געוואָרן. זי האָט שוין אויף זיכער באַשלאָסן אַרויסצורייסן דאָס קינד פֿון זיך, און כאָטש זי האָט באַגערט צו שטעלן זיכערע און גלייכע שפּרייזן, אַז מען זאָל גאָרנישט אין איר דערקענען, זענען זיי אָבער דאָך אַרויסגעקומען צעקרומט און פֿאַרפּלאָנטערט. אויף די טראָטואַרן איז געווען אַזוי ענג, אַז מען האָט זיך קוים געקענט דורכשטופּן. פֿאַרן קראַשינסקים גאָרטן האָבן מאַמעס גערעדט און געלאַכט צו זייערע קינדערלעך אין די וועגעלעך. די קינדער האָבן אין צו־

זאַמענגעקוועטשטע פּויסטלעך געכאַפּט שטיקער גאָלד פון דער פּרילינגדיקער זון, וואָס האָט זיך פּאַר זיי דאָס ערשטע מאָל אַנטפּלעקט. די לופט איז געווען פול מיט קינדערישע זאַרגלאָזע פּלאַפּלערייען און ס'האָט געשמעקט מיט מילך און וואַרעם מאַ־מיש לייב...

אין קראַשינסקיס גאָרטן זענען אירע טריט געוואָרן אַלע־מאָל אייליקער, ווי געיאָגט פון עמעצן. די נאַסע פּרילינגדיקע ערד האָט זיך געבויגן אונטער איר אַן אַנגעשוואָלן־צענאַמענע, אַ באַפּרוכפּערטע. די גראָזן האָבן שוין אַרויסגעשטעלט זייערע צינגלעך אויף דער וועלט און די ביימער זענען באַשיט געווען מיט קנאָספּן־קעפּלעך. ס'האָט געשמעקט ווי נאָך אַ רעגן.

ביי דער היבאַם אויפן „מקום" האָט פייגע אַ שלאָג גע־טון אין פּנים דער ריח פון קרויט און אויסגעלאָזט פעטס. ביים אַריינקומען האָט זי קיין לעבעדיקן נפש דאָ נישט געזען און קוים דערבליקט דאָס קליינע גויעלע, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי דער קיך. זי איז זיכער געווען, אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער טיר, אָבער דאָס גויעלע איז פלינק איר אַקעגנ־געשפּרונגען און זי פאַרבעטן אינעווייניק מיט הכנעהדיק־קלוגע אַלץ־ווייסערישע אייגעלעך. אין דער קליינער און ענגער קיך האָט מען זיך קוים געקענט אויסדרייען. די גרויסע בייכיקע טעפּ און די פיל הייליקע בילדער, וואָס זענען געדיכט און אין דער קרום געהאָנגען אויף די ווענט אַרום, זענען שיער נישט געפאַלן פייגען אין קאָפּ אַריין. הינטער דער פאַרמאַכטער טיר, ווו ס'איז געהאָנגען דאָס געשיר, האָט געשטעפּט אַ ניי־מאַשין, גע־קראָכן מיד און שלעפּעריק, ווי אויף אַ באַרג. כאָטש פייגע האָט באַשלאָסן דער היבאַם באַלד אָפּן אַלץ צו דערציילן, האָט זי איר נישט געקענט קוקן גלייך אין פּנים אַריין און כסדר אַוועק־געכאַפּט דעם קאָפּ. די גאווה, וואָס האָט זי נישט אָפּגעלאָזט אויפן וועג אַהער, איז דאָ פלוצים פאַרשוווּנדן און ס'האָט איר אַרומ־גענומען אַ מידקייט און אַ רחמנות אויף זיך אַליין, אַז זי האָט נישט געפונען אין זיך קיין כוח גענוג עפּעס אַרויסצוברענגען פון די פאַרטרוקנטע ליפּן.

ווען זי האָט אָנגעהויבן דערנאָך פלוצים צו דערציילן נאָך

וואָס זי איז אַהער געקומען, געשיט מיט ווערטער גיך און אין איין אָטעם, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן, האָבן די קלוגעטשקע אַלץ־ווייסערישע אייגעלעך פון דער הייבאַם זיך נישט געוואָלט אפילו צו איר צוהערן. דאָס גויעלע האָט זיך אַלץ געפּאָרעט ביי דער קיך, פאַרזוכט פון די פאַרסאַזשעטע טעפּ מיט אַ הילצערנעם לעפל און געמורמלט צו זיך, אַז ס'איז אַ שאָד די רייד, די צייט שטייט נישט.

פייגע האָט איצט געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג, אַז ס'זאָל שוין זיין נאָך אַלעמען. זי האָט געפאָלגט דאָס גויעלע, געטון אַלץ, וואָס זי האָט געהייסן און באַלד האָט זי שוין גאָרנישט געזען, חוץ די הייליקע בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אונטערן נידעריקן סופיט, גלייך איבער איר פּנים. זי האָט פּלוצים דער־הערט, ווי דאָס גויעלע שרייט אַריבער צו דער נייטאָרין הינטער דער טיר:

— מאַרטאַ!...

די ניי־מאַשין האָט אָנגעהויבן צו יאָגן און הויך צו קלאַפּן, ווי זי וואָלט אַראָפּגעפאַלן פּלוצים פון אַ הויכן באַרג, פאַרהילכט פייגעס געשריי. ס'האָט זיך מער גאָרנישט געהערט, נאָר דאָס לויפן פון דער מאַשין, וואָס האָט זיך געקייקלט אַלעמאָל האַס־טיקער און שנעלער, זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף קיין איין רגע. דאָס קלאַפּן האָט ערשט אויפגעהערט דעמאָלט, ווען פייגע איז שטיל געבליבן און דערהערט דאָס שושקען פון גויעלע גלייך איבער איר פּנים:

— וויפיל גיט מיר דאָס די פּאַניענקע... די פּאָר גראָשן... כ'קען נאָך צוליב דעם אָנווערן דאָס שטיקל ברויט... ווען דער קאַוואַליער האָט געפירט ערגעץ דאָרט די פּאַניענקע, האָט די פּאַניענקע גאָרנישט געשריגן...

פייגע האָט זיך בשום־אופן נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זי וועט דאָס אַלץ איבערקומען. זי האָט זיך נישט געקענט פאָר־שטעלן, ס'זאָל דאָס ווען קענען געשען. אָבער ווען ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען, האָט איר אַרומגענומען אַזאַ בענקשאַפט נאָכן פרימאָרגן, וואָס איז אוועק און וועט שוין מער נישט קומען, אַז ס'זענען איר פּלוצים נאָענט און אייגן געוואָרן די הייליקע

בילדער און די טעפּ אויף די ווענט און זי האָט זיך געהאַלטן צו זיי אין איין טוליען. זי האָט זיך געשאַרט ביי די ווענט און בסדר עפּעס מיט גרויסע אויגן געזוכט...

ווען זי איז אַרויס פֿון דאַנען, איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג. פֿאַרן קראַשינסקיס גאָרטן האָבן מאַמעס געלאַכט און גערעדט צו זייערע קינדערלעך, וואָס האָבן אין צוזאַמענגעקוועטשטע פּויסטלעך געכאַפּט שטיקער גאָלד פֿון דער אַוועקגייענדיקער זון. ס'האָט זיך דאָ גאָרנישט געביטן. זי האָט זיך לאַנג געשלעפּט ביז זי איז דערגאַנגען אַהיים. די זון איז שוין לאַנג פֿאַרגאַנגען און אויף די טרעפּ איז געווען שטאָק פֿינסטער. אין שטוב האָט געברענט דאָס קליינע נאַפֿט־לעמפּל און באַלויכטן דער מאַמעס הענט, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט ביים וועששענקל. איר יונג ברודערל איז שוין געשלאָפֿן, צעלייגט אין דער גאַנצער ברייט פֿון בעט. זי האָט זיך אויסגעטון, פֿאַרזיכטיק אָפּגערוקט דאָס ברודערל און זיך צוגעלייגט צו אים.

נאָך דער חתונה

צוויי קיילעכדיקע מעת־לעת האָט זיך דבורה געשלעפּט אינם אָנגעריכערטן צוג. די מענטשן אַרום איר האָבן געגרעגערט עפּעס הויך אויף פֿרעמדע לשונות, זיך כּסדר אַריינגעפּעקלט און אַרויסגעפּעקלט פֿון ענגען וואַגאָן און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ריח פֿון ווייטע, קאַלטע שטעט. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער וועג וועט זיך שוין קיינמאָל מער נישט ענדיקן. און אַז זי האָט פּלוצים זיך דערפֿילט אַרומגערינגלט פֿון די היימישע ייִדן מיט די סאַמעטענע קאַפּעליושלעך און לאַנגע בערד, איז עס געווען פֿאַר איר אַ גרויס חידוש. די לאָנקעס און פֿעלדער, פֿאַרגאָסענע מיט זון, די קליינע, באָרוועסע פּאַסטוכלעך, וואָס האָבן זיך פֿאַר־מאָסטן אין געיעג מיטן צוג, האָבן געאָטעמט אויף איר מיט היימישקייט. זי האָט געפֿילט, אַז דער צוג דערנענטערט זיך שוין אַהיים. אָבער אָנשטאָט פֿרייד, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ מורא. זי האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט, ווי זי וואָלט נאָך געהאַט פֿאַר זיך אַ ווייטע נסיעה.

ערשט, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, די ייִדן צו־זאַמענגעקנופּט אין איין שוואַרצער קנויל, האָבן זיך אַראָפּגע־קייקלט, אַלע אויפֿאַמאָל פֿונם וואַגאָן, און ס׳האָט זיך דערהערט דער שניידיק־געדריידלטער פֿייף פֿונם קאָנדוקטאָר, וואָס האָט אָנגעפֿילט דעם שטילן פֿרימאָרגן מיט וואָרנונג, האָט זי זיך אין טיר באַוויזן. ס׳איז באַלד לעבן איר אויסגעוואַקסן לייבעלע־פֿיאַקער מיט דער אויסגעריבענער, געלאַטעטער בורקע, אַרומ־געבונדן מיט אַ שטריק און זי פֿאַרבעטן צו זיך אויפֿן צעשיטן וועגעלע אַרויף:

— אַ?... אַ גאַסט?... עך האָב אָבער באַלד דערקענט... כ׳האָב באַלד געזען, אַז ס׳איז עפּעס אַ באַקאַנט פּנים!... ס׳איז

דאָך די פּאַני רעכעס! קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן אַ גרויס שטאָטישע פּאַננע!... קיין בייז אויג זאָל נאָר נישט שאַטן!... — האָט דבורה כסדר געהערט זיין הייזעריקלעך קול בעת ער האָט שווער געטרעטן אין זיינע שטיוואַליעס פאַר איר און זי געפירט צו זיין וועגעלע. ער האָט פריילעך געפּאָכעט מיט דער בייטש, צופרידן פון גאַסט, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט.

ס'האָט איר באַלד אַ שלאָג געטון אין פּנים דער האַרבער ריח פונם קליינעם פערדל, וואָס האָט זי אָנגעקוקט מיט אַן אויסגערונען אייגל און פונם היי אויף דער ערד, ווי בעת אַ היימישן יריד. און ווען זי האָט זיך געוויגט באַרג־אַראָפּ אינם וועגעלע, און זיך איינגעקוקט אין לייבעלע־פּיאַקערס פּלייצע, האָט זי זיך דערפילט זיכערער. די מורא איז ביסלעכווייז צערונען אין איר...

די מורא איז שוין אינגאַנצן אין איר אויסגעוועפּט געוואָרן, ווען טאַטע־מאַמע האָבן זי אין טיר פון זייער הויז באַגעגנט, און זי האָט דערפילט אויף זיך דעם ברי פון דער מאַמעס הייסע טרערן. דער טאַטע איז פון וווייטנס געשטאַנען, און פון זיין פּנים איז נאָך אַלץ די גאווה נישט אַראָפּגעגאַנגען. זי האָט איצט, אינדערהיים, זייער ליב געהאַט זיך איינצוהערן אין דעם טאַטנס סקריפּנדיקע טריט. דער מאַמעס צעצויגן קול, וואָס האָט זיך איר אַמאָל אויסגעוויזן מיאוס און נאַריש, אַז זי האָט געטופּעט מיט די פיס, ווען זי האָט עס בלויז דערהערט, קלינגט אַזוי נאָענט און אייגן. אויף די ווענט פון זייערע שטובן גייט אויס די זעלבע זון, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, ווען זי איז נאָך אַ פּיצל געווען און זיך געשפּילט דאָ מיט אירע חברטאָרינס. און זי הערט זיך איין צום רוישן פון דער פּלומפּ, וואָס אין מיטן מאַרק, ווי אַמאָל...

זינט זי איז פון אויסלאַנד צוריקגעקומען, ווו זי איז אַוועק שטודירן צוזאַמען מיט איר חתן, איז זי נישט פון שטוב אַרויס. פאַר דער שטאָט האָט עס געהייסן:

— דבורה איז קראַנק... שווער קראַנק! זי וועט מוזן איבערקומען אַן אָפּעראַציע... דאָס מיידל גייט איין פון טאָג צו טאָג!...

דבורהן האָט מען טאַקע אין שטאָט נישט געזען. טיילמאָל

האָט מען זי בלויז דערזען דורכן פענסטער, ווו זי איז געשטאַנען אַ בלאַסע, אַ קרענקלעך־דאַרע, די רויטע פייערדיקע האָר אויס־געלאָשן. ס'איז מער נישט געווען די זעלבע דבורה פון אַמאָל, מיט די באַפעלערישע, רויטע האָר און פאַרשאַרצטן שלעכטן עקשן־נעזל. איר קול, וואָס איז געווען מאַנסבילש־גראָב און געהאַט אין זיך די תקיפות פון איר טאַטן, דעם שיינעם ייד, ר' חיים־דוד רעכעס, איז איצט געווען שטיל און הייזעריקלעך. און געשטאַנען אין פענסטער איז זי נישט מער מיט אַ פּאַרי־סענעם קאָפּ פון אַ נגידישער טאָכטער. נאָר איינגעהויקערט איז זי דאָרט געשטאַנען, מיט אַ פאַרוואָרפענער דערע, ווי ס'וואָלט איר קאַלט געווען, כאָטש ס'איז געווען אינמיטן זומער און פאַר איר פענסטער האָבן כסדר דורכגעשוועבט די ווייסע פלאַ־טערנדיקע קליידלעך פון אירע חברטאָרינס און די בלויזע צע־שויבערטע קעפּ פון אירע חברים.

אָבער לאַנג האָט די שטאָט, אפילו אין פענסטער דבורהן נישט געזען. זי איז פּלוצים פון דאָרט פאַרשוווּנדן און מען האָט נישט געקענט דערגיין, ווו זי געפינט זיך.

שכנים האָבן געפּרוּווט אַריינגיין צו ר' חיים־דודן, גע־פּאָרשט, געטאַפּט, אָבער צו־גאָרנישט דערגאַנגען. זיי זענען גע־קומען מכלומרשט באָרגן עפּעס און אינאיינוועגס זיך אַלעמאָל פאַרבייגעשאַרט פאַר דער שטוב, ווו דבורה איז געזעסן. אָבער די טיר איז געווען פאַרהאַקט אויף זיבן שלעסער און מער, ווי אירע טריט, וואָס האָבן דאָרט אַרומשפּאַצירט, האָט מען גאָרנישט געקענט אויפכאַפּן. די שכנטע, ביילע־איטע די בעקערין, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און מיט אַן אומשולדיק פאַרלייגט קעפּל אויף אַן אַקסל, געפּרוּווט אויפמאַכן די טיר פון דבורהס צימער. אָבער זי האָט באַקומען דעם אמתן פּסק. דבורהס פאָ־טער, ר' חיים־דוד רעכעס — אַ געזעצט־פּאַוואָליער, ברייטער ייד, וואָס קייט גוט אַדורך די געדאַנקען, פּונקט ווי דעם שפּייז פון זיין בהרהתבהדיקער באָרד, איידער ער קומט צו אַ מסקנא און זאָגט עפּעס אַרויס — האָט איר באַלד פאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט געברומט צו זיך אַליין, מיט זיין אייביק ברוגז קול,

וואָס וועגדט זיך קיינמאָל נישט צו יענעם גלייך, נאָר פּונקט אין דער פּאַרקערטער זייט:

— ווי שטופּט זי זיך, ווו?... כ'האָב פיינט חוצפּה, האָב עך פיינט!... האָסטו געזען אַן איינפּאַל... מנע...

ער האָט נישט געקענט אַזוי גיך צו זיך קומען, געבלאָזן אין דער באָרד אַריין, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט. און וועןביילע־איטע האָט זיך פון דער טיר צוריקגעצויגן, מיט אַן אומ־שולדיק קעפּל פאַרלייגט אויף אַן אַקסל, פּונקט אַזוי אומשולדיק, ווי זי האָט זיך צו דער טיר דערנענטערט, און געמורמלט, אַז זי איז חלילה גאָרנישט אויסן געווען, האָט ער אַפילו אירע רייד רעכט נישט געהערט און נאָך אַלץ עפּעס צו זיך אַליין געברומט.

אָבער אַז חיים־דוד האָט זיך אויף אַ מינוט בלויז אויסגע־דרייט פון איר, איז זי שוין ווייטער ביי דער טיר געשטאַנען. ס'איז געווען אַ גרויסער נס, וואָס חיים־דוד האָט זי נישט אָנגע־נומען ביים קאַרק און אַרויסגעוואָרפן פון שטוב.

פאַר גרויס כעס האָט ביילע־איטע גענומען דרינגען פאַר־שידנס. אַ טבע האָט זי געהאַט צו רעדן פאַר פייער און פאַר וואַ־סער, ליב געהאַט צו שיטן פעך און שוועבל אויף יעדן איינעם, און נאָך אַלע פאַר ווערטער אָפּצווווישן זיך דאָס דינע, געשליפענע פיסקל, קודם־כל מיט דער רעכטער האַנט און דער־נאָך מיט דער לינקער, ווי נאָך אַ גוטן, מחיהדיקן טרונק:

— פיסקעלע שווייג! קראַנטער, אַז מען רעדט נישט! עך האָב גאָרנישט געזאָגט!... גאָט זאָל מעך נאָר פאַר די רייד נישט שטראָפן!... עך האָב גאָרנישט געזאָגט...

ביילע־איטע האָט געטייטשט פאַרשידנס — ביז זי איז דער־גאַנגען, אַז דבורה איז גאָרנישט קראַנק, נאָר דער חתן האָט זי אין אויסלאַנד אוועקגעוואָרפן און מער וויל זי, ביילע־איטע, נישט זאָגן, מען זאָל זי צעשניידן אַפילו אויפן אָרט... ווי איר טבע איז, האָט זי פרום פאַרגלאָצט די רויטע אייגעלעך, אַ וויש־געטון אומ־שולדיק מיט ביידע פאַרמעליקטע הענט דאָס מײלעכל, אַז עס זענען דאָרט געבליבן ווייסע פלעקן, און צוגעגעבן:

— פיסקעלע שווייג... עך ווייס גאָרנישט!... עך האָב גאָר־נישט געזאָגט!... מענטשן, ציט מעך נישט פאַר דער צונג!...

עך וויל נישט אַריינפאַלן צו חיים־דודן אין מויל אַריין!... אוי, כ'האָב נישט קיין כוח... מענטשן... עטץ זעט גאָרנישט... דאָס מיידל איז דאָך שוין אין די הויכע חדשים... אַ בראָך איז צו מיין קאָפּ...

ביילע־איטע דער בעקערינס רייד האָבן זיך טאַקע אַרויס־געוויזן פאַר אמת, ווען אין אַ רעגנדיקן בין־השמשות האָט מען פלוצים דערזען זיך אַרויסשאַרן ר' חיים־דודס איינגעהויקערטע פלייצע, אָנגעגאָרט מיט שפּלות און זאָרג פון גיטל דער אלמנהס אָרעם הייזל, וואָס איז אין עק שטאָט, ווי פאַרטריבן געשטאַנען און זיך איינגעהערט צום רוישן פון טייך. ער האָט זיך געשאַרט ביי די ווענט, קיינער זאָל אים נישט באַמערקן. זיינע נגידיש־אויסגעפּוצטע שטיוועלעך זענען זייטיק און מיט בושה גע־שפּרונגען איבער די גלעזערנע שוואַרצע וואַסערלעך, ווו ס'האָט זיך געוויגט, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף, דער קיילעכ־דיקער מאַרק מיטן איינציקן, אויסגעווייקטן פּורל און מיטן הויכן טורעם פונם מאַגיסטראַט. און איידער מען האָט נאָך צייט גע־האַט קאַליע צו מאַכן, אונטערטראָגן עפּעס גיטלען דער אלמנה און איר אויפמאַכן די אויגן, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז איר זון האָט מיט דבורהן חתונה געהאַט אין דער שכנותדיקער גרוי־סער שטאָט.

שטיל איז פאַרגעקומען די חתונה, אָן רעש, קיינער זאָל דערפון נישט וויסן. אָנשטאָט דער פריילעכער און הויכער מוזיק, וואָס איז אָנגעשטאַנען פאַר אַזאַ נגידיש קינד, ווי ס'איז געווען דבורה, האָט איר צוגעשפּילט עפּעס אַן אַלט קאַליעדיק פידעלע, פאַרקנופּט מיט שטריקלעך. עס האָט טרויעריק און אויסגע־צויגן באַוויינט איר גורל און נישט געלאָזט אויף קיין איין מינוט זיך איר פאַרגעסן. און אָנשטאָט דעם געקרייזלטן קאָפּ פון איר אַמאָליקן באַשערטן, האָט זיך אין די טרערן פון אירע רויטע אוי גן אונטער דער חופּה געוויגט אַ בלאַס, קליין פּנימל. דאָס פּנימל האָט זיך פאַרלוירן אין די שוואַרצע, ברייטע חופּה־מלבושים, זיך פאַרטאָפּלט און זיך געשטעלט אין דער קרום...

אָבער זינט דער חופּה אָן, בעת זי איז געגאַנגען ווינען מיט איר מאַן, זענען אירע טרערן אויסגעטרוקנט געוואָרן. זיי

זענען אויסגעטרוקנט געוואָרן צוזאַמען מיט דער האָפענונג צו פאָרן ווען עס איז צוריק נאָך קיין אויסלאַנד. זי האָט זיך איינ־געקורטשעט אין זיך און געוואָרן זייער אונטערטעניק דעם מאַן אירן, וואָס איז מיט יאָרן צוריק צוזאַמען מיט איר און מיט איר אַמאָליקן חתן אין שול אַריין אין דער גרויסער שטאָט געפאָרן און געחלומט ווענן איר נאָך מער, ווי איר חתן. דאָס איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. ער האָט זיך כסדר צוגעקוקט צו די אַלע שטיפעריייען, וואָס זי האָט מיט איר חתן פאַראַרבעט. מיט אַ נישט־דרייסטן, גנבהשן בליק פון אונטער דעם אַראָפּגערוקטן היטל, האָט ער נאָכגעקוקט דעם קלענסטן דריי פון איר שמאָלן גוף, דעם מינדסטן קנייטש פון איר שלעכט פנימל. זי האָט געפילט זיין בליק אויף זיך און ליב געהאַט זיך אוועקצוזעצן האַרט לעבן אים, ער זאָל זיך פאַרלירן. ער פלעגט זיך אוועקשאַרן פון איר און אַראָפּלאָזן די אויגן, זיך מאַכן מכלומרשט עפעס זוכן. דאָס האָט איר אַ סך פרייד פאַרשאַפט. זי איז ווידער האַרט אויסגע־וואַקסן לעבן אים, אַז עס האָט אים אַ שלאָג געטון אין פנים דער האַרבער ריח פון אירע רויטע, פייערדיקע האָר. מיט איר גרינעם ווילדן בליק האָט זי אים אַריינגעקוקט אין זיינע צעשראָקענע און מילדע אויגן, וואָס ער האָט כסדר אוועקגעדרייט פון איר. אַ גרויסע צו־להכעיסניצע, אַ צעפּיעשטשעטע, האָט איר זיין פאַר־שעמטקייט נאָך מער צערייצט, אַז דאָס שלעכטע עקשן־נעזל איז נאָך שלעכטער געוואָרן און די נאָזלעכער האָבן געציטערט, ווי ביי אַ חיה. צו דעם דאָזיקן שפּיל האָט זי אַפילו צוגערופן איר חתן, ער זאָל זיך צוקוקן, און זיי האָבן ביידע גרויס הנאה געהאַט און ווילד געלאַכט...

אַ געפאַלענע, אַ נידערגעשלאָגענע, האָט זי איצט זיך איינ־געהערט אין יעדן וואָרט, וואָס דער מאַן האָט אַרויסגעזאָגט. און ווען זי איז געקומען אין די הויכע חדשים, האָט זי שוין אינגאַנצן נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטון און זיך געשטופּט אין די ווינק־לען, מען זאָל זי וואָס־ווייניקער אָנזען. אַ שטילע און אַ פאַר־טראַכטע האָט זי פאַרן מאַן אוועקגעשטעלט דאָס עסן, ווען ער איז פון דער אַרבעט געקומען. זי האָט אָנגעגרייט פאַר אים אַ שיסל וואַסער און אַ פרישן האַנטוך, ער זאָל זיך אָפּוואַשן דאָס

פּנים און די הענט. זי האָט געוווּסט, אַז מען האָט אויף איר אויסגערעדט, וואָס נאָר אין דער קאָרט, אַלע טאָג פריש אָפּגע־טראָגן דעם מאַן, אַז דאָס קינד טראָגט זי נישט פון אים, כאָטש ער האָט די מענטשן געטריבן פון זיך, נישט געוואָלט זיך צוהערן צו זייערע רייד.

אָבער ווען זי איז געלעגן געוואָרן און געהאַט אַ ייִנגעלע, האָט ער זיך דערפילט קליין און געפאַלן. אין דער פאַבריק, האָט ער זיך נישט געהאַלטן מער אַזוי זיכער ווי ביז אַהער. ער האָט זיך גענומען צו די שפּלדיקסטע טועכצן, אויסגעקערט די שטוב, צוגעבעט די געלעגערס. פּונקט ווי דבורה האָט איצט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַזוי האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט, זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען, ווי זי פלעגט עס טון ביז אַהער. אַז עס זענען גע־קומען צו זיי געסט, האָט ער זיך שטיל פון שטוב אַרויסגעשאַרט, איבערגעלאָזט מיט זיי דאָס ווייב אַליין און אַוועק ווייט הינטער דער שטאָט. אומגעקערט האָט ער זיך פון דאָרטן ערשט איינ־מיטן נאַכט, ווען דבורה איז שוין פון לאַנג געשלאָפן.

שטענדיק, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צום קינד, האָט ער געטראַכט, אַז עס וואָלט גוט געווען, ווען עס שטאַרבט, ער וואָלט סוף־כל־סוף פאַרגעסן אין דעם געקרייזלטן קאָפּ פון זיין ווייבס אַמאָליקן באַשערטן און דער פייערדיקער רויטער קאָפּ און דאָס שלעכטע עקשן־נעזל פון זיין ווייב וואָלטן אים צוריק געוואָרן אַזוי אייגן און נאָענט...

דאָס קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַזויפיל שרעק און מורא, האָט טאַקע אָפט געקרענקט. ער האָט עס קיינמאָל נישט געוואָלט צו זיך נעמען, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער קען נאָך פאָלגן זיינע בייזע רעיונות און עס שלעכטס טון. און די מאַמע, ווי זי וואָלט געטראָפן, וואָס אין אים טוט זיך, האָט עס אים אין האַנט אַריין קיינמאָל נישט געוואָלט געטרויען: און עס שטענדיק אַליין שטאַרק געצערטלט, כסדר געהאַלטן אין איין טוליען צו זיך. אויף קיין איין רגע האָט זי דאָס קינד נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון אירע הענט...

וואָס מער אָבער זי האָט עס אָפּגעהיטן, זיך נישט אומגע־קוקט אויף זיך, אין אַנטועכץ געשלאָפן און אַליין נישט דערעסן,

האָט דאָס קינד דווקא אַלעמאָל מער געקרענקט. זי איז שוין פֿון קינדס בעטל אין ערגעץ מער נישט אַפּגעטרעטן.

נאָר ס'איז שוין סיידווי געווען פֿאַרפֿאַלן. דאָס קינד איז ביסלעכווייז אין אירע אויגן אויסגעגאַנגען. אויפֿן מאָן האָט זי שוין מורא געהאַט אײנגאַנצן צו קוקן. זי האָט מורא געהאַט צו באַגעגענען זיך מיט זיין בליק, וואָס האָט נאָך אַלץ געגליט מיט אַ קליין שלעכט פֿײַערל. בעת זי האָט זיך טיילמאָל אָנגענומען מיט דרייסטקייט און מיט אַ בעטנדיקן בליק אַרײַנגעקוקט אין זײַנע אויגן, זענען זיי געווען פֿרעמד און ווייט פֿון איר, זיך נישט געוואָלט צוהערן צו איר געבעט, אַוועקגעקוקט אין אַ זייט.

אָבער איינמאָל בײַנאַכט, ווען דאָס קינד האָט שוין געהאַט שטאַרקע היץ גאַנצע זיבן טעג נאָכאַנאַנד, איז דבורה מיד פֿון אַלע נאַכט וואַך זיין, אַוועקגעפֿאַלן אין אָנמעכטיק אויפֿן בעט. אין האַלבן דרימל האָבן זיך איר פֿאַרשידענע מחשבות געפּלאָנ־טערט, זי האָט געהאַט צו זיך טענות, הלמאַי זי האָט איבערגע־לאָזט דאָס קינד הפקר, אויפֿן פֿרעמדן באַראָט, און אַ געדיכטער־שווייס האָט זי באַשלאָגן. זי האָט זיך געריסן פֿון שלאָף, גע־וואָלט אויפֿקומען און ווען זי האָט זיך סוף־כל־סוף מיט שרעק אויפֿגעכאַפּט, האָט זי פּלוצים דערזען, ווי דער מאָן זיצט לעבן קינדס בעטל און שפּילט זיך מיטן קינד.

זי איז געבליבן ליגן אויפֿן געלעגער, אַ מידע, אַן אויסגע־שעפּטע און זיך צוגעקוקט מיט מורא, ווי דער מאָן האָט אָפּגע־טשעפּעט דאָס קייטעלע פֿונם זייגער און דערמיט געבאָמבלט איבערן קינדס בעטל. דאָס קינד האָט מיט די אייגעלעך, וואָס האָבן באַקומען אַ לעבעדיקן גלאַנץ, געזוכט אין דער לופֿט דאָס קייטל. ווען די אייגעלעך זענען ווידער פֿאַרלאָשן געוואָרן, האָט דער מאָן אָנגעהויבן צמאַקען צום קינד מיט די ליפּן און אויס־געפֿונען אַ נייע שפּיל. מיט די הענט האָט ער שנעל באַוועגט, צוגעשטעלט צוויי פֿינגער פֿון איין האַנט צו דער צווייטער האַנט און געמאַכט פֿאַרשידענע חיהשע קעפּלעך, וואָס האָבן שנעל און קאָמיש מיט די פּיסקעס געשאָקלט. ער האָט גלייך געמאַכט בײַם קינד דאָס קישעלע, עס בעסער אַרומגעדעקט, גערופֿן עס מיט צערטלעכקייט בײַם נאָמען. און ווען דאָס קינד האָט שוין פֿאַר־

טרוקנטע ליפּעלעך און מיט מידע פֿאַרמאַכטע אייגעלעך נאָך אַלץ אַרויפֿגעקוקט צו אים מיט געבעט, האָט ער עס דערלאַנגט אַביסל מילך צום טרינקען. ער האָט צוגעהאַלטן פֿאַרזיכטיק דאָס גלאָז מיט ביידע הענט. דאָס קינד האָט לאַנג און מיט זשעדנע־קייט געטרונקען...

דער פּאָטער און דער זון

נאָכדעם, ווען ביידע צדדים זענען אַדורכגעקומען מיטן גדן, האָט מען אָפּגעשמועסט דעם זמן־החתונה.

ר׳ שמעון האָט געמוסרט דעם זון זיינעם, לייזערן:

— ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיצן אָן אַ ווייב?... וויפיל, קלערסטו, פעלט דיר צו דרייסיק?... נישט קיין גאַנץ האַלב יאָר... בן שמונה־עשרה לחופה... וואָלסט שוין געקענט האָבן אַ בן־זכר פון אַ יאָר צוועלף!...

ר׳ שמעון האָט געוואָלט, אַז דער זון זאָל פון שטוב אַרויס, געאיילט מיט דער חתונה. קיין איינע פון די טעכטער האָט זיך נישט אַזוי צו אַלץ געמישט, און אַלע ווינקעלעך פול געווען, ווי דער זון. ער האָט געפילט, אַז ער וויל ביי אים אין שטוב באַלעבאָס ווערן, נאָך ביים לעבן וויל ער איז ירשענען. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז קיינער וואַרט נישט אַזוי אויף זיין טויט, ווי דער אייגענער זון.

די חתונה איז פאַרגעקומען אין דער אָפּגערעדטער צייט. ר׳ שמעון האָט דעם זון געגעבן, וואָס אים קומט און נישט גע־וואָלט אויף עפּעס אַנדערש איינגיין, נאָר ער זאָל פון שטוב אַרויס.

טאַטע און זון האָבן זיך פאַרשטאַנען, געגאַנגען מיט הינ־טערוועגלעך, נישט גערעדט אָפן. לייזער האָט געזאָגט גלייכגיל־טיק, ווי ער וואָלט גאַרנישט אויסן געווען, אַז ער וויל נאָך אַביסל אין שטוב פאַרבלייבן, זיך אַרומקוקן בעת־מעשה צו וואָס זיך צו נעמען און דערווייל צוהעלפן דעם טאַטן... אָבער ר׳ שמעון האָט צו דעם נישט דערלאָזט, מיט פאַרשידענע תירוצים איינ־גענומען דעם זון:

— גלויב מיר... — האָט ער אים צו פאַרשטיין געגעבן און אים גיך אַ באַטראַכט געטון מיט זיין האַלב־צוגעקוועטשט אייגל,

וואָס מעסט און וועגט זשערנע יעדע זאַך און זעט אוים אַ סך קלענער פונם אַנדערן אָפּענעם אויג, וואָס קוקט געלאָסן־רואיק אַרום זיך — ס'איז גלייכער, אַז מען גייט באַלד פאַר זיך... כ'וויים וואָס כ'רעד... כ'בין עלטער פון דיר מיט אַ טאָג!... מיין טאַטע, זכרונו לברכה, האָט זיך אויך אַזוי מיט די קינדער נוהג געווען!...

איצט, ווען לייזער איז שוין לאַנג געווען פאַר זיך, זענען אַלעמאָל צו ר' שמעונען געקומען אַנדערע גוטע פריינד און אונטערגעטראָגן פאַרשידענע מעשיות וועגן זון. פון די שטענ־דיקע וויזיטן איז ר' שמעון נישט געווען צופרידן, געברומט עפּעס צו זיך און געוווסט בלויז איינס, אַז דער זון גיט זיך אָפּ מיט די שכנים אויפן הויף און רעדט אויפן אייגענעם טאַטן אוים אסור לדבר!...

לייזער האָט נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרגעסן דאָס גוטס, וואָס ער האָט אינדערהיים געהאַט, כאָטש דער פאָטער האָט אים קיינמאָל אויף די אויגן נישט געלאָזט. ר' שמעון האָט ליב גע־האַט, אַז אַלץ זאָל דורך זיינע אייגענע הענט אַדורכגיין. יעדע קלייניקייט האָט ביי אים אַן אָרט געהאַט, פּינקטלעך און גלייך געלעגן. ער איז געווען אַ שווייגער, אַ מרוקעוואַטער, קיינעם נישט געזאָגט קיין גוט־מאָרגן. ביים גיין האָט ער מיט די עלנבויגנס געשטופּט די אַרומיקע מענטשן, זיך אַליין געריסן פאָרויס און זיך נישט אומגעקוקט אויף קיינעם.

די טריקאָטאַזש־פאַבריק האָט ער נאָך ביזן היינטיקן טאָג, אויף זיינע אַלטע יאָרן, אַליין געעפנט באַלד פאַרטאָגס, פּונקט ווי אין די צייטן, ווען ער האָט נאָך גאָרנישט פאַרמאָגט. פאַר יעדן אַרבעטער האָט ער אָוועקגעלייגט ביי דער מאַשין זיין סכום אַרבעט, וואָס ער דאַרף במשך פון טאָג פאַרטיק מאַכן. די אַרבע־טער ביי אים אין פאַבריק האָבן געמוזט יעדן טאָג אויסענדיקן אַזויפיל „שטיקלעך", וואָס דעם ערשטן טאָג, ווען זיי האָבן געאַרבעט „אויף פּראָבע".

— על־פּי־שכל — האָט ער שטענדיק געזאָגט — דאַרף מען שפּעטער מאַכן מער, נאָר כ'בין מוחל... איך דאַרף נישט מער!...

ר׳ שמעון האָט אייביק מורא געהאַט פאַר בייזע מיילער און זיך שטאַרק איבערגענומען מיטן זונס רייד. זיין גאַנץ לעבן האָט ער מורא געהאַט, אַז דאָס גוטס קען זיך אין אַ שיינעם טאָג אויסלאָזן, פונקט ווי ס׳איז אין אַ שיינעם טאָג געקומען. דערצו האָט דער זון גערעדט, אַז אַלע זאָלן הערן אויפן הויף, זיך אָפגעגעבן מיט די שכנים און מיט די אַרבעטאָרער פון פאַבריק, זיי אָנגערייצט אויף אים:

— וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן?! — האָט ער אויסגערעדט אויפן טאַטן — אַז אַן אייגענעם זון האָט ער אַרויסגעשטופּט און אַליין וויל ער ביי אַלץ פאַרבלייבן!... אַז ער האָט אינגאַנצן קיין האַרץ נישט!... רעד צו דער וואַנט!...

לייזער איז געווען אַ באַרימער, ליב געהאַט צו מאַכן אַרום זיך אַ ווינט. זיין חוצפּהדיק־פּאַריסענע באָרד האָט אים אַ וועג געמאַכט צו די גרעסטע פירמעס. ער האָט איצט אַלץ געטון צו־להכעיס דעם פאָטער. גערימט האָט ער זיך אויך צו־להכעיס אים.

ר׳ שמעון האָט אים איין זאַך אינגאַנצן נישט געקענט מוחל זיין. דער זון האָט זיך אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין, זיך אָפן באַרימט, אַז ער מוז אין לעבן מאַכן דעם אמתן באַנקראָט, צונעמען כאָטש אַ קיילעכדיקן מיליאָן... ער האָט זיך געווונטשן, אַז טאָמער וועט ער עס נישט אַליין דערלעבן, זאָל עס כאָטש דער זון מאַכן. ער האָט געקלאַפּט דאָס מוזיניקל זיינס, אַ יינגעלע פון אַ יאָר פיר, איבער די דאַרע פּלייצעלעך:

— איאַ, וואָלף, דו וועסט שוין נישט זיין אַזאַ גולם, ווי דער טאַטע דיינער?

אַזעלכע „לאַבוזעוואַטע שטיקלעך”, וואָס פּאַסן פאַר אַ מענטש פון „נידעריקן שטאַנד”, האָט ר׳ שמעון פיינט געהאַט בתכלית השנאה, געפילט, אַז דאָס שאַדט אים צום געזונט.

אָבער לייזער האָט נישט געזען דעם פאָטערס כעס, זיך גערייצט מיט אים. צו־להכעיס אים, איז ער אפילו אַרויפגעקומען צו אים מיט אַ ברייטקייט אַלעמאָל צו־גאַסט. ער איז געקומען מיטן ווייב און קינדער. זיי האָבן היימיש געגעסן דעם כיבוד, פול געמאַכט מיט זיך די גאַנצע שטוב. לייזערס ווייב האָט געזוכט מיט די אויגן אין אַלע פאַרבאַהאַלטענע ווינקעלעך. ר׳ שמעון

איז געזעסן איינגעקאַרטשעט אויבן־אָן בײַם טיש. ער איז קלענער געוואָרן. ער האָט נישט געקענט הערן די געוואַלדן פֿון די אייניקלעך, וואָס האָבן נישט געהאַט פֿאַר אים קיין שום דרך־ארץ. ווען די אייניקלעך זענען געקומען צו אים אַליין, און די עלטערן, האָט ער זיי קיינמאָל נישט דערקענט, געפרע[illegible] דינסט:

— ווער זענען דאָס די קינדער?... האָ?... — האָט ער בייז געברומט צו זיך.

זי האָט אים אַרײַנגעשריגן גלייך אין פּנים אַרײַן, ווי צו אַ טױבן:

— אײַערע אייניקלעך, באַלעבאָס!... לייזערס קינדער!...

— אַהאַ!... נו־נו... — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך געחידושט — לייזערס קינדער?... גוט־גוט... כ'וויים שוין... יאָ... יאָ... — האָט ער זיי אונטערגערוקט די האָריקע האַנט צום קושן.

ר' שמעון האָט זיך וואָס אַ טאָג געפֿילט שוואַכער, און לייזערן האָט מען איינמאָל פּלוצים בײַנאַכט אויפֿגעוועקט און פֿון בעט אַרויסגענומען צום טאַטן.

אַ גאַנצע נאַכט איז לייזער בײַ׳ר פֿאָטערס בעט אָפּגעזעסן, געפֿילט זיין אָפּגעהאַקט, שוואַך עמען אין דער שטילקייט, און אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פֿון רפֿואות. דער פֿאָטער איז געלעגן מיטן פּנים צום סופֿיט, נישט אויסגערעדט צו קיינעם קיין וואָרט און זיך אַ גאַנצע נאַכט קיין ריר נישט געטון. מען האָט געטרעטן אויף די שפּיץ פֿינגער, זיך אויסגעמיטן צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין פּנים אַרײַן, מורא געהאַט עפּעס צו פֿרעגן, ווי מען וואָלט געווען צווישן זיך ברוגז. אַז מען איז מיד געוואָרן, האָט מען זיך געזעצט אין די ווינקלען, אָפּגעזונדערט איינער פֿונם צווייטן. אין שטוב איז געווען שטיל, מען האָט געהערט דאָס אָטעמען פֿון זייגער. דער דאָקטאָר איז געבליבן אויף אַ גאַנצער נאַכט בײַם קראַנקנס בעט, געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי ער וואָלט געדרימלט. אַלעמאָל האָט מען בגנבֿה, פֿול מורא, געכאַפּט אַ בליק צו ר' שמעונען, געזען, ווי ס'באַוועגט זיך נאָך לײַכט זיין ווייסע באָרד בעת זיין שוואַך

אַטעמען. ס'האָט דערמאַנט אין דער נאַכט מיט יאָרן צוריק, ווען די מאַמע, עליה השלום, איז פון דער וועלט אַוועק. די גע־דאַנקען האָט מען געטריבן פון זיך, אָבער זיי האָבן זיך עקשנות־דיק צוריק אומגעקערט.

לייזער האָט איצט מיטאַמאָל אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם שלעכטס, וואָס דער טאַטע איז קעגן אים באַגאַנגען. ר' שמעון האָט זיך נישט גערירט. נאָר ווען אויף די שוואַרצע שויבן איז זילבערדיק־גרין אויפגעגאַנגען דער באַגינען, זיך אָפּגעשלאָגן בלייך אויף די פּנימער אין שטוב, האָט מען לייכטער אָפּגע־אָטעמט, ווי די סכנה וואָלט אַריבער... דאָס גרינע טאָג־ליכט האָט צוריק באַהאַפטן מיטן לעבן. ר' שמעון האָט פּלוצים שטום דאָס פּנים אויסגעדרייט צו די שויבן, צום טאָג־ליכט, אַ פיר־געטון מיטן בליק איבער די שטוביקע, וואָס זענען געזעסן מיד און אויסגעשעפּט. ער האָט אַרונטערגעשטעקט די בלייכע האַנט אונטערן קישן. מען האָט אים צוגעהאָלפן, אונטערגעהאַלטן זיין האַנט, וואָס האָט שטאַרק געציטערט. מען האָט נישט געוווסט, וואָס ער וויל טון, שטום געפאָלגט זיינע באַוועגונגען. פון אונ־טערן קישן האָט ער אַרויסגענומען דעם אויסגעוואָרעמטן שליסל פון דער פאַבריק און אים איבערגעגעבן דעם זון. דעם שליסל האָט ער נישט אַרויסגעגעבן ביז איצט קיינמאָל פון דער האַנט.

ס'איז געווען נאָך שטאַרק פרי. לייזער האָט געעפנט די פאַבריק. די מאַשינען האָבן אים אָנגעקוקט פאַרשלאָפן־בייז. די פאַרשטויבטע עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן געמרוזשעט מיט די קליינע פאַרקלעפּט־געלע אויגן, נישט געקענט זיי ברייט אויפעפענען און נישט דערקענט דעם פרישן באַלעבאָס. בלויז זיינע טריט האָבן אָפּגעקלונגען אויסגעשלאָפן־ניכטער און וואַך. פון איין מאַשין צו דער אַנדערער איז ער געגאַנגען און פאַר יעדן אַרבעטער אַוועקגעלייגט זיין סכום אַרבעט, וואָס ער דאַרף במשך פון טאָג פאַרטיק מאַכן. ער האָט לאַנג געוויגן די וואָל.

ר' שמעון איז שוין מער אין פאַבריק אַריין נישט געקומען. גאַנצע טעג איז ער אין שטוב געזעסן אויף אַ שטול, די פיס איינגעבעט אין אַ קישן, אָדער ער איז געלעגן אין בעט. גלייך־אויסגעשטרעקט איז ער געלעגן, מיטן פּנים געגלאָצט צום סופית.

מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ ליאַדע ווינטל, געהיטן זיך צו עפענען די טיר.

אַלע נאַכט איז אַרויפגעקומען צו אים דער זון, אָפּגעגעבן אים דעם חשבון פון דער פאַבריק און איבערגעלאָזט דעם שליסל אויף איבער נאַכט. נאָר ווען ער האָט אַמאָל באַמערקט, אַז דער טאַטע קוקט אים שוין אָן מיט קאַלטע, אויסגעלאָשן־שטאַרע אויגן — אויגן ווי נישט פון דער וועלט — האָט ער אים מער קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן. ער האָט דעם טאַטן פּאַוואָליע באַטראַכט מיט איין האַלב־צוגעקוועטשט אייגל, בעת דאָס אַנדערע אָפּענע אויג האָט געקוקט געלאַסן־רואיק אַרום זיך. דעם שליסל פון פאַבריק האָט ער אים שוין מער נישט אַרויפגעטראָגן אויף איבער נאַכט, ווי ביז אַהער. ער האָט אים באַהאַלטן ביי זיך צוקאָפּנס, אונטערן קישן.

לייזער האָט זיך אַרויפגעצויגן צום פּאָטער. ער איז געזעסן אין טאַטנס קאַבינעט. מ׳האָט געהערט, ווי ער דרייט זיך דאָרט אַרום, ברומט עפּעס צו זיך, ווי ער וואָלט געשמועסט מיט זיך אַליין... מען איז געווען זיכער, אַז דאָס איז דער פּאָטער. אַ סך מאָל איז ער פּלוצים פון קאַבינעט אַרויסגעלאָפן מיט אַ געוואַלד, אַז די שוועסטער היטן גאָרנישט אָפּ, ברענגען אַריין פרעמדע מענטשן אין שטוב און קיינמאָל קען מען גאָרנישט אויפן אָרט געפינען. יעדע קלייניקייט האָט ביי אים איצט אַן אָרט געהאַט, פּינטקלעך און גלייך געלעגן. לייזער האָט זיך געבייזערט אויף די שוועסטער, די אַלטע מיידן, אַז זיי וואָלטן שוין געמעגט חתונה האָבן און אַרויס פון שטוב!... שוין צייט!... ער איז געוואָרן מער אין זיך פאַרשלאָסן, קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיך, מורא געהאַט פאַר בייזע מיילער...

יעדן טאָג, גאַנץ פרי, איז ער אַליין געגאַנגען עפענען די פאַבריק. ביים גיין האָט ער מיט די עלנבויגנס געשטופּט די אַרומיקע מענטשן, זיך געריסן פאָרויס און זיך נישט אומגעקוקט אויף קיינעם. ער האָט נישט געענטפערט אויף קיין גוט־מאָרגן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין פאַבריק און קיינמאָל נישט אויסגעהערט, וואָס מען רעדט צו אים. מ׳האָט געקענט צו אים רעדן און רעדן, און ערשט ביים סאַמע סוף זאָל ער

פרעגן מיט אַ געבייזער „האַ?”... אַלץ האָט געמוזט דורך זיינע אייגענע הענט אַדורכגיין. מ'האָט אים קיינמאָל מיט דער אַרבעט נישט צופרידנגעשטעלט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער מורא געהאַט, אַז דאָס גוטס קען זיך אין אַ שיינעם טאָג אויסלאָזן, פּונקט ווי ס'איז אין אַ שיינעם טאָג געקומען...

די שול אין סאַניבײ

I

כל־זמן ר׳ בעריש דער ווינקל־שוחט איז געזעסן אין זײַן קלײן קעלער־שטיבל אויף דער שמאָלער־מילע אין וואַרשע, האָט ער געמײנט, אַז אויף גאָטס וועלט זענען גאָר קײן גוים נישט פֿאַראַן...

אין דעם קלײנעם קעלער־שטיבל, וווּ ר׳ בעריש איז געזעסן, אַרײַנגעקוקט אין אַ ספֿרל און געקוילעט איבער אַ פֿאַרזשאַ־ווערטער שיסל די עופֿות, וואָס די ווײַבער פֿלעגן צו אים בשתיקה אַרײַנברענגען, האָט זיך געשפּירט מיט פֿאַרטרוקנט בלוט און פֿעדערן, און ס׳איז געווען שטיל, ווי אין אַן אויער. פֿון צײַט צו צײַט בלויז האָט איבערגעריסן די שטילקײט אַ נישט־דער־ענדיקטער קרײ פֿון אַ האָן, אַן איבערגעהאַקט־דערשראָקן געשרײ פֿון אַ הון...

ר׳ בעריש האָט פֿײַנט געהאַט אַ סך צו רעדן, פֿײַנט געהאַט דברים־בטלים, און אַז ער האָט זיך שוין יאָ מיט וועמען צע־רעדט, איז עס געווען וועגן תוך־זאַכן. און טאַקע מיט וועמען האָט ר׳ בעריש געהאַט צו רעדן? מיט די ײדענעס, וואָס פֿלעגן צו אים בגנבֿה אַרײַנברענגען די עופֿות? אַז ס׳איז אַרײַנגעקומען אַ ײדענע מיט אַן עוף, האָט ער זי געלאָזט וואַרטן, נישט אויפֿ־געהויבן צו איר דעם קאָפּ. ערשט ווען די ײדענע האָט זיך גע־קליבן צו גײן, געמרוקעט עפּעס אונטער דער נאָז, האָט ער בלינ־דערהײט אויסגעשטרעקט די הענט נאָכן עוף און זיך מיט אַ געבײזער אָנגערופֿן:

— נו...

דאָס שחיטה־געלט האָט ר׳ בעריש, כלאחר־יד, ווי אַן אי־

בעריקע זאך, אריינגעוואָרפן צו זיך אין דער הויזן־קעשענע. אָבער לאַנג האָט זיך דאָס געלט ביי אים נישט געוואַרעמט, ווייל ער האָט עס באַלד דער אשה זיינער אָוועקגעגעבן.

— נאַ... וווּ איז זי דאָס ערגעץ, די אשה?!... — האָט ער דאָס ווייב קיינמאָל ביים נאָמען נישט גערופן, גערעדט צו איר אין דער דריטער פּערזאָן — נאַ... טאָמער דאָס געלט...

צווייִמאָל אין טאָג איז ר׳ בעריש אַרויסגעגאַנגען פון זיין קעלער־שטיבל. איינמאָל, אין דער פרי, בעת ער איז געגאַנגען דאַווענען שחרית, און איינמאָל, פאַרנאַכט, צו מנחה־מעריב. אָבער ווייט צו גיין, האָט ר׳ בעריש נישט געהאַט. דאָס „שטיבל" איז געווען אין דעם זעלבן הויז, וווּ ער האָט געוווינט, און ער האָט געדאַרפט מער נישט ווי אַריבערשפּרייזן דעם הויף.

אין „שטיבל" האָט זיך ר׳ בעריש קיין סך מיט די מתפּללים נישט אָפּגעגעבן. באַלד, ווי ער איז נאָר אַריבער די שוועל, האָט ער אַ פּאַטש געטון עטלעכע מאָל מיט גבורה אין שולחן, אַז דאָס פּנים זיינס איז מיט בלוט פאַרלאָפן און די רויטלעכע באָרד און דער געפּאַקטער געשטעל האָבן זיך צעשאָקלט:

— נו... שאַ... שאַ... — האָט זיך דערהערט זיין שטאַרק קול איבערן „שטיבל" — גענוג געשמועסט... שאַ... שאַ!...

ער האָט זיך אַליין אָוועקגעשטעלט ביים עמוד, קיין סך נישט באַלעמוטשעט, אויפן חסידישן שטייגער שנעל אַריינגע־באַפּט דאָס דאַווענען, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען אים אָנ־צוייאָגן.

כאָטש ר׳ בעריש איז ווייניק פון זיין קעלער־שטיבל אַרויס, האָט ער פונדעסטוועגן געוווּסט, וואָס אויפן הויף טוט זיך, און אַז ער האָט געדאַרפט ווען אָפּשייגעצן, ווייל ער היט נישט אָפּ קיין יידישקייט, האָט ער זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. די בת־יחידה זיינע האָט ער חתונה געמאַכט זייער יונג און דווקא מיט אַ בחור, וואָס איז אים געפעלן. אין דעם אַלטן אָפּגעשיילטן הויף האָט מען קיין גוי אויף די אויגן נישט אָנגעזען. דער סטרוזש האָט גערעדט יידיש, ווי אַ וואַסער, די וואָנסעס זיינע האָבן שוין לאַנג אָנגעוווירן זייער גויאישע שאַרפקייט און אַראָפּ־

געהאָנגען לויז און צעפּלאָשעט. איטלעכעס מאָל, ווען ר׳ בעריש האָט אים דערזען, האָט ער רחמנות געקריגן אויף אים:

— אַ גוי... אַ בהמה... אָט דרייט ער זיך אַרום אויף דער וועלט... עסט און שלאָפט...

צוגלייך מיט אַלע יידן איז דער גוי יום־כּפּור אַ גאַנצן טאָג אין „שטיבל" געזעסן, צורעכט געמאַכט די טריפנדיקע ליכט, און אַז ער האָט קיין אַרבעט נישט געהאַט, איז ער געשטאַנען שטיל אין אַ ווינקל, געמורמלט עפּעס מיטן מויל, אַז די יידן, וואָס האָבן זיין גויאישן נאָמען פאַריידישט, האָבן זיך געוויצלט:

— ער דאַוונט, מעכעלע... ווי כ׳בין אַ ייד געבוירן, ער דאַוונט...

אפילו דער אַלטער הונט זיינער, וואָס איז די ערשטע צייטן, ווען ער איז אויפן הויף געקומען, געווען בייז — אַ רוצח — אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען אין זיינע ד׳ אמות צו שטיין, האָט פאַרלוירן די גויאישע רוגזא אין די אויגן, זיי זענען געוואָרן מילד און געהאָרכזאַם, אַזוי, אַז די ייִנגלעך פון דער תלמוד־תורה, האָבן פראַנק־און־פריי אַרומגעריטן אויף אים, געשמיסן אים מיט שטעקנס, מיט רימענדלעך:

— וויאָ, דודל־קולאַס!... — האָבן זיי דעם הונט גערופן יידיש אויפן ווירטס נאָמען צוליב דעם הונטס איינעם אַ הינקנדיקן פוס — וויאָ... וויאָ־ווישטאַ...

וואָלט ר׳ בעריש דער ווינקל־שוחט געלעבט אַזוי אויף דער שמאָלער־מילע און געמיינט, אַז אויף גאָטס וועלט זענען גאָר קיין גוים נישט פאַראַן, ווען נישט זיין יונגערער ברודער, ראובן, וואָס איז אַלס זעכצן־יעריק ייִנגל פון דער היים אַוועק און יאָרן־לאַנג נישט געלאָזט פון זיך הערן. אָפּגעזוכט האָט זיך ראובן ערשט מיט אַ יאָר צוריק און ווען ר׳ בעריש האָט צו אים געשריבן, האַלב אין יידיש, האַלב אין לשון־קודש, אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך פּסוקים, וואָס ראובן האָט אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען, אַז ער זאָל אים אַריבערנעמען, האָט ער אים צוליב געטון.

די פּאַפּירן זענען אָנגעקומען אַזוי שנעל און אומגעריכט, אַז ר׳ בעריש האָט זיך פאַר זיי דערשראָקן. ער האָט זיך געקווענקלט, זיך שואל־עצה געווען מיט גוטע פריינד אין „שטיבל",

צי ס'פּאַסט פאַר אַזאַ ייד ווי ער, וואָס האָט פונדעסטוועגן אויפן אָרט זיין שטיקל ברויט, זיך צו לאָזן אין דער פרעמד. ער האָט געוויזן אַ יעדן איינעם די פּאַפּירן. אין „שטיבל" האָט מען די פּאַפּירן באַטאַפּט, באַקוקט פון אַלע זייטן, איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט און געהייסן ר' בערישן פאָרן.

— וואָס האָט ער דאָס אַנצוווערן, ר' בעריש?... אַז דעם ייד ווערט דאָ סיי־ווי־סיי ערגער פון יאָר צו יאָר!... — האָבן די יידן זיך געחקרנט — אַזאַ ייד, ווי ר' בעריש, אַ ירא־שמים און אַ יודע־ספר, וועט זיך אומעטום זיין שטיקל ברויט געפינען... אינערגעץ נישט פאַרהונגערט בלייבן... וואָס האָט ער דאָ איינגעשטעלט?... אין אַזאַ אויסטראַליע קען ער, חס־ושלום, איבערנעמען דאָס כסא־הרבנות אויך... ס'זענען דאָרט ווילדע יידן מסתמא... יידן, האָט לאָזן זיך קאָסטן...

[illegible] אויף דער ליפּ, האָט ר' בעריש און זיין ווייב זיך געזעגנט פונדעסטוועגן פון אַלעמען, מיט קיינעם קיין מגע־ומשא נישט געוואָלט האָבן, נישט געוואָלט גאָרנישט עסן און נישט טרינקען, געלעבט בלויז פון טרוקן ברויט מיט וואַסער. און ווען ר' בעריש איז קוים מיט צרות איבערגעקומען די נסיעה און אָנגעקומען קיין אויסטראַליע אין דעם פּראָווינץ־שטעטל [illegible], ווו זיין יונגערער ברודער, ראובן, האָט געהאַט אַ געוועלב, האָט ער געדאַנקט דעם באַשעפער, געוואָרן פלוצים שטאַרק באַרעדעוודיק, זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ פאַר דעם ברודער:

— הערסט, ראובן... — האָט ער אַריינגערעדט אין דעם ברודער — קריעת־ים־סוף בין איך אָדורך!... כ'דאַנק דעם באַשעפער, וואָס כ'בין שוין ביי דיר... הערסט, ראובן... זאָלסט גאָרנישט מיט דעם טעם געפּרוווט ווערן!... שונאי־ישראל... גאָרנישט טועם געווען דעם גאַנצן וועג... אַז אַלץ איז טריף, ווי חזיר!... נו, אַדרבא, זאָל זי דיר דערציילן די יידענע, וואָס פאַראַ שבעה־מדורי־גיהנום מיר זענען אָדורך!... ווו איז זי דאָס ערגעץ די יידענע?...

אָבער ראובן האָט דעם ברודער נישט געהערט, קוים פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. שוין באַלד ביים פאָרט, ווו ער האָט

אפגעווארט דעם ברודער, האט ער זיך געכאפט וואס פארא גרויסן פעלער ער איז באגאנגען מיט דעם ברענגען דעם ברודער אין א שטאט אריין, אזוי ווייט פון יידן... שוין לאנגע יארן, ווי ער, ראובן, איז פון דער היים אוועק, כדי אין דער פרעמד צו „ווערן א מענטש", זיך געשלעפט מיט באנען, זיך ארויפגעכאפט אויף א שיף, ווו די מאטראסן האבן אויס רחמנות אים אויסבאהאלטן, זיך געשאפן מיט אים, און ער איז ארומגעפארן מיט זיי ווו די וועלט האט נאר אן עק. ביסלעכווייז איז זיין פנים פון דער זון פארסמאליעט געווארן, צעשמיסן פון די שארפע ווינטן און רעגנס, פארלוירן די יידישע מראה, און די הענט זיינע זענען פון דער אייביק־שווערער ארבעט צעביילט און פארהארטעוועט־צעקרומט געווארן, טאטואירט, פונקט ווי ביי די מאטראסן. ווען דאס ארומשלעפן זיך איז אים סוף־כל־סוף דערעסן געווארן, איז ער פארבליבן אין אויסטראליע, געפרווט זיין מזל אלס גאלד־גרעבער, אליין נישט געקענט רוען אויף אן ארט און אויסגעפארן די מדינה אין דער לענג און אין דער ברייט. שפעטער האט ער זיך באזעצט אין דעם שטעטל סאניביי, ווו ער האט זיך אין א טאנץ־זאל באקענט מיט אן ארטיקן אויסטראלישן קרעמערס א טאכטער, חתונה געהאט מיט איר און פון דעם אפגעשפארטן געלט זיך אליין געעפנט א שאפ, ווו ס'איז געווען צו באקומען פון כל־טוב — פון א ספינקע ביז אן אנצוג. זיינע קונים זענען געווען די פארמערס פון ארום, וואס זענען געקומען צו אים איז צעפארענע אויטאס, אויף צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך, זיך אויס־געטענהט מיט אים לאנגע שעהן. קינד און קייט האט אים אין דער געגנט ארום געקענט, פארצויגן אים היימיש זיין נאמען פון „ריטשארד" אויף „דיק". מען האט ליב געהאט זיך אוועקצו־זעצן מיט אים צוזאמען פאר זיין געוועלב, פיפקען די האלב־פארלאשענע ליולקעס און שעהן־ווייז קוקן אין דער ליכקיט־צעשטראלטער זון, וואס איז מיט מנוחה צעשפרייט געלעגן אויף די ברייטע ליידיקע גאסן, אויף דעם שטאטישן געפוצטן, זויבער־ארומגעשוירענעם גערטנדל, אויף דעם בראנזענעם מאנומענט פון דעם העלדישן שטאטישן בירגער, וואס איז אין דער מלחמה אומגעקומען און אויף דעם מאגיסטראט מיטן הויכן טורעם און

זוינער. בעת די פארמערס זענען געווען „ביזי", איז ער, דיק, צו זיי געפאָרן, געברענגט זיי די סחורה אין שטוב אריין. און באָטש די פאַרמערס זענען „ביזי" געווען, האָבן זיי אים נישט אָפּגעלאָזט, אַזוי אויסגעהונגערט זענען זיי געווען נאָך אַ וואָרט.

פון זיין היים, דאָרט ערגעץ אין פוילן, האָט שוין דיק לאַנג פאַרגעסן, נישט געוווּסט אפילו צי זיינע עלטערן געפינען זיך צווישן די לעבעדיקע. און דאָ, פּלוצים, האָט ער זיך פון אַ דורכפאָרנדיקן „האָקער" דערוווּסט וועגן זיין ברודער, בעריש און אַ גרויסע בענקשאַפט איז אים באַפאַלן נאָך זיינע יינגל־יאָרן, נאָך די אַלע באַהעלטענישן אויפן בוידעם, הינטער דער שטאַל, וווּ ער האָט ליב געהאַט שעהן־לאַנג פאַרשטעקט צו ליגן, אַבי נישט צו גיין אין חדר.

אַ הויכער, אַ ביינערדיק־דאַרער, די ליולקע פאַרשטעקט אין אַ ווינקל מויל, איז דיק געשטאַנען פאַרן ברודער, קוים פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט צו אים און אַלעמאָל בגנבה געכאַפּט אַ קוק אויף דעם ברודערס ווייב, וואָס האָט אויסגעזען פונקט ווי אַ צעשראָקענע הון, וואָס מען האָט פון די אייער אַראָפּגעטריבן. דאָס ווייבל מיטן גרויסן שייטל, האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, געלאָפן אַהין, געלאָפן אַהער און לסוף זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל. און ווען דאָרי, דיקס ווייב, אַ פולע, אַ לויטערע, מיט גרויסע בלויע אויגן, מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויפן פנים, האָט זיך צו איר דערנענטערט און גערעדט צו איר אַזוי פאַוואָליע, ווי צו אַ קינד, האָט דאָס ווייבל מיט בעטנדיקע אויגן, פול צער, געקוקט דאָ צום מאַן, דאָ צום שוואָגער, ווי זי וואָלט ביי זיי שוץ געזוכט.

בלויז ר' בעריש האָט זיך נישט געפילט פאַרלוירן, צוגעגעבן זיך קוראַזש, צוגערופן צו זיך דיקס זון און גערעדט צו אים פראָסט אויף יידיש. און ווען דער זון האָט געדרייט מיט די אַקסלען, און געקוקט אויפן פאָטער מיט אַ שמייכל און מיט פרעגנדיקע אויגן, האָט ר' בעריש זיך צו אים היימישלעך און מיט אַ ברייטקייט אין קול אָנגערופן:

— וואָס־זשע מאַכסטו עפּעס תכשיט מיינער?... אויסגעוואַקסן אַזאַ גרויסער גוי... וואָס שווייגסטו?...

אויפֿן ייִדישן שטייגער האָט ער אים אַ קניפּ געטון אין דער באַק אַריין און זיך געוואָנדן צום פֿאָטער:

— וואָס איז די מעשה... ער פֿאַרשטייט מיך נישט דער בנאָק דיינער?... האַ?...

ייִדיק האָט נישט געענטפֿערט, פֿאַרעקשנט געפּיפּקעט די ליולקע און פֿון צווישן די ציין אַרויסגעוואָרפֿן אַלעמאָל בלויז די צוויי ווערטער, צוזאַמען מיט געדיכטע קנוילן רויך, אַז ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך געבייזערט:

— וועל... יעס...

דער זון, אַ הויכער, אַן איבערגעוואַקסענער, מיט אַ לאַנגער מיושבֿדיק־קאַנטיקער גאָמבע, וואָס האָט זיך לחלוטין נישט גע־פּאַסט צו זיינע שטיפֿעריש־געלאָקטע האָר, צו די שטיפֿעריש־קליינע גרינע אויגן, האָט נישט אַראָפּגעלאָזט אַן אויג פֿונם פֿעטער, געהיטן נישט צו פֿאַרפֿעלן קיין איין תּנועה זיינע. ס'איז אים חידושדיק אויסגעקומען: אי דעם פֿאָטערס אָנגעצויגן שווייגן, אי ר' בערישעס פֿרעמד לשון, וואָס ער האָט אַזוי גיך פֿון מויל געוואָרפֿן, ווי ער וואָלט געכאַפּט עפּעס אַ הייסע זאַך אויף דער צונג, זיין לאַנג שוואַרץ מלבוש, די גרויסע באָרד זיינע. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ פֿאַרשוין פֿאַר די אויגן נישט געזען און ס'האָט זיך אים געגלוסט אַרויסצוכאַפּן צו די חבֿרים און זיי דערציילן וואָס פֿאַראַ גאַסט זיי האָבן דאָס באַקומען. אָבער ער האָט דאָס נישט געטון, געוווּסט, אַז דער טאַטע וואָלט אים אויפֿן אָרט געממיתט, און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כּוחות, כּדי זיך צו פֿירן לייטיש. ער האָט זיך געהאַלטן איבערגעטריבן־שטייפֿלעך, אַרויפֿגעצויגן אויף זיך דעם ערנסטן אויסדרוק פֿון קינדער, וואָס מ'לאָזט דאָס ערשטע מאָל צווישן גרויסע. און אַז ער האָט גערעדט עפּעס צום פֿעטער, האָט ער גערעדט צו אים זייער פֿאַוואָליע, הויך איבערגעגעבן די ווערטער דעם פֿעטער גלייך אין די אויערן אַריין, ווי ער וואָלט געהאַט פֿאַר זיך אַ טויבן.

ר' בעריש האָט אויסגעפּאַקט זיינע זאַכן. ער האָט פּאַוואָליע אויפֿגעשלאָסן דעם גרינעם געשמידטן קופֿערט, אַרויסגענומען די שבתדיקע קאַפּאָטע און דאָס סאַמעטענע היטל, אויסגעלייגט די זאַכן אויף אַ בענקל, זיי זאָלן זיך אויסלופֿטערן. בשעת־מעשה

האָט ער געהאַלטן אין איין דערציילן דעם ברודער, וואָס פּאַרא פּורעניות ער האָט דאָס געמוזט אויפֿן וועג דורכגיין, ווי קיינער האָט אים נישט געקענט פאַרשטיין און ווי ער האָט קיינעם נישט פאַרשטאַנען.

דאָס עסן איז שוין געשטאַנען אויפֿן טיש, אַ פּאָר דינע פּעניצלעך ברויט באַשמירט מיט פּוטער, אַ פֿריש־אָפּגעקאָכט ביסל זופּ, אייער, קעז. אָבער ר׳ בעריש האָט זיך צו גאָרנישט צוגערירט, געקראָכן אַהין, געקראָכן אַהער און לסוף זיך אָנגע־רופֿן צום ווייב:

— אַ געשמאַק ביסל זופּ... ס׳פּאַרייסט... — האָט ער גע־רעדט צום ווייב, ווי שטענדיק, נישט קוקנדיק אין איר זייט אַריין, גלייך ער וואָלט גערעדט צו אַ דריטער פּערזאָן — נאָר כ׳בין נישט הונגעריק... וועסט מיר גלייבן, ראובן?... — האָט ער זיך געוואַנדן צום ברודער.

פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך געוואַשן, אָפּגעשניטן אַ כזית ברויט און עפּעס מועם געווען. דערנאָך האָט ער געבענטשט, זיך ברייטער צוועקגעזעצט, זיך דערפֿילט פּלוצים מער היימישער און זיך אָנגערופֿן צו דיקן:

— האָסט פֿונדעסטוועגן געמעגט אַמאָל אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער... געמעגט לאָזן פֿון זיך וויסן!... אַזוי פֿירט זיך נישט קיין ייד... ס׳איז נישט קיין יידישער דרך!... ווייסט צומאָל נישט, ווען דער טאַטע, עליו־השלום איז געשטאָרבן!... דער פֿעטער מאַטיע־וואָלף האָט זיך געהאַלטן אין איין פֿרעגן אויף דיר... ווער פֿירט זיך אַזוי?... ס׳איז טאַקע „איסטראַליע״... ביסט טאַקע געוואָרן ברוך־השם אַ ייד, אַ נגיד... אָבער ס׳איז נאָך, חס־ושלום, נישט עק־וועלט!...

ס׳איז געוואָרן פֿינסטערלעך. דיק איז געזעסן בײַם אָונט־ברויט, נישט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן דעם ברודער. ס׳איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, ווי ווייט ער איז פֿון אים, ווי ווייט ער איז פֿון דער היים מיט די אַלע מענטשן, וואָס ער האָט מיט אַזוויפֿיל יאָרן צוריק פֿאַרלאָזט. די גאַנצע בענקשאַפֿט זיינע איז מער נישט געווען ווי אַן איינגערעדטע זאַך און איז פּלוצים אינגאַנצן אויסגערונען געוואָרן, ווי רויך. ער האָט פּלוצים דער־

פּילט אַ גרויסע נאָענטקייט צום אייגענעם ווייב, צום אייגענעם גרויס־געוואַקסענעם זון, נישט געקענט פאַרטראָגן די מוסר־רייד פונם ברודער, זיין קול, זיין איבערגעטריבן־געמאַכטע היימיש־קייט, דעם געפּאַקטן געשטעל זיינעם; נישט געקענט פאַרטראָגן דעם ברודערס ווייב, וואָס האָט געקוקט מיט קיילעכדיק־אויפ־געריסענע אויגן, ווי ביי אַן איבערגעשראָקענער הון. ער האָט זיך געדרייט אויפן בענקל, קיין אָרט זיך נישט געקענט געפינען און אַלעמאָל ארויסגעלאָזט פון ווינקל מויל די צוויי ווערטער:

— וועל... יעס...

צום סוף האָט ער זיך געוואָנדן צום ברודער און צו דער שוועגערין:

— וועל... די בעטן זענען שוין פאַרטיק... איר זענט מיד אוודאי פונם וועג...

ביינאַכט איז דיק ווייניק געשלאָפן, געווען זיכער, אַז דער ברודער טוט נישט צו קיין אויג און געוואַרט אויפן טאָג, כדי אַביסל אויסצולופטערן דעם מוח. אָבער אויפצומאָרגנס, בעת ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז שוין דער ברודער לאַנג געווען אויף, געפּאַרעט זיך ביים געשמידטן קופערט, ארויסגענומען פון דאָרט אַ טלית־זאַק און זיך געגרייט צו גיין אין גאַס אריין. ווען דיק האָט אים אָפּגעשטעלט, געפרעגט ווו ער קלייבט זיך אַזוי פרי, האָט ער צו אים געזאָגט:

— וואָס פרעגסטו עפּעס אַזעלכע שאלות, ראובן?... וואָס הייסט, ווו כ׳גיי?... כ׳גיי דאַווענען... געבן שלום־עליכם אַ ייד...

ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין שום מעשיות, נישט געהאָלפן דיקס רייד, אַז אין דער שטאָט איז קיין בית־המדרש נישטאָ. ר׳ בעריש האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם:

— וואָס מאַכסטו עפּעס חוזק, ראובן?... שוין נישט גע־פונען איבער ווענען לצנות צו טרייבן... וואָס הייסט, ס׳איז נישטאָ קיין בית־המדרש אין דער שטאָט?... — האָט ער אַלץ אָנגעהאַלטן די תקיפות אין זיין קול — וואָס רעדסטו עפּעס, ראובן?... אסור, אויב דו ווייסט, וואָס דו רעדסט!...

פון דער זיכערקייט אין ברודערס קול, איז דיק געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער, נישט געוווסט וואָס צו טון. ער האָט אָנגע־

קוקט דעם ברודער, נישט געהאַט אים וואָס צו ענטפערן. ס'איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ס'האָט אים שוין גאָרנישט מער געאַרט, נישט געאַרט אַפילו, וואָס מענטשן אין דער גאַס וועלן נאָכקוקן דעם ברודער צוליב זיין הלוך — און ר' בעריש איז אַרויס זוכן יידן אין סאַניבײ...

II

בעת ר' בעריש איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער נישט געוווּסט ווו צו שטעלן דעם ערשטן טריט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געלאָזט גיין איבער דער פרעמדער שטאָט מיט אַזאַ זי־בערקייט, ווי ער וואָלט דאָ אַן אַלטער תושב געווען. דער פריי־מאָרגן איז געווען אַ הייסער, איבער די נידעריקע שיטער־צע־זייעטע הייזער, איבער דעם קליינעם געפּוצטן גערטנדל, איז גע־שטאַנען אַ צעגליטע זון. אַראָפּ מיט דער גאַס האָט זיך געזען דער ים, זיך גרינלעך געצונדן אין דער זון, ווי אַ גלעזערנע מויער. מענטשן זענען געפאָרן אויף ראָווערן צו דער אַרבעט, געגאַנגען צו־פוס. קרעמער זענען געשטאַנען פאַר זייערע פּריש־אויסגעשפּריצטע געוועלבער, אַריבערגעשריגן איינער צום אַנ־דערן דעם „גוט־מאָרגן".

בעת ר' בעריש איז דורכגעגאַנגען די גאַס, האָבן די מענטשן נאָכגעקוקט מיט חידוש דעם פרעמדן מיטן ברייטן קאַפּעליוש און לאַנגען שוואַרצן מלבוש, אויף שטום־לשון זיך איבערגע־ווונקען, געפרעגט איינער ביים צווייטן, ווער דאָס איז. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. בלויז דיקס שכנים האָבן שוין געוווּסט, ווער ס'איז דער פרעמדער און געגעבן צו פאַרשטיין:

— ס'איז דיקס ברודער... פון פּוילן געקומען... אַ ראַביי איז ער... אַ הייליקער... אַזוי ווי ביי אונז אַ גלח...

ר' בעריש האָט מיט לאַנגזאַמע, געמאָסטענע טריט גע־שפּרייזט איבער די גאַסן, קיין אַכט נישט געלייגט, וואָס מענטשן קוקן אים נאָך. ער האָט געשפּרייזט גאַס־איין, גאַס־אויס, באַ־

טראַכט די הייזלעך אַרום, די מענטשן. גייענדיק אַזוי בנעימות־דיק, איז ער צוגעקומען צום עק שטעטל, זיך פאַרקליבן אויף צוריק. אָבער ווען ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, איז פּלוצים פון אַ יאַטקע אַרויסגעקומען עפּעס אַ הויכער פאַרשוין, אין אַ ווייסן פאַרבלוטיקטן פאַרטוך און מיט פאַרבלוטיקטע גרויסע הענט. דער פאַרשוין איז גלייך אַקעגן־געגאַנגען ר׳ בערישן, אויסגעשטרעקט געהאַלטן די רעכטע פאַרבלוטיקטע האַנט:

— שאַלאָם!... — האָט דער פאַרשוין געשריגן נאָך פונדערווייטנס, זיך דערנענטערט צו ר׳ בערישן און געשטופּט אים די האַנט, וואָס איז געווען גרויס און האַרט, ווי אַ שייט האָלץ

— אַ יהודי?... מיין טאַטע... מיין מאַמע... זענען אויך געווען יידן... און איך בין אויך אַ דזשו!... מיין טאַטע־מאַמע זענען פון ריסנלאַנד געקומען... שוין לאַנג צוריק... שוין זייער לאַנג צוריק...

דער פאַרשוין האָט זיך געדרייט אַרום בערישן, פון גרויס שמחה נישט געוווסט וואָס צו טון מיט אים. דאָס רויטע מגושמדיקע פּנים זיינס האָט זיך געביטן, באַקומען אַלערליי קאָלירן, ווי ביי אַ יינגל, וואָס האָט געקריגן אַן אומגעריכטע מתנה. טראָפּנס שווייס זענען אים געבליבן שטיין אויפן שטערן, ווי ער וואָלט געטון אַ שווערע אַרבעט. ער האָט נישט געוווסט, וואָס ער דאַרף טון, נישט געוווסט וויאַזוי ער דאַרף האַנדלען, כדי איבערצוצייגן דעם פרעמדן, אַז ער איז טאַקע אַ ייד:

— דו גלויבסט נישט, אַז כ׳בין אַ ייד?... — האָט ער ר׳ בערישן געדוצט אויפן שטייגער פון די ענגלישע יידן און אָנגעוויזן אויף זיך, זיך געקלאַפּט מיט ביידע פויסטן אין האַרץ אַריין — שאַלאָם!... איצט גלויבסטו שוין, אַז כ׳בין אַ ייד?...

ער האָט אַריינגערעדט אין ר׳ בערישן, געגעבן אים צו פאַרשטיין, גערעדט צו אים מיט אַ לשון פון אַ קינד, אויסגעמשלט עפּעס מיט די הענט — אָבער ר׳ בעריש האָט פון צען ווערטער פאַרשטאַנען איינס. פון די פיל רייד, האָט ער פאַרשטאַנען בלויז איין זאַך, אַז אָט דער הויכער פאַרשוין מיטן רויטן מגושמדיקן פּנים, מיטן פאַרבלוטיקטן פאַרטוך און גרויסע פאַרשאַרצטע ידים, איז אַ ייד. ער איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער,

אַריבּגעקוקט צום לאַנגען פּאַרשוין, געקוקט צו דער יאַטקע, וווּ אויף איין זייט טיר איז געווען אויסגעמאָלן אַ קאָפּ פון אַן אָקס מיט גרויסע געדרייטע הערנער און אויף דער אַנדערער זייט טיר איז געווען אויסגעמאָלן אַ קאָפּ פון אַ חזיר — און ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. אָבער דער קצב האָט שוין אַ־צײַט מיט אים קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט, אַנגענומען אים פאַר אַ האַנט, ווי מען נעמט אַן אַ קינד און געפירט אים נאָך זיך. פאַר דער יאַטקע האָט ער אים שטיין געלאָזט, אַליין אַריין אינעווייניק און באַלד צוריק אַרויסגעקומען שוין מיט אַ קליין, אויסגעצאַרט בלאָנד ווייבל, וואָס האָט מיט חידוש געקוקט אויף ר׳ בעריש מיט קליינע טרעריק־פאַרשלאָפענע אויגן, ווי צע־קוועטשטע ווינטרויבן.

— דזשין... — האָט דער קצב זיך אָנגערופן צום ווייבל, אָנגעוויזן אויף ר׳ בעריש, ווי מען ווייזט אָן אויף עפּעס אַ כּשר־דיקער זאַך — דאָס איז אַ ייד... געקומען פון ראַשיאַ... אָזוי ווי מיין טאַטע... אָזוי ווי מיין מאַמע... די אַנדערע...

ביסלעכווייז האָט ר׳ בעריש באַקומען לשון, געריכט צום קצב פּראָסט אויף יידיש, געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז ער זוכט אַ בית־המדרש, וווּ ער זאָל קענען אָפּדאַווענען מיט מנין. ווייטער לאַנג האָט געדויערט, ביז דער קצב האָט זיך געכאַפּט, וואָס ער מיינט. ער האָט אויסגעטון דאָס פאַרטוך, אָנגעטון אַ רעקל און געזאָגט, אַז ער וועט אים פירן צו אַ באַקאַנטן, וואָס וועט אים שוין גוט קענען פאַרשטיין און זיך מיט אים פאַנאַנדערשמועסן.

דער באַקאַנטער — לעוו וויקענס — אַ קליין, דאַר מענטשל, וואָס האָט נישט געקענט איינשטיין אויף אָן אָרט, זיך געוויגט אויף די ווייבעריש־הויכע, גומענע אָפּצאַסן, ווי אויף שפּרינג־פעדערן, איז באַלד, ווי ר׳ בעריש איז נאָר אַריבער די שוועל פון זיין פּריווייט־שאָפּ, אַריין אין התפעלות און באַגעגנט אים מיט פריידיקע אויסגעשרייען:

— וועלקאַם!... וועלקאַם!... באָרעך־הבּאָ!... — האָט ער אים באַגעגנט, אַ צעשטראַלטער און אַ צעיאָכמערטער, בעת־מעשה זיך געוויגט אויף די ווייבעריש־הויכע, גומענע אָפּצאַסן און געשטופּט אים אַ וויין, לויז הענט, — שאָלעם־אַליכעם

א ייד... פון וואנען קומט דאס א ייד?... וועלקאם!... וועלקאם!...

ער האט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, נישט געלאזט ר׳ בערישן קומען צום וואָרט. אַליין האָט ער געהאַלטן אין איין פלאפן מיט דער צונג, פאַרוואָרפן ר׳ בערישן מיט א ים רייד, געשטעלט אים אויפאַמאָל עטלעכע קשיות:

— וואָ־זשע האָסטו, איך בעט דיך, געפּאַקט דעם גוי, דעם בוטשער?... — האָט ער אָנגעוויזן אויפן הויכן קצב, וואָס איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ בושהדיקער רויטקייט — ס׳איז דיר דער אמתער גוי!... וואָס־זשע איז אַ ייד?... אַ טיילאָר?... אַ שוס־טער?... אַלץ איז אין אויסטראַליע סחורה... אַלץ איז דאָ מיט געלד צוגלייך!... אויסטראַליע איז אַ פרייע קאַנטרי!... וואָס איינער וויל, דאָס טוט ער... ס׳איז דיר נישט יוראָפּ... איי, לייענט מען זיך דאָס אָן אין די פּעיפּערס, וואָס פון דעם פּוילן איז געוואָרן!... ווי מען פּייניקט דאָרט דאָס ביסל יידן!...

ער איז פּלוצים, מיט איין שפּרונג, אַרויס אינדרויסן, אַ וויַיז געטון מיט דער האַנט די שטילע, לײדיקע גאַס, דעם ברייטן הימל, פאַרגעסן אין ר׳ בערישן און זיך פאַרגאַנגען אין לויב־געזאַנגען וועגן לאַנד:

— אַ ברייטקייט... ס׳אַ פּלעזשער אַרויסצוקוקן אינדרויסן... גיב נאָר אַ קוק אָן דעם הימל... גרויס... פריי!...

ער האָט געהאַלטן אין איין לויבן דאָס לאַנד, דערציילט ווי יידן ווערן דאָ נתעשר... ער אַליין איז געקומען אַהער אַ פּענטאַק, נישט פאַרמאָגט אַ צעבראָכענע היי־פּעני ביי דער נשמה, נאָר געהאַט אין די הענט אַ „פּאַטענט“, נו אַזאַ מין פּראָשעק צו ראַזירן... אַ גאָלדענע ביזנעס... ער האָט געמיינט, די וועלט איז זיינע... ער וועט דאָ איינעמען גאַנץ אויסטראַליע... אַזאַ פאַרוואָרפענע העק!... האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז ס׳זענען דאָ געווען פּונקט אַזעלכע חכמים ווי ער! נו, האָט ער נישט קיין פּרנסה?... ער האָט טאַקע געטאַפּט אַ וואַנט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער האָט זיך אויפגעעפנט אָט די באַרבער־שאָפּ און ער האָט שיין פרנסה פונדעסטוועגן אָן אַ „פּאַטענט“!... הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט! נעוועד מיינד... ס׳איז אַ פרייע קאַנטרי... יעדער קען טון, וואָס אים געפעלט...

ער האָט געקלאַפּט ר׳ בערישן איבער די פּלייצעס, געזאָגט, אַז ער וועט דאָ מאַכן פּונקט אַזוי גוט, ווי ער, פֿאַרבעטן אים צו זיך אין שטוב, כּדי זיך צו באַווייזן פֿאַר אים מיט זיינע צוויי צימערן, אויסמעבלירט מיט אַ העל נוס־קאָליר מעבל, פֿול מיט שפּיגלען און שפּיגעלעך, ווי אין זיין באַרבער־שאַפּ.

ווען די געסט זענען אַריין צו וויקענסן אין שטוב, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפֿן אויף זיין ווייב, אַן אויסגעסטראָצלטע אין אַ געבלימט העל־זיידן קלייד, אַן אַריבערגעיוירן־צעוואָקסענע, מיט גרויסע הענט און פֿיס, מיט אַ פֿולן קאָפּ רויטלעכע קרייזע־לעך, ווי ביי אַ שעפּס. זי איז געזעסן ביים טיש און אַריבערגע־רעדט, כמעט אַריבערגעשריגן, צו פּיטער שאַרפּ, וואָס האָט זיך געדרוקט אין אַ ווינקל, אַ שווייגנדיקער און אַ פֿאַרטראַכטער. פּיטער האָט זיך געהאַלטן מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכטיקייט אין דער אויסגעפּוצט־בלאַנקנדיקער שטוב, פֿול אָנגעשטעלט מיט פּאָטעלן, שענקלעך און שפּיגלען, ווי אַ געשעפֿט פֿון מעבל, אַז ס׳איז זיך נישט געווען וווּ אויסצודרייען, מורא געהאַט ער זאָל נישט צעברעכן איינס פֿון די פֿאַרשידענע קאָלירקע צאַצקעס און ליאַלקעלעך, וואָס זענען געדריכט אויף די ווענט געהאָנגען. ער האָט אַפֿילו נישט געהערט, וואָס מיסים וויקענס רעדט, נישט געזען די אַלע הנדלעך, וואָס זי מאַכט צו אים, כאָטש ער האָט צוגעבאָמקעט אויף אַלץ מיטן קאָפּ און געקוקט איר גלייך אין מויל אַריין מיט זיינע גרויסע בלויע, אַביסל תּמעוואַטע אויגן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פֿאַרפֿעלן איין וואָרט. כאָטש מיסים וויקענס האָט געוווּסט, אַז פּיטער הערט זיך אַפֿילו צו איר נישט צו, אַז דער קאָפּ איז אים ערגעץ־אַנדערש־ווו האָט זי אָבער בשום־אופֿן נישט געקענט ביישטיין איר טבע און גע־מאַכט צו אים פֿאַרשידענע חנדלעך, אַן אייביק־אויסגעהונגערטע אין דעם קליינעם שטעטל, צווישן לויטער אַרבעטס־מענטשן און פֿאַרמערס, נאָך אַ מאַנסבילישן קוק, נאָך אַ מאַנסבילישן וואָרט...

אַז די געסט זענען אַריינגעקוריען, האָט זיך מיסים וויקענס דערשראָקן אַביסל פֿאַר ר׳ בערישעס הילוך, אָבער באַלד זיך גע־נומען אין די הענט אַריין, פֿאַרשנעבלט מיט גרויס העפֿלעכקייט דאָס פּיסקל, און געבעטן די געסט זיצן. מיסטער וויקענס האָט

זיך דערפריים, אַז ער האָט דערזען דאָס ווייב. אַ שטאָלצער מיט איר שיין פּירעכץ, מיט איר באַרעדעוודיקייט, מיט איר איבער־געווירענער צעוואַקסנקייט, האָט ער אַ געווינשאַפט געהאַט צו לויבן זי שטענדיק פאַר פרעמדע מאַנסלייט, ווי זי וואָלט נישט געווען זיין אייגן ווייב:

— האַ, אַ ווייבל... שוין איינמאָל אַ ווייבעלע!... — פלעגט ער אונטערווינקען אויף איר מיט איין צוגעמרוזשעט אייגל, זיך אַזש באַלעקן, ווי פון אַ גוטן מאכל.

ער האָט זיך איצט, ווי שטענדיק, געבויגן פאַרן ווייב אין צווייען, זיך געוויגט פאַר איר אויף די הויכע ווייבערישע אָפּצאַסן און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ ליב שמייכעלע, ווי ער איז עס געווינט געווען צו טון פאַר זיינע געסט אין פריזיער־שאַפּ.

פּיטער שאַרף האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, ווי ער וואָלט קיינעם נישט געזען, געגלאָצט ווייטער פאַר זיך מיט די גרויסע בלויע, ווי גלעזערנע אויגן, וואָס האָבן צוליב זיין צעשפּרונגענער, אָפּגעברענט־טונקעלער הויט, ווי אַלטע קאָרע, אויסגעזען נאָך גרעסער און נאָך בלויער. פּיטער האָט נישט ליב געהאַט קיין מענטשן, זיי אויסגעמיטן, צומבעסטן האָט ער ליב געהאַט צו זיין מיט זיך אַליין. אַ פויגל, אַ פּאַוואָליער, אַ מענטש, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט, שטענדיק אַ סך צייט געהאַט, האָט ער געווינט הינטער דער שטאָט, אינמיטן פעלד, אין אַ הילצערן הייזל, וווּ ס'האָט זיך גאַרנישט געפונען, אַ חוץ אַביסל אַלטע שקראַבעס און לאַכעס, וואָס זענען צעזייעט און צעשפּרייט געלעגן אין אַלע ווינקעלעך, איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, באַדעקט מיט שפּינוועבס און שטויב, ווי אין אַ חורבה. זיין גאַנצע ווירטשאַפט, וואָס איז באַ־שטאַנען פון אַ פאַרזשאַווערט בלעכערן קענדל אויף טיי, אַ זעקל, וווּ ס'איז געלעגן אַ שיסל אויף צו וואַשן גאָלד און אָן ־אַלט פאַר־דאַרט ברויט, האָט ער שטענדיק געטראָגן מיט זיך.

ער האָט נישט געקענט רואיק איינזיצן אויף איין אָרט, ס'האָט אים געטריבן, ווי אַ נישט־גוטער וואָלט אין אים געזעסן.. אין אַ שיינעם העלן טאָג האָט מען פּלוצים זיין איינגעהויקערט הייזל געקענט טרעפן פּוסט און מען האָט געוווּסט, אַז ער האָט.

זיך שוין ווייטער אַוועקגעלאָזט אין דער פּרעמד, וווּ ער איז אָפּגעזעסן אַ צייט לאַנג. אָבער פּונקט אַזוי אומגעריכט, ווי ער איז אַוועק, אַזוי איז ער אומגעריכט צוריקגעקומען, זיך צוריק באַזעצט אין זיין קליין איינגעהויקערט הייזל. מען האָט געוווּסט, אַז ער איז אַוועק אין דער פּרעמד זוכן גאָלד. שטענדיק האָט ער זיך אויפּסניי אַרויסגעלאָזט מיט דער האָפנונג, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין האָבן מעו מזל און אָנטרעפן אויף דעם אמתן אוצר...

פּיטער האָט נישט געדענקט, אַז ער איז אַ ייד און קיינער האָט אים פּאַר קיין ייד נישט געהאַלטן. בלויז פּיליפּ דייווויס, דער פּאַרמער, — אַן אַלטיטשקער שוין, אַ געבויגענער, אַ גרויזנרויער, אָבער אַ מענטש, וואָס האַלט נאָך פעסט אין זיינע הענט די קינדער, וואָס זענען שוין אַליין טאַטעס און זענען צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי ער, — האָט גוט געדענקט, ווי ער איז מיט לאַנגע יאָרן צוריק צוזאַמען מיט פּיטערס טאַטן, דייוו שאַרפּן, אויף איין שיף געקומען פון לאָנדאָן קיין אויסטראַליע. דייוו שאַרפּ איז געווען אַן איידעלער מענטש, געפירט מיט זיך אַ ספר־תורה. זיי זענען געקומען קיין סאַניביי, ווען דאָס שטעטל איז נאָך קיין שטעטל נישט געווען און די ערטער, וווּ ס'שטייען היינט די הייזער, זענען נאָך געווען וואַלד — געדיכטער וואַלד.

פּיליפּ דייווויס האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז פון פּיטערן אַ מענטש מאַכן. ער האָט אים באַקליידט, באַשוכט, חתונה געמאַכט, אָבער מער ווי איין וואָך האָט פּיטער מיט זיין ווייב נישט געלעבט. באַלד צו דער וואָך איז ער פון איר אַנטלאָפן, צוריק אַרומגעגאַנגען אַן אָפּגעלאָזענער, אַן אָפּגעריסענער — אָבער אַ פרייער מענטש.

אַז די געסט זענען אַריינגעקומען האָט זיך פּיטער געקליבן צו גיין, זיך אויפגעשטעלט און מען האָט פּלוצים דערזען, ווי הויך ער איז, ווי דאָס רעקל איז אויף אים אויסגעוואַקסן, די הויזן קורץ און אויסגעשטופּט אין די קני.

בעת פּיטער האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר, זיך געוואָלט, ווי זיין טבע, שטילערהייט אַרויסשאַרן, האָט אים מיסטער וויקענס פאַרשטעלט דעם וועג און זיך צו אים אָנגערופן:

— נשוּוער מיינד... היינט וועט עס אייך נישט געלינגען, מיסטער שארפּ... היינט וועט איר פון אונז אזוי גיך נישט פּטור ווערן... מיר האָבן אַ גאַסט פון פּוילן...

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. ר׳ בעריש האָט דער־ציילט, אַז ער זוכט אַ בית־המדרש, וווּ ער זאָל קענען אָפּדאַ־ווענען מיט מנין. מיסטער וויקענס האָט זיך צעלאַכט, געזאָגט, ווי ס׳האַלט דאָ שמאָל מיט יידישקייט און דערציילט פון דעם רייכן „מאַנופעקטשורער" אין מעלבורן, וואָס האָט צוגענומען אַ לערער, ער זאָל לערנען דעם זון קדיש זאָגן. בעת דער לערער האָט זיך איין אַ פּאָר יאָר אַרום געקלאָגט פאַרן פאָטער, אַז דער זון קען נאָך אַלץ נישט דעם קדיש, האָט זיך דער פאָטער פאַר־גאַנדערגעלאַכט און געזאָגט, אַז ס׳איז נאָך דאָ „פּלענטי" צייט, ער קלויבט זיך נאָך נישט אַזוי גיך צו שטאַרבן... מיסטער ווי־קענס האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט און ר׳ בערישן בסוד איינ־געראַוימט, אַז דער ברודער זיינער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיקסע, ער איז נאָך מער גוי, ווי פּיטער און ווי ביל דער „בוטשער".

ר׳ בעריש האָט פּאַוואָליע אויפגעהויבן די אויגן, זיך אַרומ־געקוקט אויפן געזינדל, וואָס איז אַרום אים געזעסן, אָנגעקוקט מיסטער וויקענסן מיט גרויסע אויגן, ווי ער וואָלט נישט פאַר־שטאַנען, וואָס ער רעדט צו אים. ער האָט עפּעס יאָ געהערט, עפּעס נישט געהערט, וואָס יענער האָט געזאָגט, נישט געוואָלט ער זאָל נאָכאַמאָל די רייד איבערחזרן — נישט געוואָלט גאָרנישט מער הערן. ער האָט דערפילט אַ ליידיקייט אַרום האַרץ, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין פאַלן פון אַ גרויסער הויך און בשום־אופן נישט געקענט דערטאַפּן קיין ערד אונטער די פיס. ער האָט נישט געזען, ווי מיסטער וויקענס הויבט זיך אויף פון אָרט, נישט געהערט, ווי ער רעדט אַריין אין אים:

— דאָנט יו וואָרי... ס׳עט נאָך זיין אַ שול אין סאַניביי ווו דו וועסט קענען דאַווענען מיט מנין... אויסטראַליע איז אַ פרייע קאַנטרי... וואָס איינער וויל, דאָס טוט ער... דאָנט יו וואָרי...

בעת ר׳ בעריש איז אַהיים געגאַנגען, האָט ער מיטאַמאָל

דערפֿילט די שטאַרקע היץ אינדרויסן. די זון איז שוין געשטאַנען אינמיטן הימל, וואָס איז באַדעקט געווען מיט קנוילן רויך. אויך די לופֿט איז פֿול געווען מיט רויך. ס'האָט אויסגעזען ווי בעת אַ שׂרפֿה. די נידעריקע הייזער האָבן זיך געוויגט אינם רויך, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען ביז אין העלפֿט אין וואַסער. ס'איז געווען הייס, אַז מען האָט נישט געקענט דעם אָטעם כאַפּן. ר' בעריש האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט און געווישט דעם שווייס פֿונם שטערן.

III

מיסטער וויקענסעס רייד, אַז ס'וועט נאָך זיין אַמאָל אַ שול אין סאַניביי, וווּ ר' בעריש וועט קענען דאַווענען מיט מנין, זענען מקוים געוואָרן. און צוגעהאָלפֿן דערצו, זיך איינגעשטעלט מיט לייב און לעבן, האָט קיינער נישט אַזוי שטאַרק, ווי דיקס ווייב, דאָרי. ס'איז איר געגאַנגען ממש אין לעבן, זי האָט נישט גערוט, ביז זי האָט געפּועלט אין דער ווילטעטיקער „וואָמענס־אַסאָסיאיישן", וווּ זי איז אַ גאַנצער שמעלקע געווען, אַז די יידן פֿון סאַניביי זאָלן זיך אין דעם גרויסן זאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט קענען צוזאַמענקומען און דאַווענען מיט מנין.

דאָרי האָט זיך געפֿילט שולדיק לגבי אירע געסט. באַלד, ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען, דער שוואָגער אירער מיט דער שוועגערין, האָט זי באַמערקט, ווי די צוויי לייט דרייען זיך אַרום ווי נעבעכטיקע, קענען זיך קיין אָרט נישט געפֿינען. דאָרי האָט זיך געפֿילט שולדיק, אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרזאָרגטע, פֿאַרשטאַנען, אַז מן־הסתם האָט זי זיך מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט, וואָס דאָס פֿאָרפֿאָלק דרייט זיך אַרום פֿרעמד און איינזאַם ביי איר אין הויז. זי האָט כלערליי וועגן פֿון אונטער דער ערד אויסגעזוכט, כדי זיך צו די צוויי לייט צו דערנענטערן, געקויפֿט פֿאַר זיי פֿון שענסטן און בעסטן, געקאָכט די בעסטע מאכלים, געבאַקן די בעסטע געבעקסן, אַרויסגעוויזן פֿאַר זיי איר ברייטהאַרציקייט — אָבער זיי האָבן זיך צומאָל צו די אַלע מאכלים און געבעקסן נישט צוגערירט, קיין

שמעק נישט געטון צו זיי און געגעסן בלויז טרוקן ברויט. זי האָט דאָס נישט געקענט פאַרשטיין, נישט געקענט תופס זיין מיטן שכל. וויפיל מאָל דער מאַן האָט איר נישט אויפגעקלערט, צו פאַרשטיין געגעבן די סיבה דערפון, צעלייגט אַלץ אויף טע־לערלעך, איז עס איר אין קאָפּ אַריין נישט געקראָכן. ס'האָט זייער לאַנג געדויערט, ביז זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין:

— יעס, דיק... — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ נאָך לאַנגע אויפקלערענישן — איצט פאַרשטיי איך שוין... שור...

בעת זי האָט זיך געפּרוּווט דערנענטערן צו דער שוועגערין, געוואָלט מיט איר עפּעס רעדן, האָט זיך יענע געהאַלטן אין איין אָפּרוקן פון איר און איידער וואָס־ווען, איז זי ערגעץ נעלם גע־וואָרן, און דאָרי האָט נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן. די שווע־גערין האָט זיך אינערגעץ נישט אַרויסגערירט, נישט אַרויס איבער דער שוועל פון הויז, נישט אָנגעקוקט נאָך צומאָל די שטאָט. ווי־פיל מאָל דאָרי האָט זי געבעטן, זי זאָל צוזאַמען מיט איר אַביסל אַרויסגיין אָנקוקן די שטאָט, האָט זיך יענע אַרויסגעדרייט. נאָר איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, האָט דאָרי פּלוצים באַמערקט, ווי די שוועגערין גנבעט זיך אַרויס פאַר דער שוועל, שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקל טיר און קוקט מיט צעשראָקענע אויגן אויף די דורכ־גייער, אויף דער ברייטער גאַס, אויף דער רויט־צעגליטער זון, וואָס האַלט זיך אין זעצן. זי איז געשטאַנען פאַר דער טיר אַ שטיקל צייט און פּלוצים האָט זי זיך געלאָזט מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט גיין איבער דער גאַס. זי איז געגאַנגען נישט זיכער און פּאַוואָליע אויף דער פרעמדער ערד, ווי אַ קינד, וואָס שטעלט די ערשטע טריט. איידער זי האָט זיך דערווייטערט פונם הויז, האָט זי עס קודם־כל גוט באַטראַכט פון אַלע זייטן, כדי זי זאָל וויסן ווו צו־ריקצוטרעפן. וואָס מער זי האָט זיך דערווייטערט, אַלץ מער האָט זי זיך אומגעקוקט, מורא געהאַט צו פאַרבלאָנדזשען...

דאָרי האָט מער די שוועגערין נישט געטשעפּעט, געלאָזט זי גיין איר וועגס און זיך צום שוואָגער גענומען. אָבער אויך ביי אים האָט זי דאָס זעלבע מזל געהאַט, ווי ביי דער שוועגערין.

ר' בעריש איז אַרומגעגאַנגען אַ בייזער, אַ ברוגזער אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט, געהאַט תרעומות צום ברודער,

וואָס ער האָט אים אַראָפּגענומען אין אַ לאַנד אַריין, וווּ ס׳זענען נישטאָ קיין ייִדן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט דער דעה צוריקצופֿאָרן, געהאַלטן אין איין ברומען עפּעס צו זיך אין דער באָרד אַריין. בעת דאָרי האָט צו אים עפּעס געזאָגט, האָט ער זיך באַלד געוואָנדן צום ברודער:

— וואָס רעדט זי דאָרט, די אשה דיינע?... — האָט ער געהאַט טענות צו דיקן — אסור אויב כ׳פֿאַרשטיי איין וואָרט!... נאַדיר אַזאַ לשון...

דאָרי האָט געוואָלט אַקעגנקומען דעם מאַן, געוואָלט אויפֿנעמען די געסט זיינע, ווי ס׳שטייט פֿאַר זיי צו טאָן — אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען. דערצו האָט זי באַמערקט, ווי דער מאַן גייט אַרום אַן אָנגעדרודלטער, אַ שווייגנדיקער, נישט דערזעלבער מענטש. אין די נעכט האָט זי זיך פֿאַרטרויט פֿאַרן מאַן, זיך אויסגערעדט פֿאַר אים דאָס האַרץ, אַז זי איז גאָרנישט שולדיק, זי טוט אַלץ, וואָס זי קען, כדי מקרב צו זיין די געסט. דיק האָט איר נישט געענטפֿערט. ער האָט אויסגעהערט אירע רייד, צוגעברומט צו יעדן וואָרט אירן, דאָס הייסט, אַז ער פֿאַרשטייט, ער ווייסט אַלץ — אָבער גאָרנישט געענטפֿערט. האָט דאָרי געזען אין זיין שווייגן אַ בייזקייט, אַ נישט־צופֿרידנקייט מיט איר און נישט געוווּסט מיט וואָס אומצוקומען די געסט, וואָס פֿירן זיך אויף אַזוי אויסטעריש.

דיק האָט זיך אינגאַנצן אַנדערש געפֿירט, ווי זיין ווייב, זיך לחלוטין גאָרנישט געמאַכט פֿון די געסט. ער האָט זיך נישט געמאַכט הערן דעם ברודערס כעסדיקע רייד, זיך נישט געמאַכט זען דער שוועגערינס פֿאַרלוירנקייט, געזוכט אַ וועג ווי זיך אַרויסצודרייען פֿון זיי, וויאַזוי פֿון זיי פּטור צו ווערן. ס׳האָט אין אים אָנגעצונדן אַ כעס יעדע תנועה דעם ברודערס, יעדער קער זיינער, און ער האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן דער שוועגערינס הילפֿלאָזיקייט, איר פֿאַרלוירנקייט. ער האָט זיך געהיטן מיט אַלע כוחות נישט אַרויסצופּלאַצן. אַנשטאָט רחמנות אויף די צוויי לייט, האָט ער אַ כעס געפֿילט צו זיי.

דאָריס זוכן, ווי זיך צו דערנענטערן צו די געסט, איז אָבער אומזיסט נישט געווען, סוף־כל־סוף האָט זי צו זיי אַ וועג געפֿונען.

געשען איז עס אינגאנצן אומגעריכט, אין א פראסטן מיטוואך, בעת ביל דער „בוטשער" און מיסטער וויקענס זענען ביי איר אין שטוב געווען און זיך מיט ר' בערישן אויסגעשמועסט. זי האט זיך צופעליק צו זייער שמועס צוגעהארכט, דערהערט, ווי זיי רעדן מכוח דעם, אז די יידן, וואס געפינען זיך אין סאניביי, זאלן זיך אלע שבת צוזאמענקומען, כדי צו בעטן צו גאט. מיסטער וויקענס האט אויף די פינגער אויסגערעכנט די אלע יידן, וואס ער האט אויפן אויג געהאט. נאך יעדן אויסגערעכנטן ייד האט ער א פינגער פארבויגן. די גאנצע מניעה איז געווען בלויז א לאקאל, א פאסיק ארט, וווּ די יידן זאלן זיך צוזאמענטרעפן. און דארין איז פלוצים איינגעפאלן דער געדאנק וועגן דעם זאל פון דער ווילטעטיקער „וואמענס-אסאסיאיישן", וווּ זי איז א גאנצער שמעלקע געווען. זי איז אזוי מלא־גדולה געווארן פון דעם געדאנק, אז זי האט נישט געווארט קיין סך און זיך אומגעריכט אין שמועס אריינגעמישט. מיסטער וויקענס האט אנגעהויבן ארומטאנצן ארום איר אויף זיינע הויכע גומענע אפצאסן און זי לויבן ביז אין הימל אריין. ביל דער „בוטשער" איז גאר אין זיבעטן הימל געווען. מיט די גרויסע הענט האט ער געבלאנדזשעט אין דער לופט, געוואלט עפעס זאגן, אבער קיין ווערטער נישט געפונען.

פאר ר' בערישן האט זיך אנגעהויבן א סדרה גייעבץ. דארי האט אים צו־רו נישט געלאזט, נישט געלאזט אים אפעטעמען אויף קיין איין רגע. ר' בעריש האט פון איר פלוצים אנגעהויבן צו האלטן א וועלט, זי געליבט פארן איינענעם ווייב, פאר דיקן:

— א יידישע נשמה... הערסט, ראובן?... — האט ער געזאגט צו דיקן — וועט זיך איינקויפן שכר אויף יענער וועלט... אז ס'איז וועמען באשערט, קומט עס אים גלייך אין שטוב אריין...

ער האט זיך פון דארין געלאזט אומעטום פירן, נאכגעגאנגען איר פון הינטן, ס'זאל נישט הייסן, אז ער גייט צוזאמען מיט אן אשה. דארי האט אים געפירט צו דער פרעזידענטין פון דער ווילטעטיקער געזעלשאפט, וואס איז אן אלטע פריילין געווען, א לערערין, געוווינט צוזאמען מיט א ריזיק־אויסגעפאשעטער קאץ אין דריי גרויסע צימערן, וווּ ס'האט געפעבלט אין יעדן ווינקעלע מיט אן אומהיימלעכער ריינקייט. די פרעזידענטין איז געווען א הויכע,

אַ טרוקן־דאַרע, מיט אַ ווייס־פּאַרפּודערטער נאָז, אַ ווייס־פּאַר־פּודערטן שטערן, ווי פון גיפּס. אייביק אַן ערנסטע, וואָס פאַר־שטייט נישט קיין חכמות, האָט זי זיך קוים געכאַפּט, וואָס מען וויל פון איר האָבן. זי האָט זיך צוגעזעצט צום שרייב־טיש, אָנגע־זאָטלט די ברילן אויף דער ביינערדיק־רויטער מאַנסבילישער נאָז, גיך געבלעטערט אין אַ פּאַק פּאַפּירן, וואָס זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ שופלאָד. בשעת־מעשה האָט זי געהיטן סיי ר׳ בערישן, סיי דאָרין, זיי זאָלן זיך נישט צורירן צו די פאַרשידענע שרייב־מכשירים, וואָס זי האָט שטענדיק אויפן זעלבן אָרט אויפן שרייב־טיש געהאַלטן — מורא געהאַט צו רירן דאָס מזל. זי האָט צוגע־זאָגט צו טון אַלץ, וואָס ס׳וועט נאָר זיין אין אירע כוחות.

די סעקרעטאַרין, וואָס איז געווען נאָך העכער׳ און נאָך דאַ־רער פון דער פּרעזידענטין, האָט אָנשטאָט צו די געסט, געקוקט כסדר אין שפּיגל אַריין, געמאַכט פאַרשידענע מינעס מיטן פּנים, ווי אַן אַקטריסע. זי האָט זיך געשמאָלצן פון גרויס העפלעכקייט, זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, כדי אויפצווייזן ווי איר פאָטער איז געווען אַ גאַנצער גוטער־ברודער מיט יידן. פון אַ שופלאָד האָט זי אַרויסגענומען אַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס, אַזוי לאַנג געזוכט צווישן זיי, ביז זי האָט געפונען אַ בילד, ווו ס׳איז געשטאַנען פאָטאָגראַפירט אַן עלטערער פאַרמער מיט אַ ייד אין אַ קאַפּל און אַ לאַנגער באָרד. געפונען די פאָטאָגראַפיע, איז זי אַזוי מלא־שמחה געוואָרן, אַז זי האָט פאַרגעסן ווו זי האַלט אין דער וועלט, געשטופּט די פאָטאָגראַפיע ר׳ בערישן גלייך אין פּנים אַריין:

— אָט איז דאָס בילד!... — האָט זי זיך געפרייט, אָפּגע־ווישט עס מיט די הענט, מען זאָל בעסער קענען זען — גיט אַ קוק... אַ ייד מיט אַ באָרד...

זי האָט די געסט נישט אָפּגעלאָזט, געהאַלטן זיי אַ גאַנצן הייסן זומערדיקן נאָכמיטאָג. צום סוף האָט זי זיך אויף דער גיך אָנגעטון, זיך אויסגעסטראָיעט אין אַן אַלט־מאָדיש שטרויען היטעלע, באַצירט מיט אַ בינטל פאַלשע קאַרשן, האַרטע, ווי שטיינדלעך, און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די שטיגן, כדי צו ווייזן ר׳ בערישן דעם זאַל.

פון זאַל האָבן זיך געטראָגן שלעפעריק־הייזעריקלעכע טענער פון אַ פּיאַנע. אינעווייניק, אין זאַל, וואָס איז געווען דעקאָרירט מיט לאַנגע קאָליריק־פּאַפּירענע סטענגעס און מיט שפּיגלען ביז צו דער ערד, האָבן זיך געפונען אַ סך יונגע מיידלעך און עלטערע דיקע פרויען אין לאַנגע באַל־קליידער, וואָס האָבן זיך געשאַרט איבער דער גליטשיקער פּאָדלאָגע. דער טאַנץ־לערער, אַ נידעריקער, אַ מיידלעריש־שמאָלער, אין אַן אויסגעוואַקסענעם סמאָקינג און מיט אַ פּאָר פּאַרפעצטע האָר, צוגעקלעפּט צום גאָלן שאַ בן, האָט שלעפעריק און פּאַוואָליע געציילט צום טאַקט פון דער גרימפּלענדיקער מוזיק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער אַלט־צעפּאָרענער, פאַלש־אָנגעשטעלטער פּיאַנע:

— איינס... צוויי... דריי... איינס... צוויי... דריי...

מיד און אויסגעשעפּט פון דער היץ און פון לאַנגען טאַנצן, האָט זיך קיינער אויף די פריש־אַריינגעקומענע נישט אומגעקוקט. די סעקרעטאַרין האָט דאָרין און ר׳ בעריש אַרומגעפירט איבערן זאַל, לאַנג עפּעס אויסגעמשלט, אָנגעוויזן אויף די טאַנצנדיקע און פאַרזיכערט, אַז שוין דעם שבת וועלן זיך די יידן קענען צוזאַמענקומען, כדי צו בעטן צו גאָט.

און טאַקע דעם אייגענעם שבת האָבן זיך די יידן געשטעלט דאַווענען. די ספר־תורה, וואָס דער אַלטער דייוו שאַרף האָט מיטגעבראַכט קיין אויסטראַליע, האָט מען אַריינגעשטעלט אין אַ קליין הילצערן קעסטל, וואָס ביל דער „בוטשער" האָט צוזאַמענגעקלאַפּט. די יידן האָבן זיך שפּעט צוזאַמענגעקליבן. יעדער איז געווען פאַרנומען ביי זיך אין געשעפט, נישט געקענט זיך אַזוי פרי אָפּרייסן פון די ביזנעס. די ערשטע זענען אָנגעקומען ר׳ בעריש און דער „ריטייערעטער" אַלטיטשקער, בערט ראָז, וואָס איז געזעסן שטענדיק פאַרן מאַגיסטראַט, זיך געוואַרעמט אין דער זון, ווי אַ הון. ער האָט געפּרוווט עפּעס רעדן צו ר׳ בעריש, זיך אַרומגעדרייט אויף זיינע אַלטע שוואַכע פיס, אַ בייזער, אַן אָנגעכמורעטער. ר׳ בעריש האָט זיך געדרייט אין אַנדערן עק פון גרויסן זאַל, וואָס איז געווען אויסגעצירט מיט לאַנגע קאָליריק־פּאַפּירענע סטענגעס, מיט מורא אָוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ פון די גרויסע שפּיגלען, ווו ער איז זיך אַליין אַקעגנגעגאַנגען.

ערשט שפעט ביטאָג, האָבן זיך די יידן אָנגעהויבן צו קלייבן. אין זיין פארשטויבטן לאַסט־אויטאָ, איז מיט אַ רעש, פאַרפאָרן דער פאַרמער פיליפ דיוווים. ער איז געקומען מיט די דריי זין זיינע, וואָס זענען געווען צווייִמאָל גרעסער פון אים, געקענט שטעקן דאָס קליינע געבויגענע טאַטעלע צו זיך אין דער וועסטל־קעשענע. אַליין טאַטעס פון דערוואַקסענע קינדער, האָבן זיי זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ צום קליינעם טאַטעלע, גע־פאָלגט זיין יעדעס וואָרט, ווי פיצלעך קינדער. זיי זענען געקומען אין שול אַריין, אָנגעטון פונקט ווי דער טאַטע, אין שוואַרצע האַרטע קאַפעליושן און ווייסע גומי־קראַגנס — אַלע אויף דעם זעלבן שטייגער.

צום סאַמע סוף איז אַריינגעפאַלן מיסטער וויקענס. אַ פאַר־סאָפּעטער און אַ פאַרשוויצטער, האָט ער זיך שנעל אַריינגעגנבעט, זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, געווען זיכער, אַז קיינער באַמערקט אים נישט.

ס'איז שוין געווען שטאַרק שפעט. די יידן, אין טליתים, האָבן זיך פאַרלוירן אַרומגעדרייט אויף דער גליטשיקער פּאָד־לאָגע, זיך נישט געפילט באַקוועם צווישן די העל־קאָלירייקע סטענ־געס, אויסגעמיטן צו קוקן אין די לאַנגע שפיגלען, וואָס זענען זיי אַקייגנגעקומען פון אַלע זייטן.

ר' בעריש איז געשטאַנען פאַרן עמוד, זיך נישט געוואָלט אומקוקן אויף די אַלע מיידלעך אין די לאַנגע באַל־קליידער, וואָס האָבן זיך שוין געקליבן אין זאַל, מיט פאַרחידושטע פּנימער זיך צוגעקוקט צו די יידן, געוואַרט אויפן טאַנץ־לערער, וואָס דאַרף אַ ליאַדע מינוט אָנקומען...

פֿירמע „ברידער ליפּעראַנט“

I

שפּעט אין אָוונט האָט מען פּלוצים אָנגעקלאַפּט אין דער וווינונג ביי מאיר ליפּעראַנט. ס'האָט אַ ווייע געטון מיט אַ ווינטערדיק־שנייאיקער נאַכט, און אין טיר איז שטיין געבליבן אַ הויכער פּאַרשוין, אָנגעטון אין אַ פּוטער און אין אַ העלן, כמעט ווייסן פּילץ־הוט. אויף איין האַנט איז ביי אים געהאָנגען אַ רייזע־קאָץ און אין דער אַנדערער האָט ער געהאַלטן אַ נייע, געלע וואַליזע. נאָך אים האָט זיך געשטופּט אין דער ברייט אַ טרעגער, באַזילבערט מיט ווייסן פּראָסט, אַן איינגעבאַבלטער, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען אַ שפּיץ בלויע, געפּרוירענע נאָז. ער איז באַהאָנגען געווען מיט קליינע און גרויסע וואַליזקעלעך, וואָס ער האָט קוים געקענט דערהאַלטן אין די אומגעלומפּערט־גרויסע באַהענטשקעטע הענט. אין שטוב איז שטיין געבליבן אַ ריח פֿון ווייטע שטעט און פֿרעמדע קאַלטע וואָקזאַלן. דער גאַסט איז גלייך צוגעגאַנגען צו מאירן, געוואָרפֿן זיך פֿריידיק אים אויפֿן האַלז, אַ קוש געטון מיט קאַלטע, געפֿרוירענע ליפּן זיין וואַרעמע באָרד און זיך אָנגערופֿן אויף דייטש:

— וואָס שמאַכסטו, מאַיער?... ווי געט'ס?...

מאיר האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן, געשטאַמלט עפּעס פֿאַרלעגן, הילפֿלאָז געקוקט אויף די אַרומיקע, גלייך ער וואָלט ביי זיי געזוכט אַן ענטפֿער. דער פֿרעמדער האָט זיך אָנגערופֿן מיט חידוש אין קול:

— ערקענסט מיך ניכט?... איך בין יאַ בערנאַרד... בערל... דיין ברודער!... ווייסטו שאָן, מאַיער?...

ערשט איצט האָט מאיר אים דערקענט, אָבער ער האָט זיך

פון אָרט אַלץ נישט גערירט. בלויז דאָס ווייב זיינס האָט באַלד אויסגעשאָסן מיט פרייד, אַ פּאַטש געטון מיט ביידע הענט:

— וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם?... דער ברודער דיינער איז געקומען!... אָבער יאָך איינע האָב אים באַלד דער־קענט, ווי נאָר ער איז איבער דער שוועל אַריבער!... בערעלע אויסן אויג!... ר׳האָט זיך דען עפּעס געביטן?... דער זעלבער בערל!... אַביסל אויפגעשאָסן!

זי האָט גלייך געמאַכט אויף זיך דאָס קלייד, ס׳בלוזקעלע, און, אַ צעפּלאַמטע, אַ צערויטלטע, האָט זי גערופן די קינדער, וואָס זענען שוין געלעגן אין די בעטן, פון דער העלער הויט אָנ־געהויבן צו זיי רעדן דייטש:

— קינדער... עטץ זעט, ווער ס׳איז געקומען?... אייער אָנקעל... דער אָנקעל בערנאַרד... עץ דערקענט אים נישט?... דאָס איז דאָך דער פעטער בערל!...

זי האָט פאַרגעסן, אַז בערל איז אַוועק מיט אַ סך יאָרן צו־ריק, בעת די קינדער זענען פּיצעלעך געווען און אַ טייל זענען נאָך אפילו נישט געווען אויף דער וועלט... ער איז אַוועק אַלס יינגל, אין אַ יידיש היטעלע און אין אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע...

בערנאַרד איז באַלד געוואָרן היימיש, אויסגעטון דאָס פוּ־טער, מיטאַמאָל געוואָרן טאָפּלט שמעלער. מיט פאַרשידנערליי שליסעלעך, וואָס זענען געהאָנגען צוגעטשעפּעט צו דער הויזן־קעשענע אויף אַ דין קייטל, האָט ער אויפגעמאַכט די וואַליזעס. ער האָט קוים עפּעס טועם געווען, אָנגעטון אַ קאָלירין־זיידענעם שלאָפראָק און מיט זיינע לאַנגע פיס אַרומשפּאַצירט פון איין שטוב אין דער אַנדערער. ער איז אַריין אין דער גרויסער שטוב, וווּ ס׳איז געווען דאָס געשעפט און די וועש־פאַבריק. עס האָבן זיך דאָ אין פיר־קאַנטיקע שטויסן געטורעמט העמדער, פאַרטוכער אויף לאַנגע, געל־געפאַרבטע פּאָליצעס. דער ווייסער שטויב פון די סחורות איז געלעגן אין די ווינקלען פון פאַבריק, ווי דינער, ערשט־געפאַלענער שניי. אין די שטובן האָבן איצט געברענט אַלע לעמפּלעך. זיי האָבן איצט געברענט העלער צוליבן גאַסט, ווי אין אַ יום־טוב. עס איז געווען וואַרעם און פריילעך, בלויז די שויבן, איבערגעצויגן מיט בלויען פראָסט האָבן דער־

מאָנט אין קאַלטן ווינטערדיקן דרויסן. בערנאַרד האָט צו אַלע העפלעך געשמייכלט, גערעדט האַלב־דייטש, האַלב־יידיש, צוגע־לאָזן און היימיש, אָבער פאָרזיכטיק און מיט געמאַכטער וויכ־טיקייט, מען זאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז דאָך אַן אויסלענ־דער. בשעת ער האָט עפּעס דערציילט, האָט ער אָנגעהויבן שטענ־דיק מיט איין און די זעלבע פּאָר ווערטער:

— ביי אונז אין בערלין...

ער האָט אַרויסגענומען אַ פלעשל קעלניש וואַסער, באַ־שפּריצט זיך דאָס פּנים, די האָר. די קינדער, וואָס זענען אַרויס פון די בעטן, זענען פון ווייטנס געשטאַנען אין די בלויזע העמ־דער ביז צו די קנעכל, און זיך נייגעריק צו אים צוגעקוקט. ער האָט זיי אויך באַשפּריצט מיטן וואַסער. די מאַמע, אַ צערויטלטע, אַ יום־טובדיקע האָט צו זיי געשריגן:

— האָט'ץ נישט קיין מורא!... דער פעטער עט ענק גאָר־נישט טון... ס'שמעקט, האַ?... גייט'ץ צו נענטער צום פעטער... פע, ס'איז נישט שיין, קינדער זאָלן זיך שעמען... פע!...

די יידענע איז דעם אָוונט געווען שטאַרק באַרעדעוודיק. פּונקט ווי ר' מאיר האָט זיך געהאַלטן פונדערווייטנס, ווייניק גערעדט, אַזוי האָט זי דווקא געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיט דער צונג, נישט אָפּגעטרעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין פון בערנאַרדן, כאָטש ער האָט שוין שטאַרק געגענעצט און די אויגן האָבן זיך אים שוין פון מידקייט געקלעפּט.

II

בערנאַרד איז געבליבן וווינען ביים ברודער. מען האָט אים אויסגעבעט דערווייל אין דער עס־שטוב. ער איז אויפגעשטאַנען אינמיטן טאָג, גלייך צום עסן. דערנאָך האָט ער זיך ערשט גע־נומען אָנטון. וועש האָט ער געביטן יעדן טאָג, דעם קראַוואַט לאַנג געבונדן פאַרן שפּיגל. די קינדער זענען אים נאָכגעגאַנגען פוס־טריט און האָבן זיך צו אים צוגעקוקט מיט חידוש. שפּעט־נאָכמיטאָג איז ער אַרויס אין גאַס, אַלעמאָל אין אַ נייעם אַנצוג

און פּאַלטן, אַן אויסגעפּוצטער, אַ באַשמעקטער. מ׳האָט אויף אים אָנגעוויזן סודותדיק אין הויף, מיט מבינות באַטראַכט זיינע העלע פּאַלטנס, אַנצוגן און משונה־קאָליריקע קראַוואַטן, וואָס ער האָט געבונדן אין גראָבע קנופּן:

— דאָס איז מאירס ברודער... צוריקגעקומען פון אויס־לאַנד... זעט׳ץ נאָר די שטעטער, וואָס ער טראָגט!...

אין גאַס, צווישן די סוחרים אויף די נאַלעווקעס, האָט מען שוין אויך געוווּסט וועגן גאַסט, אויסגעפרעגט מאיר; אויף אים — און מאיר, וואָס האָט בטבע פיינט געהאַט, אַז מען באַלעמור־טשעט אים מיט איבעריקע זאַכן, האָט געענטפערט שטאָלץ און גערן:

— אַוועקגעפאָרן אַ סמאַרק... אַ יינגל... און צוריקגעקומען אַ גאַנצער מענטש!... וואָס אויסלאַנד קען אַלץ מאַכן!...

צו מאירן אין שטוב אַריין האָט זיך אַ לאָז געטון די אָרעמע משפחה. יעדער איז געקומען באַזונדער, געהיטן זיך, איינער זאָל נישט וויסן פון אַנדערן. מ׳האָט זיך אָנגעקוקט מיט שנאה, גע־שמועסט וועגן זייטיקע זאַכן, געוואָלט פאַררעדן איינער דעם צווייטן, מען זאָל נישט וויסן, נאָך וואָס מ׳איז געקומען. טייל זע־נען געקומען אויסגעפּוצט און אַנדערע ווידער האָבן אויסגעזוכט די אָפּגעריסנסטע מלבושים, כדי נאָך מער צו ווייזן זייער אָרעמ־קייט. שטיל און זייטיק האָבן זיי זיך אַריינגעשאַרט, אויסגעפרעגט מכלומרשט מאירן אויפן געזונט, אויף די געשעפטן און אינאיינ־וועגס פאָרזיכטיק אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן ברודער — „אַז ער איז קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן... אַזאַ הויך!... אַזאַ ברייט!... מען קען אים נישט קוקן אין פּנים אַריין, ווי אין דער לאַכטיקער זון... און ווי גוט ער איז!... נאָך אַלס קינד, האָט מען שוין געזען, אַז עס וואַקסט אַ גוטע נשמה!... קיין בייז אויג זאָל אים נאָר נישט שאַטן... פּו־פּו־פּו...״

ר׳ מאיר האָט זיי מיט איין אויג זייטיק באַטראַכט, געלאָזט זיי שטיין, נישט געהערט, וואָס זיי רעדן, זיך געמאַכט שטאַרק פאַרנומען. פון אונטער דער ע״ד האָט ער אויסגעזוכט פאַרשיי־דענע אַרבעטן: ביי די „משרתים״ פון די הענט אַרויסגעכאַפּט די פּעק, צוזאַמענגעלייגט און אויפגעלייגט די סחורה, געטראָגן

פון איין אָרט אויפֿן אַנדערן די שוואַרצטע באַלנס, אַז שנירלעך שווייס זענען אים פֿון פּנים גערונען.

בערנאַרד האָט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. די געסט האָבן זיך געשאַרט אין די ווינקלען, אַרויף איינער אויפֿן אַנדערן, געוואָלט זיך אַזוי פֿאַרשטופּן, מען זאָל זיי נישט זען. דאָס אייגענע דאַרע לייב איז איצט איבעריק און צו־גרויס געווען אין די אייגענע אויגן... מען האָט זיך אומגעקוקט אויף רעכטס און לינקס, צי קיינער זעט נישט, גנבֿהש אַ טאָפּ געטון מיט פֿאַרוווּנדערונג און קנאה אַ טישטוך, אַ שטיק מעבל, אָבער באַלד צוריקגעכאַפּט די הענט, ווי ס'וואָלט געבריט. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז בערנאַרד איז אַרויסגעקומען, שטענדיק אַ צעשמייכלטער, אַ צעראויטלטער. ער האָט זיך העפֿלעך פֿאַרנייגט און מיט אַ ברייטן ווייז־אָן מיט דער האַנט אַריינגעבעטן די געסט צו זיך. ר' מאיר האָט געקוקט די געסט אויף די שיך, ביז עפּעס געריידט אונטער דער נאָז, אַז מ'האָט אים נישט געקענט פֿאַרשטיין. בערנאַרד האָט אויף אַלץ העפֿלעך געענטפֿערט, צופֿרידן געשמייכלט, זיך פֿויל געצויגן, בעת־מעשה באַקוקט די נעגל און געשאַפּן מיט דער דינסט, ווי ער וואָלט דאָ געווען באַלעבאָס. ער האָט זיך נישט געמאַכט זען דעם ברודערס כעס, כּסדר געהייסן דערלאַנגען פֿאַר די געסט כּיבוד...

אַזוי זענען אַוועק טעג און וואָכן — ביז ר' מאיר האָט זיך מער שוין נישט געקענט איינהאַלטן, אַוועקגערופֿן דעם ברודער אין אַ באַזונדערן צימער, גערעדט לאַנג וועגן פֿאַרשידענע זייטיקע ענינים, וואָס האָבן זיך נישט געבונדן און דרך־אגבֿ אים געפֿרעגט, וויפֿיל ער פֿאַרמאָגט און וואָס ער קלערט מיט דעם געלט צו מאַכן. מען דאַרף עפּעס אַ טראַכט טון וועגן אַ תּכלית... ביי מאירן האָט זיך שוין געפּלאָנטערט אין קאָפּ אַ געדאַנק, אפֿשר וועט ער קענען ביי אים „כאַפּן" אַ סומע, אַריינצולייגן אין געשעפֿט, וואָס גייט לעצטנס באַרג־אַראָפּ. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן מיטאַמאָל, אַז בערנאַרד פֿאַרמאָגט גאָרנישט. ער האָט גלייכגילטיק געענטפֿערט, ווי ס'וואָלט געווען עפּעס אַ נאַרישקייט — אי דאָס, וואָס ער זיצט ביי מאירן אויף קעסט, אי דאָס, וואָס ער פֿאַרמאָגט גאָרנישט:

— דאָס גאַנצע געלט פערלאָרען אין אַ קראַך... נישט גע־קענט זיך מער אויף די פיס שטעלן...

די ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט גלייכגילטיק־שטיל און מיט אַ מורמל, האַלב־דייטש, האַלב־יידיש, און זיין פּנים איז ווײַ־טער געבליבן פריילעך, ווי ס'וואָלט אים געשען עפּעס אַ גליק... ער האָט געמורמלט נאָך לאַנג וועגן דעם, אַז אויף בערלין גייען איצט ביטערע, שווערע טעג... אָבער ר' מאיר האָט אים שוין נישט געוואָלט גלויבן. ווער ווייסט, צי דער ברו־דער האָט ווען עס איז פאַרמאָגט געלט... ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, געוויזן אַ ברייטע, ברוגזע פּלייצע, אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, דערנאָך זיך פּלוצים אויסגעדרייט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן — נאָר גאָרנישט געזאָגט.

אָבער בערנאַרד האָט נישט געזען דעם ברודערס כעס, גע־בליבן ווייטער ווינען ביי אים. מאיר איז אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג און גערעדט צו זיך עפּעס גיך, אַז מען האָט גאָרנישט גע־קענט פאַרשטיין. ביז ער איז אין אַ שיינעם טאָג אַנטשוויגן גע־וואָרן. ער איז געוויער געוואָרן אין גאַס, אַז בערנאַרד שטייט אין שידוכים און מ'רעדט אים דעם רייכן געגנשער מאַנופאַקטור־סוחרס, ר' שמחה טוכווערגערס בת־יחידה, העניע, אַ קליין, קרענקלעך־דאַר מיידל, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין זיינע העלע אָנצוגן, הויכן געשטעל און אין זיין שיין דייטש רעדן... מען האָט געוווּסט, אַז אין דער היים האָט זי געפירט מיט די עלטערן גאַנצע מחלוקתן, נישט געגעסן גאַנצע טעג, געלעגן פאַרשלאָסן ביי זיך אין שטוב, אַ פאַרוויינטע:

— אָדער בערנאַרד — האָט זי געזאָגט צו די עלטערן — אָדער קיינער נישט!... כ'וועל שוין בעסער פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ אַריין!...

מאיר האָט זיך איצט געדרייט אַרום ברודער מיט שטילע, פאַוואָליע טריטלעך — ווייכע און גלעטנדיקע, ווי אַרום אַ מסוכן־קראַנקן. פון זיין אונטערשטער, נאָכהענגענדיקער עקשן־ליפּ האָט ער אפילו מיט געוואָלט אַרויסגעפּרעסט צו אים אַ שמייכל, וואָס איז אָבער באַלד פאַרשלונגען געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון זיין שוואַרץ־פאַרקנוילטער באָרד. ביי מאירן האָט זיך געוועקט

אַ שפּרענקל האָפענונג: טאָמער וועט דער שידוך געשלאָסן ווערן, וועט ער אויך דערפון עפּעס האָבן. דאָס געשעפט גייט צוליבן קריזיס באַרג־אַראָפּ. דעם קרעדיט האָט ער נאָך אָנגעצויגן בלויז צוליב דעם, וואָס מען האָט נישט געקענט דערקענען אויף אים, וואָס ביי אים טוט זיך. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אייביקן ווײַנער, וואָס פאַרמאָגט גרודעס גאָלד, נאָר ער ווייזט עס נישט אַרויס...

III

דעם שם האָט מען בערנאַרדן נישט אומזיסט געמאַכט. דעם רייכן מאַנופאַקטור־סוחרס בת־יחידה איז אַרויפגעקומען איצט בסדר צו מאירן אין שטוב צו־גאַסט, אויסגעפּוצט אַלעמאָל אין נייע מלבושים. זי האָט געקוקט בערנאַרדן אין מויל אַריין, געצוליעט זיך צו אים אַ קליינע און אַ דאַרע, אַרויפגעבליקט צו אים הכנעהדיק מיט טרויעריק־פאַרליבטע אויגן. עס איז איר גוט געווען צו פילן זיך לעבן אים אַזאַ שוואַכע און נעבעכדיקע.

מ'האָט אָפּגערעדט דעם זמן החתונה, צעשיקט בילעטן צו משפּחה און באַקאַנטע. בערנאַרד האָט זיך קענגגעשטעלט דעם מחותן, וואָס האָט געוואָלט די חתונה פון זיין בת־יחידה פּראַווען מיט אַ ברייטער האַנט. דער חתן האָט געזאָגט גלייכגילטיק, מיט אַ העפלעך שמייכעלע:

— היינט פירט מען זיך נישט מער ווי אַמאָל... מ'דאַרף נישט דעם צוזאַמענגעלויף!...

מאיר מיטן ווייב האָבן גענומען דאָס אונטערפירעכץ. בערנאַרד האָט צו די געסט העפלעך געשמייכלט, מיט איבערגעטריבענעם דרך־ארץ זיך צו אַלע באַגריסט, בוקנדיק זיך ביז אין דער העלפט. ער איז נישט געזעסן ביים טיש, ווי ס'פירט זיך אַ חתן, זיך אַרומגעדרייט, אַלע פּרויען אַן אויסנאָם געקושט אין די הענט. זיין באַנעמען זיך, די איבערגעטריבענע העפלעכקייט איז דאָ געווען פרעמד, זיך אויסגעשיידט, און דער עולם האָט זיך מיט אים היימיש נישט געפילט. מ'האָט זיך פאַר אים געשעמט,

ווי פאר א פרעמדן און מ'האט זיך נישט געקענט פרייען ברייט, ווי ס'הארץ האט געגלוסט. ער האט נישט געקענט לײדן, ווי דער ברודער רעשט זיך אזוי, שלעפט אויף אים ארויף מיט ציטערנדיקע הענט דעם קיטל, אטעמט אויף אים הייס, ווארפט אים אראפ דעם מעלאניק פון קאפ און צעקנייטשט זיין ניעם, שווארצן סמאקינג. צו דער חופה איז ער געגאנגען שטייפלעך, געשטעלט גרויסע שפרייזן, די אונטערפירער האבן זיך אים נאכגעשלעפט איבעריק פון ביידע זייטן, שיער נישט פארלוירן געגאנגען צווישן עולם. דאס פנים זיינס האט דערביי געהאט אן אויסדרוק, גלייך אלץ וואלט אים שוין באצייטנס געווען נמאס און דערעסן. די כלה האט זיך נאכגעשלעפט נאך די אונטערפירערינס, וואס האבן זי פעסט אונטער די ארעמס אונטערגעשפארט. זי האט זיך שוואך אויף די פיס געהאלטן און געווען עפעס אזוי לויז און ווייך אין זייערע הענט, ווי די טרערן וואלטן זי צעווייקט. אין קאפ האט זיך איר שוין געדרייט פון די פיל הארבע בערד, יום־טובדיקע מעלאניקעס, אנדולירטע האר, פונם ליכט פון די שמחהדיק־צעצונדענע זשיראנדאלן, וואס האט זיך געטונקען אין די זיידענע קליידער און אין צירונג. עס האט זיך איר איינגעגעסן און מיט עקשנות געפלאנטערט עפעס אן אומעטיק־צעצויגענער ניגון פונם קליינעם מארשעליק, וואס האט זיך ארומגעדרייט אין פארפעצטן קאפל, אויפגעכאפט רייכע מחותנים און אלעמאל א פאטש געטון מיט ביידע הענט:

— כלים!... אויפגעשפילט זאל ווערן!...

העניע האט זיך געשראקן. פונקט ווי זי האט ביז איצט געהאט בלויז איין פארלאנג — צו שטיין מיט בערנארדן אונטער דער חופה — אזוי האט זי איצט געוואלט עס זאל זיך נאך פארשלעפן, עס זאל נישט געשען אזוי שנעל. דערצו האבן די פיל גרינע, אומעטיק־בלאסע ליכטלעך הייס אויף איר געאטעמט מיט צעגאסענעם חלב. אין דער לופט האבן געציטערט די איינגעהאלטענע הייסע טרערן און וונטשן. עס האט געפעלט בלויז, אז אין דער אנגעלאדענער שטילקייט זאל זיך דורכרייסן א פרויאיש געוויין, אז אלע ווייבער זאלן זיך צעכליפען אויפן קול:

— שטיל זאָל זיין, נשים!... נו... נו... נענוג... שאַ... שאַ!...

— האָט זיך געהערט אַלעמאָל אַ הייזעריק־בייז מאַנסביליש קול.

די קינדער האָבן זיך געדראַפּעט אויף די שטולן, אויף די בענק, מיט די הענטלעך זיך געריסן אָנצורירן כאָטש די חופּה־שטאַנגען, געלעגן אינגאַנצן אויפן עולם, וואָס האָט זיך ענג צו־זאַמענגעקוועטשט און אַלעמאָל זיך אַ באַוועג געטון פאָראויס, ווי אומצופאַלן. די רויטע סאַמעטענע חופּה, אָנגעזאַפּט מיט טוכלעם בית־המדרש־ריח האָט זיך שנעל געוואָרפן אַהין און צוריק, ווי אַ סוכה אין ווינט... די פלעמלעך האָבן געצאַפּלט אין אויסגעשטרעקטע הענט, הייזעריק־פייערלעך געקנאַקט...

מאירן איז אַלץ פון די הענט געפאַלן, ווי ער אַליין וואָלט צו דער חופּה געגאַנגען. פאַר דער חתונה איז געוואָרן אָפּגערעדט, אַז בערנאַרד לייגט אַריין צו אים דעם נדן און ווערט אַ שותּף צו זיין געשעפט. מאיר האָט געשלעפּט דעם ברודער אַהין און צוריק, געהייסן זיך אַלעמאָל ערגעץ אַנדערש שטעלן, אונטער־געזאָגט אים מיט אַ הייזעריק־ציטערנדיק, הייס קול דעם „הרי את", וואָס יענער האָט נאָכגעזאָגט פאַוואָליע, און שיער נישט צעטרעטן פאַר אים דאָס גלעזל, געמונטערט און אָנגעוויזן אים:

— נ־־אָ... נו!...

נאָך דער חופּה האָט אַלעמאָל אַן אַנדערע מומע, מיט רויטע אויגן פון וויינען, אַ פרעמדע, וואָס בערנאַרד האָט זי ביז איצט קיינמאָל נישט געזען, — צוגעצויגן מיט געוואַלט זיין קאָפּ צו איר צעיאַכמערט פּנים, אַז ער האָט זיך נישט געקענט אַ ריר טון, באַנעצט אים מיט הייסע טרערן און אים אונטערגערוקט צום מויל אַ האַנט צום קושן. ער האָט געקושט קאַלטע רינגלעך און בריליאַנטן...

די כלה האָט כסדר איצט מיט יראת־הכבוד און מיט גליק־לעך־פאַרוויינטע אויגן אַרויפגעקוקט צו אים. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן פאַרקוועטשט אַ טיכעלע און כסדר געווישט די אויגן. אָבער ער האָט זיך וויניק אומגעקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זי נישט געזען. זי האָט געוואָלט ציען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיך, גערעדט הויך, טיילמאָל אַרויסגעלאַכט אפילו צווישן טרערן. ער האָט זיך אויף איר שטיל אָנגעבייזערט, פאַרוואָס זי

האַלט אין איין וויינען און מאַכט זיך רויט די אויגן. פרישע טרערן האָבן איר פאַרשפּאַרט דעם האַלז.

ביים עסן האָט ער אַלצדינג אין זינען געהאַט. ער האָט זיך אַלעמאָל אויפגעשטעלט, אַריינגעמישט זיך צום מחותן, זיך גע־דונגען פאַר אים מיט די קלעזמער, מיטן מאַרשעליק. ער האָט פאַרגעסן אין זיין דייטש און גערעדט צו זיי מיט אַ מורמל און אַזוי שטיל און נישט דייטלעך, מען זאָל אים נישט קענען האַלטן ביים וואָרט. אַלעמאָל האָט ער אָוועקגערופן דעם מחותן און זיך עפּעס מיט אים געסודעט. העניע האָט זיך מער נישט געקענט צוקוקן דערצו, פאַרשטעלט מיטן ווייסן שלייער ס׳פּנים, געלאָזט פריי די טרערן. די מאַמע האָט זיך צו איר צוגעשאַרט, אַרויפ־געלייגט די האַנט אויף איר קאָפּ, אָוועקגעמאַכט דעם שלייער און זי געטרייסט:

— באַרואיק דיך, קינד מיינס... אַלע מוזן מיר דאָס איינ־מאָל אין לעבן איבערקומען!... באַרואיק דיך, טאָכטער...

העניע האָט געזען פאַר זיך די מאַמע אַזאַ יום־טובדיקע און אַזאַ צעשטראַלטע, נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי רעדט צו איר. זי האָט באַמערקט פאַר זיך דעם בלאַנקנדיק־ווייס־געדעקטן טיש, די מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרטון געבויגן איבער די מאכלים און אַלץ איז איר אויסגעקומען עפּעס אַזוי ווייט... די חברטאָרין אירע, דאָס רירעוודיק־פלינקע מיידל מיט די רויט־צעפלאַמטע באַקן, וואָס האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ באַנק און געלייענט די חתונה־דעפּעשן, איז איר אויסגעקומען פרעמד. זי האָט נישט געקענט ליידן, ווי זי מישט בריהש־שנעל די דע־פּעשן אין אירע פלינקע הענטלעך און לייענט פון קאָפּ פאַרשי־דענע חתונה־ווינטשעכצער, כדי ס׳זאָל זיין וואָס מער. די מאַמען האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ נישט באַנומען, וואָס זי רעדט צו איר. אָבער ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן פאַרשטיין. עס האָט איר בלויז געחידושט, וואָס די מאַמע זעט גאָרנישט. אַן אייגענע מאַמע און קען זי נישט פאַרשטיין...

טז

פונקט ווי ר׳ מאיר האָט פריער געוואָלט, אַז דער ברודער זאָל אַ שותּף ווערן צו זיין געשעפט און ער האָט אַלץ געטון אין דער וועלט, כּדי דאָס אויסצופירן, אַזוי האָט אים איצט גענומען פּלוצים באַנג טון דאָס גאַנצע עסק. ער האָט נישט געקענט ליידן, אַז עמיצער זאָל מיטאַמאָל ווערן אַ גלייכער שותּף צו זיין האָב־און־גוטס, וואָס ער האָט במשך פון לאַנגע יאָרן געזאַמלט, און באַלעבאַטעווען דערין, ווי אין זיין אייגנס. זינט דער ברודער איז צו אים אַ שותּף געוואָרן, האָט ער זיך פאַרקלערט אַרומגעדרייט, אומגעריכט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, צענומען ברייט די הענט, ווי ער וואָלט זיך אַליין אַ קשיא געפרעגט און אויפאַמאָל גענומען רעדן צו זיך אומפאַרשטענדלעכע רייד, אַז מ׳איז געבליבן שטיין דערשראָקן. ס׳האָט זיך אים כּסדר נאָר געדאַכט, אַז מען מאַכט פון אים חוזק הינטער די אויגן.

ווען מ׳האָט געענדערט די גרויסע שילד, וואָס הענגט איבערן טויער, האָט ער זיך אַזוי פאַררוקט אין געוועלב צווישן די פיל שענקלעך און שאַכטלען סחורה, אַז מען האָט אים אינגאַנצן נישט אַרויסגעזען. בעת דער מאָלער האָט ביי דער שילד געאַרבעט, האָט ער זיך נישט געמאַכט זען. ער איז געלאָפן פאַרטון אַהין און צוריק. פון צייט־צו־צייט האָט ער בלויז, מיט איין אויג, געכאַפּט זייטיק אַ קוק צו דער שילד, וואָס איז אין הויף אויסגעצויגן געלעגן, ווי אַ בר־מינן... ער האָט געזען, ווי מען מעקט דאָרט אויס דעם נאָמען זיינעם „מאיר" און מען מאָלט עפּעס אַנדעריש אויף. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מיטן אויסמעקן זיין נאָמען, שטרייכט מען אים אויס אינגאַנצן. אַז ער איז איצט דאָס הויז פאַרביי געגאַנגען, האָט ער גיך אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ פון דער שילד, ווי פון אַ שרץ...

אָבער דאָס איז געווען בלויז דער אָנהויב. דער ברודער האָט זיך ערשט גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אַ טבע געהאַט איצט צו רעדן צו אים סודותדיק, אַוועקגערופן אים אַלעמאָל אין אַ זייט און צו שעפּטשען אים אויפן אויער. גערעדט האָט ער מיט אַ מורמל, און אַזוי שטיל און נישט דייטלעך, מיט אַ סך

דייטשע ווערטער, אַז מען זאָל אים נישט קענען האַלטן ביים וואָרט. דעם „יאָ" אָדער „ניין" האָט ער אַזוי גיך אַריינגעשלונגען אין זיך, אַז מען האָט בשום־אופן נישט געקענט וויסן, וואָס ער מיינט. אַזוי שטילערהייט האָט ער אַלץ אויסגעפירט ביי מאירן. מאיר האָט גערעדט צו זיך:

— ער מיינט, אַז כ'בין זיין סמאַרקעוואַטע יינגעלע!... כ'וועל מיך לאָזן פון אים פירן ביי דער נאָז!... ער גייט מיט מיר „זשאָנדזשען"!... כ'געדענק נאָך, ווי כ'האָב אים געקאָרמעט, דעם וואָרעם!...

דער ברודער האָט צוגענומען אַ בוכהאַלטער. דאָס איז געווען אַ הויכער יונגערמאַן, מיט אַ בלייך דערשראָקן בערדל אויף אַ זייט פאַרבויגן, ווי ס'וואָלט זיך געריסן צו אַנטלויפן. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ קאַפּל, אַזוי ממזריש פאַרגראָבן אין די האָר, אַז מען האָט געקענט מיינען, ער זיצט אין בלויזן קאָפּ. ווען ר' מאיר האָט דעם בוכהאַלטער דאָס ערשטע מאָל ביי דער אַרבעט געטראָפן, איז ער צו אים גלייך צוגעגאַנגען, גאָר־נישט געזאָגט, נאָר באַקוקט פון אַלע זייטן, ווי עפּעס אַ געקויפטע זאַך. דערנאָך האָט ער ביי אים פּלוצים אַפּגעשלעפּט דאָס בוך, וווּ ער האָט געהאַלטן עפּעס אין פאַרשרייבן. ער האָט זיך גע־מאַכט אַריינקוקן אינעווייניק, שטאַרק זיך דערין פאַרטון. פּלוצים האָט ער האַסטיק אַוועקגעלייגט דאָס בוך צוריק אויפן אָרט און געפרעגט דעם בוכהאַלטער, וואָס ער טוט דאָ. דער יונגערמאַן איז געבליבן דערשראָקן, נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. נאָר ר' מאיר האָט אים איצט פאַרשיט מיט פאַרשידענע קשיות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום צוזאַמענהאַנג, נישט אויסגעהערט אפילו דעם ענטפער. ר' מאיר האָט אים באַלד געזאָגט „דו":

— ווו ווינסטו?... ס'איז ווייט פון דאַנען?... ביכט אַ הי־גער?... — האָט ער אים געהאַלטן אין איין אויספרעגן.

איידער דער בוכהאַלטער האָט אים עפּעס געענטפערט, האָט ער שוין ווייטער געפרעגט:

— ווו האָסטו געלערנט?... ווען ביסטו קיין וואַרשע גע־קומען?...

אין זאַך האָט ער געקענט איבערפרעגן אַ פּאָר מאָל, פאַר־

געסן, וואָס ער האָט פריער געזאָגט. אָבער ווען דער בוכהאַלטער האָט אים דערקלערט מיט זיין איידל, שטיל קול, וואָס האָט זיך אַזוי סאַמעטן־ווייך געגליטשט, אַז ער איז אַ טאַטע פון צוויי קינדער, האָט זיך מאיר מיטאַמאָל אויפגעהערט וויטער צו פרעגן. דערצו האָט אים דאָס איידעלע, שטילע קול, וואָס האָט זיך אַזוי ווייך געגליטשט און דעם בוכהאַלטערס רואיקייט דערביי, שוין אינגאַנצן אַרויסגעברענגט פון די כלים, ווי מען וואָלט אים רואיק און געלאַסן שפּילקעס אין זיין לייב אַריינגעשטאָכן. ער האָט באַלד אויסגעשאָסן אויפן אָרט:

— כ'האָב געמיינט, אַז דו ביסט נאָך אַ קאַוואַלער!... וואָלט כאָטש געווען אַ האַלבע צרה!... אַזוי וועל איך דאַרפן שפּייזן אַ „דאַרמאָזיאַדניק" מיט צוויי קינדער!...

ער האָט בטבע פיינט בוכהאַלטאָרן און די פאַרשידענע שרייבערלעך דאָרט, ווייל ער האַלט זיי פאַר „דאַרמאָזיאַדניקעס". אַ בעל־מלאכה איז עפּעס אַנדערש. „אַ שטיקל אַרבעט", צי מען „וויקינטשעט" עס אים אין שטוב, צי ער גיט עס אַרויס, זעט ער שטענדיק, אַז מען האָט דערביי געאַרבעט. ער זעט עס מיט די אויגן, פילט עס מיט דער נאָז, קען עס אָנטאַפּן מיט די הענט. האָט ער ליב צו באַצאָלן דערפאַר. ער איז אויך אין די אַמאָליקע יאָרן געווען אַ בעל־מלאכה. אָבער אַ בוכהאַלטער איז אַן אומזיסטע הוצאה. נישט דו ווייסט, וואָס ער שרייבט, נישט דו קענסט אים אָנכאַפּן ביי דער האַנט און ווייזן, אַז ער טוט גאָרנישט גאַנצע טעג.

ר' מאיר האָט קוים געקענט שרייבן. ער קען זיך אָן דעם אינגאַנצן באַגיין. אַלץ געדענקט ער פון אויסנווייניק. דאָס גאַנצע געשעפט האָט ער אויפן קאָפּ. ביז נישט לאַנג צוריק האָט ער אָנשטאָט אַן אונטערשריפט געמאַכט אַ ציטערנדיק רינגעלע. היינט, אַז עס קומט אים אויס זיך אונטערצושרייבן, נעמט ער פּאַוואָליע אַרויס די בריל, באַקוקט זי זייטיק קעגן ליכט. אויף זיין גרויסער בלוי־פּליישיקער נאָז זיצט די בריל אי ביידזלעך פרעמד, אי חשיבותדיק־באַלעבאַטיש. אונטערגעחתמעט, האָט ער זיך שטענדיק שטאָלץ אויסגעגלייכט און אָפּגערוקט פון טיש, ווי ברוגז.

ר׳ מאיר האָט פיינט געהאַט געשריבענע חשבונות. אַז אַ „משרת״ האָט אַ חשבון געמאַכט, האָט ער זיך אָנגערופן שטענדיק מיט אַ געלעכטערל:

— יונגערמאַן, האָרעווע נישט אַזוי שווער!... כע־כע־כע... דו וועסט זיך נאָך חלילה איבעראַרבעטן!... ביז דו האָסט זיך אויסגעקראַצט, האָב איך שוין דעם חשבון געמאַכט אויפן קאָפּ!... כע־כע־כע...

ער האָט עס געזאָגט הויך, אַז אַלע זאָלן אין געשעפט הערן. דערביי האָט ער אָנגעטון די ברילן, וואָס האָבן אים צוגעגעבן מער חשיבות, ווי זיי וואָלטן אים נויטיק געווען צו באַרעכענען דעם חשבון אויפן קאָפּ.

דער בוכהאַלטער איז געזעסן אין אַ קליין שטיבל. אייביק איז ער געווען איינגעגראָבן אין די גרויסע ביכער. דאָס קליינע קעפּל האָט זיך פאַרלוירן צווישן די בלאַנקנדיק־ווייסע, גרויסע בלעטער, איינזייטיק געלעגן, פאַרגליווערט און אָן באַוועגונג, ווי ס׳וואָלט געשלאָפן. פון שטיבל האָט זיך קיינמאָל קיין שאָרך נישט געטראָגן. אָבער ר׳ מאיר האָט בפירוש געהערט, ווי ער סקראָבעט דאָרט מיט דער פעדער. דאָס סקראָבען, וואָס האָט אים אומזיסט געקאָסט זיין פּראַצע, איז אים אַרומגעקראָכן איבערן לייב, ווי מוראַשקעס. ס׳האָט אים אַמאָל אַזוי צענומען, אַז ער האָט אומגעריכט אַ פּראַל אויף געטון די טיר צום בוכהאַלטער, אַז יענער איז געבליבן זיצן אַ דערשראָקענער, גיך געפינטלט מיט זיינע שלעפעריק־רויטע אייגעלעך:

— כ׳בעט דיך, יונגערמאַן! — האָט ער מיט כעס געציילט די ווערטער — ס׳זענען דאָ עפּעס אַ סך אַזעלכע נאַראָנים, ווי איך, וואָס זאָלן וואַרפן דאָס געלט אין דער בלאָטע אַריין?!...

ער איז גיך אַרויסגעלאָפן פון צימער. ער וואָלט אין בוכהאַלטער פאַרגעסן, האָט אָבער דער ברודער צוגענומען אַ קאַסירער. לאחר־המעשה האָט ער עס אים דערציילט. ווי זיין שטייגער איז געווען אָוועקגערופן אים אין אַ ווינקל און עס אים געזאָגט.

דאָס גאַנצע געלט איז ר׳ מאיר געוווינט געווען אַליין צו האַלטן אין דער קעשענע פון זיינע געשטרייפטע הויזן, וואָס ער

האָט פאַרן שלאָפן גיין איינגעוויקלט אין אַ קנויל און, קיינער זאָל נישט זען, פאַררוקט זיך צוקאָפּנס. ער האָט זיך אַ טאָפּלטע הויזן־קעשענע געלאָזט אַריינמאַכן, זי זאָל זיך נישט צערייסן פון דער שווערער, אָפּשטייענדיקער משא. אַ וועקסל האָט ער שטענדיק געצאָלט אין דער לעצטער רגע, ליב געהאַט, ס'זאָל אים נאָך וואַרעמען דאָס פרעמדע געלט. פונקט אַזוי האָט ער זיך געפירט מיט די שטייערן. ער האָט שטענדיק געמיינט, אַז ס'וועט געשען עפּעס אַ נס און ס'וועט אים דאָס צאָלן מיידן. „זיי" וועלן אים פאַרגעסן. אָבער „זיי" האָבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן און ווען ס'איז געקומען דאָס געלט אַרויסצונעמען, זענען זיינע אויגן געוואָרן גרויס און צעשוואומען, געקוקט אַרום זיך מיט געבעט, ווי ביי אַ הילפלאָז קינד. ער האָט געזאָגט:

— אַז כ'על מיך אַזוי איילן מיט דער קעשענע, וועלן „זיי" נאָך מיינען, אַז ביי מיר שאַרט מען גאָלד מיט די הענט!... דאָס אַנדערע מאָל וועלן זיי מיר שטעלן טאָפּלט!...

ביי די „משרתים" האָט ער דאָס געלייזטע געלט באַלד צו־געכאַפּט. ער האָט געפרעגט דעם „משרת", צי די סחורה איז שוין באַרעכנט, צוגענומען ביים קונה דאָס געלט און אַריינגע־לייגט צו זיך.

ר' מאיר האָט איצט דאָס געלט בשום־אופן נישט געוואָלט אָפּגעבן דעם קאַסירער, געזעצט מיטביידע פויסטן אין טיש, געשפּרונגען קעגן ברודער, וואָס איז רואיק געשטאַנען, ווי אים וואָלט די גאַנצע זאַך גאָרנישט געאַרט. ר' מאיר האָט געשריגן:

— ער וועט מיך צווינגען, כ'זאָל דאָס געלט עפּעס אַ פרעמדן געטרויען?... — איז ער אַלעמאָל מער צערייצט געוואָרן צוליבן ברודערס קאַלטבלוטיקייט און אָנגעוויזן אויפן קאַסירער — אַ פייג וועל'ך דאָס געלט עפּעס אַ „גאָלעבראָדניק" אָוועקגעבן!... אַ פענטאַק, וואָס האָט נישט זיין אייגנס אַ צווייער!... מען זאָל מיך אפילו דאָ אויפן אָרט צעשניידן!...

ער האָט זיך מיט ביידע הענט געקלאַמערט אין טיש מיט אַזאַ כוח, גלייך דער טיש וואָלט געווען זיין לעצט פאַרמעגן, וואָס מען וויל איצט אויך מיט געוואַלט ביי אים אַרויסרייסן. מיט ציטערנדיקע פינגער, וואָס האָבן נישט געקענט צוטרעפן צו די

קנעפּלעך, האָט ער אויפגעריסן דאָס וועסטל און אויסגעשטרעקט צום ברודער דעם האַלז, וואָס האָט צווישן דער באָרד־געדיכ־טעניש פּלוצים אַ בלענד געטון מיט פולכנער ווייַבערישער ווייס־קייט:

— נאַ, נעם אַ מעסער און שעכט מיך! — האָט ער גע־שריגן, אַז בלוילעך־שוואַרצע אָדערן זענען אים אויפן שטערן אויפגעלאָפן, ווי פּיאַווקעס. מיט ביידע פויסטן אויפאַמאָל האָט ער זיך געקלאַפּט אין האַרץ:

— דער פּאַכמאַן בין איך, נישט דו!... הערסט?... דרך־ארץ פאַר מיר!...

ער איז גיך צוגעלאָפן צום קאַסירער, געשטופּט אים מיט ביידע הענט, זיך געבעטן ביי אים:

— וואָס האָט׳ר צו מיר? — האָט ער זיך געבעטן — ר׳ווילט אַרבעט?... כ׳האָב נישט קיין אַרבעט!... פעלט יידן אויף די נאַלעווקעס? גייט צו זיי, וועלן זיי אייך געבן אַרבעט!... נאָר מיך לאָזט צורו... כ׳האָב גענוג אויף מיין קאָפּ אָן אייך!... כ׳מוז אויסהאַלטן אַ ווייב... קינדער... משרתים... אַ בוכהאַלטער און אַ שותף!...

V

אינמיטן דער נאַכט האָט זיך העניע מיטאַמאָל אויפגעזעצט אויף איר געלעגער, אַ וואַכע, אָן אויסגעניכטערטע, מיט אַ קלאָרן קאָפּ, ווי בייטאָג. נאָך אין שלאָף האָט זי געפילט, ווי עס פּייניקט זי עפּעס, נאָגט איינגעגעסן און שווער, רייסט ביי איר די אויגן אויף. זי איז געווען זיכער, אַז ס׳איז שוין טאָג, אָבער די לבנה האָט זיך גרין געזילבערט אויף די שויבן. פון גאַס האָבן זיך דער־הערט שפּעטנאַכטיקע טריט, צו־הויכע און שרייאיק־אייליקע, ווי געיאָגט פון עמיצן, און מיטאַמאָל איז צוריק געוואָרן שטיל. לאַנג האָט זי זיך איינגעקוקט אין דעם קינדס פּנימל, וואָס האָט איצט אויסגעזען קרענקלעך און בלאַס. די ציטעריק־בלייכע לבנה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק אויף דער וואַנט און פּי־

בערדיק געצוקט. די שפּעטנאַכטיקע טריט האָבן זיך פּלוצים צוריק אויפגעכאַפּט, נאָך שרייאיקער און איילִיקער, ווי פריער.

העניע האָט געפילט, אַז די היינטיקע נאַכט נאָך מוז עפּעס געשען, לענגער וואַרטן קען זי שוין נישט. באַלד נאָך דער חתונה, ווען בערנאַרד איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַ פאַבריק, איז איר אויפּאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט זי קיינמאָל נישט ליב געהאַט. זי האָט עס געזען אין זיין אַרומדרייען זיך, מעשה־באַלעבאָס, פול גדלות, אין פאַבריק, אין שאַפן מיט די אַרבעטער. זיין באַציאונג צו איר האָט זיך אויף אַ האָר נישט פאַרענדערט זינט דער חתונה אָן — פאַרקערט, ער האָט איר נאָך אַרויסגעוויזן מער וואַרעמקייט. ער איז געוואָרן געזעצט און ליטיש. — צופיל געזעצט און צופיל ליטיש. אין אַלץ האָט ער זי געפאָלגט, אין גאָרנישט זיך אַקייגנגעשטעלט. אָבער זי האָט געפילט, אַז דער קאָפּ איז אים ערגעץ אַנדערש. טאַקע אין דער גרויסער צוגעבונדנקייט צו איר און צו דער שטוב האָט זי אַרויסגעפילט זיין קעלט, די פרעמדקייט צו אַלץ. ער קומט אַהיים שטענדיק אין דער צייט, עסט מיט איר ביי איין טיש, שלאָפט מיט איר אין איין שטוב און דאָך איז ער נישט אירער, ער איז אינגאַנצן אַ פרעמדער...

נישט איינמאָל איז זי געקומען צולויפן צו דער מאַמען און געזאָגט, אַז בערנאַרד איז נישט פאַר איר, אינגאַנצן אַנדערש האָט זי זיך אים פאַר דער חתונה פאָרגעשטעלט. עס האָט געשמעקט פון אים מיט פרעמדע, ווייטע שטעט, מיט דער גרויסער און ברייטער וועלט, היינט זיצט ער גאַנצע טעג אין פאַבריק. די מאַמע איז באַלד געלאָפן דערציילן דעם טאַטן פון דער בראָך, וואָס האָט זי געטראָפן. דער פאָטער — אַ ייִד, וואָס איילט זיך נישט און האָט פיינט צו הערן דאָס, וואָס טויג אים נישט — האָט בשום־אופן נישט באַנומען, וואָס די יידענע זיינע רעדט צו אים. די מאַמע האָט לאַנג געמוזט אין אים אַריינשרייען און אים מונטערן, ווי אַ טויבן, ביז ער האָט אַרויסגעפּרעסט פון זיך די־אָ־דאָזיקע פאַר ווערטער:

— פייגעלעך אין דער לופטן וועט זי שוין באַלד אויסקלערן!... מנע... ווייסעך וואָס!...

העניע האָט זיך פאַרקלאַפּט אין אַ באַזונדערער שטוב און לאַנג געוויינט. דעם פאָטערס ווערטער זענען כסדר פאַר איר גע־שטאַנען נאַקעט און הויל און זי האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי צוריקצוגיין וווינען מיטן מאַן.

אין פאַבריק, ווו זי איז געקומען, אויסגעפּוצט אין די שענ־סטע מלבושים, אַ קליינע, אַ דאַרע, מיט אַן איידעלער מפונק־נאָז, האָט זי געהערט, ווי מען שושקעט זיך:

— דער מאַן באַהאַנדלט זי, ווי די ערגסטע!... דאָס ווייבל „קוואַרט" איין פון טאָג צו טאָג!...

עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער מאַן קוקט אויף די מיידלעך אין פאַבריק, אַז ער קוקט אויף חנהן, אַ פולער מויד, מיט אַנטבלויזטע אָרעמס און אַ ווייסן ווייבערישן האַלז. חנה זינגט צוליב אים לידער וועגן אַוועקגעוואָרפענע כלות. אירע אויגן רייצן זיך מיט איר מיט אַ קוים־אַנזעעוודיק פייערל. ביידע ווייבער פילן שוין צו זיך אַ שנאה. אַז חנה דערזעט די באַלע־באָסטע, אַנטבלויזט זי נאָך מער אירע דיקע אָרעמס, דעם ווייסן ווייבערישן האַלז, און העניע גראָבט זיך איין מיט אַ נישט־פאַרגינעריש בליק פון אירע גרויסע טרויעריקע אויגן אין די פולע אברים, וואָס קוועלן פריילעך אַרויס פונם פאַרשטויבטן אַרבעטס־קליידל, רייצן זיך מיט איר מיט זייער קיילעכדיקייט און געזונטקייט. זי האָט זיך שוין אפילו שטיל און באַהאַלטן אָנגערופן צום מאַן, באשר חנה האָט זיך אין זין מער צו סטראָ־יען, ווי צו אַרבעטן:

— די מויד קריכט דיר שוין אויפן קאָפּ!... — האָט זי שטיל געזאָגט — זי סטראָיעט זיך בסדר אין שמאַטקעס, ווי עפּעס אַ משוגענע!...

דער מאַן האָט זי מיט חידוש אָנגעקוקט און געענטפערט, אַז די מויד קריכט אים נישט אויפן קאָפּ און ער ווייסט נישט, וואָס זי, העניע, וויל.

העניע האָט זיך דערפילט מיטאַמאָל נאַריש, אירע השערות זענען זיך פלוצים צעשוווּמען. מער האָט זי גאָרנישט געזאָגט.

אבער ווי נאָר דער מאַן האָט זיך דערוווּסט פֿון איר, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ כעס. הלמאַי זי האָט זיך אַזוי גיך געלאָזט באַרואיקן. ער האָט זיך נישט געפּרוּווט אפילו פֿאַרענטפֿערן פֿאַר איר!... אבי זי האָט געמיינט, אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט פּוסטע מעשׂיות און ער ווייסט נישט פֿון קיין שום בייז. וואָלט ער כאָטש געזוכט עפּעס אַ תּירוץ... אירע השערות האָבן זיך צוריק באַהאַפֿטן, זיך געשטעלט האַרט פֿאַר איר און נישט אָפּגעלאָזט.

און דאָס קינד, וואָס געראָט אינגאַנצן אין איר אַריין, פּיעשטשעט ער אבי אָפּצוקומען. מען האָט אויפֿן קינד געזאָגט:

— די מאַמע אויסן אויג... ווי מען ציט אַראָפּ די הויט... כאָטש־טאָטש די מאַמע!...

דאָס יינגעלע איז געוואַקסן בלאַס און דאַר. וואָס עלטער עס איז געוואָרן, אַלץ מער האָט עס זיך געריסן צום טאַטן, זיך כּסדר געפּלאָנטערט אַרום זיינע לאַנגע געזונטע פֿיס, זיך צוגעדריקט צו זיי און געריבן, ווי אַ קעצל. עס האָט ליב געהאַט צו רייטן אויף דעם טאַטנס געזונטע אַקסלען, אַרומצונעמען מיט די שוואַכע קינדערישע הענטלעך זיין שטאַרקן, גלייכן קאַרק.

אָבער דער פֿאָטער האָט זיך לאַנג מיטן קינד נישט אָפּגעגעבן. שטענדיק, ווען ער איז אַהיימגעקומען און דאָס קינד איז צו אים מיט גרויס גדולה צוגעפֿאַלן, זיך אויסגעבענקט געטולעט און געוויקלט אַרום זיינע לאַנגע, געזונטע פֿיס און אַרויסגעשריפֿט צו אים דאָס דינע מיילעכל, האָט ער עס אַ קוש געטון אבי אָפּצוקומען.

גאַנצע טעג האָט זיך העניע געשפּילט מיטן קינד, אַלעמאָל אַ כאַפּ געטון צו זיך אויפֿן אַקסל, געטראָגן עס פּונקט ווי דער טאַטע, נאָר דאָס קינד האָט זיך נישט געפֿרייט. האָט זי עס אַראָפּגעשטעלט אויף דער ערד און אויסגעטראַכט אַנדערע שפּילן. גיך און פֿליק, ווי אַ קליין מיידעלע, האָט זי זיך פֿאַרשטופּט הינטער דער שאַפֿע, אונטער די בעטן. זי האָט הויך געקוויטשעט און געלאַכט, משונהדיקע העוויות געמאַכט אין שפּיגל, געקרומט נאַריש דאָס פּנים, אויפֿגעבלאָזן הויך די באַקן, ביז צום

פלאַצן. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, זיך געוואַלגערט און געקראָכן אויף אַלע פיר, ווי אַ חיהלע, נאָכגעמאַכט אַ קאַץ און געבילט, ווי אַ הונט. אָבער דאָס קינד איז פאַוואָליע און נישט־ניחאדיק איר נאָכגעגאַנגען און זיך גלייכגילטיק צו איר צוגעקוקט. זי האָט עס אַמאָל אַ כאַפ געטון צו זיך אויף די אַקסלען און, אַ פאַרפלאַמטע, איז זי דערמיט אַזוי שנעל איבער דער שטוב געלאָפן, אַז די האָר האָבן זיך איר ווילד צעשויבערט און געשמיסן אין פנים. די שאַפע האָט זיך פלוצים נידעריק אַ בייג געטון, ווי צום אומפאַלן, דער זשיראַנדאָל האָט זיך האַסטיק צעוויגט, זיך מיטאַמאָל אַראָפגעלאָזט צו דער ערד און די שטוב האָט זיך געשטעלט אין דער קרום, ווי זי וואָלט געזונקען אין אַ תהום...

העניע האָט דערפילט צו זיך אַליין אַ שנאה. טיף איינגעגראָבן איז זי געלעגן אין בעטגעוואַנט. איר דינער אַקסל האָט שטיל אַריינגעוויינט אין קישן, וואָס איז געווען נאַס און געפּאַרעט פון היץ. עס האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ באַגער אַראָפּצורייסן פון מאַן די קאָלדרע און ווילד אַריינשרייען אים אין פנים, ער זאָל נישט שלאָפן, ווען זי איז אויף. זי האָט שוין געזען זיין נאַרישלעך־פאַרחידושט פנים. נאָך קיינמאָל האָט זי נישט געפילט אַזוי שטאַרק, אַז עס ליגט לעבן איר אַ ווילד־פרעמדער מענטש. זי וועט אַוועק! און האַסטיק האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון געלעגער, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די קליידער און גענומען אין געאייל אָנטון דאָס קינד. שטייענדיקערהייט איז עס ווייטער געשלאָפן, אָנגעלענט דאָס קעפל אויף דער מאַמען, אַלעמאָל מיטן גאַנצן גופל אַרויפגעפאַלן אויף איר. אין שלאָף האָט עס זיך אַלץ שטאַרקער געטוליעט צו איר און פלוצים מיט די הענטלעך אַרומגעהאַלזט זי מיט אַזאַ כוח, ווי עס וואָלט איר פאַרווערט זיך צו רירן פון אָרט. פאַוואָליע האָט זי געפּרוווט אַוועקנעמען די אויסגעוואַרעמטע הענטלעך פון איר האַלז, אָבער עס איז נישט געגאַנגען. זי איז פאַרבליבן אין קינדס אָרעמס, זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טון. בלויז איר דינער אַקסל האָט נאָך לאַנג און שטיל געוויינט. די לבנה האָט פאַרנומען דאָס זילבער פונם פענסטער און עס האָט אָנגעהויבן צו גרויען...

VI

ביי דער פירמע „ברידער ליפעראַנט" ברענען העל די לאָמפּן. דער ווינט אָטעמט אַריין דורך די פענסטער דעם זייסלעך־שאַרפן ריח פון צעעפנט־וואַרעמער ערד, פון רויע בליטן און לייכט־פאַרהויכטן פרילינדיקן הימל. עס שמעקט מיט פסחדיקן ראָזשינקע־וויין, מיט סחורות, ערשט־אַפיר פון בעל־מלאכהס פרעס, מיט פאַרדומפּטן שטרוי און פעדערן, וואָס פליען אַרום פון אויסגעקלאַפּטן בעטגעוואַנט. אין פאַבריק קלאַפּן די מאַשינען, ס'איז אינמיטן ברען. נאָר ר' מאיר הערט נישט און פילט גאָרנישט. ער איז פאַרנומען מיט גאָר עפּעס אַנדערש:

פון כמה־וכמה יאָרן האָט זיך ר' מאיר נוהג געווען, אַז די סחורה האָט ער געהאַלטן, חוץ אין געוועלב, אין דער ברייטער שאַפע אין שטוב, אין די נאַכט־שענקלעך און אין קרעכצנדיקן, שווערן קרעדענץ. צומליבסטן אָבער האָט ער פאַרשטופּט די סחורה אין די בעטן אין דער שלאָף־שטוב. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אָנגעלאָדנט די בעטן, אַז זיי האָבן געסקריפּעט און זיך געוויגט אויף די פיס. פאַוואָליע און מיושבדיק האָט ער אויפגעצויגן די פליושן־רויטע דעקעס מיט די קאָליריקע קווייטן איבער דער סחורה, פאַרדעקט די נאַקעטע ערטער. דערנאָך האָט ער זיך פון ווייטנס אַוועקגעשטעלט און זייטיק, מיט איין אויג, ווי אַ הון, אַריבערגעקוקט צו די בעטן, צי מען דערקענט נישט, וואָס אינעווייניק ליגט. אָבער היינט, אַז ער באַהאַלט בלויז אויף זיינע אַמאָליקע ערטער אַ פּאָר שטיקלעך סחורה, שלעפּט זיי באַלד דער ברודער אַפיר און לייגט זיי צוריק אין געוועלב אַריין. ר' מאיר טראָגט זיי אויף זיינע ערטער צוריק, נאָר באַלד פאַר־שווינדן זיי ווידער פון דאָרטן.

ר' מאיר קען נישט ליידן, וואָס עס ברענען זיך אַזוי העל די לאָמפּן אין געוועלב. ער לעשט אַלעמאָל אויס אַ לעמפּל, אָבער אַז ער דרייט זיך אויס, ברענט עס שוין צוריק.

— וואָס איז אויף דיר די גדולה?... — שרייט ער צום ברודער — ס'רייסט צופיל די אויגן, זאָג'ך דיר!... מען וועט דיר שוין אַריינצימבלען אַן „אָבראָטל", אַז דו וועסט דיך האָבן צו

באַלעקן!... איך וועל פֿאַר דיר נישט צאָלן!... און קיין פֿרישע קונים וועסטו מיט די לאָמפּן דיינע נישט ברענגען!... קלאַפּ דיר אַרויס דיין אויסלאַנד פֿון קאָפּ!...

אָבער בערנאַרד האָט נישט געהערט דעם ברודער, געלאָזט אויסמאָלן מיט אַ שרייענדיקער פֿאַרב די טירן, געהייסן אַריינ־מאַכן ווייס־בליאַנקנדיקע קליאַמקעס, אַז מען האָט זיך געקענט שפּיגלען אין זיי. ר׳ מאיר האָט געטענהט:

— „זיי" האָבן אונדז אַליין שוין גוט אויפֿן זכרון!... וואָס־זשע דאַרפֿן מיר זיך נאָך שטופּן „זיי" אין די אויגן אַריין!... אין אַ מייזן־לאָך דאַרף מען זיך באַהאַלטן, מען זאָל אונדז אין־גאַנצן נישט אַרויסזען!...

ער האָט זיך געווענדט צום ברודער:

— אָבער וואָס קענסטו פֿאַרשטיין דערפֿון?... דו האָסט דען אַ יידישע נשמה אין זיך?... וואָס גייט עס דיך אָן, אַז איך גיי אויס פֿון טאָג צו טאָג?...

ווען ער האָט גערעדט וועגן געשעפֿט אין זיין נאָמען, איז אַ סימן געווען, אַז ס׳גייט גוט; אַז די געשעפֿטן זענען שלעכט אַוועק, האָט ער שטענדיק גערעדט אין ברודערס נאָמען:

— בערנאַרד — האָט ער געזאָגט דעמאָלט שטיל און גלייכ־גילטיק — לייזט היינט שוואַך! אַז ער׳ לייזט לאָ־עלינו גאָר נישט!...

ער האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן דעם ברודערס פֿאַרשלונ־גענע דייטש רעדן, וואָס קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען. בערנאַרד האָט נאָך אַלץ גערעדט דייטש, מען זאָל אים אָפּגעבן מער דרך־ארץ און כבוד. ווען ער איז געקומען אינדערפֿרי אין פֿאַבריק, האָט ער הויך אַרויסגעזונגען דעם „גוט־מאָרגן". די אַרבעטער האָט ער „געאירצט", צו דעם שיק־יינגל אפֿילו גע־זאָגט „זי", אַז מאיר האָט געלאַכט פֿון אים אין די פֿויסטן. אַלע אַרבעטער האָט ער געדענקט אָנצורופֿן ביים נאָמען און פֿאַמיליע־נאָמען. און פֿרעגט מאירן בחרם, ווי זיי הייסן דאָרט, די אַרבעטאָ־רער זיינע. ער האָט נישט געדענקט אפֿילו, אַז דער הויפּט־„משרת" זיינער, וואָס איז געווען ביי אים שוין יאָרן, הייסט וואָלף. דעם שלייפֿער האָט ער גערופֿן מיט הונדערטער נעמען. דער שלייפֿער

— אַן ערנסטער, בכבודיקער ייד — האָט זיך אָבער נישט געלאָזט, אַ גלעט געטון זיך איבער דער ברייטער באַלעבאַטישער באָרד און אַ ברום געטון באַליידיקט מיט זיין בייז קול:

— כ'היים אהרן, היים'ך!... נישט יעקל!...

— וואָס איז אַ חילוק, צי יעקל, צי אהרן?... דאָס איז אַ נאָמען און דאָס איז אַ נאָמען!... — האָט ר' מאיר נארישלעך געשמייכלט, אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער ווייטער פאַרגעסן און אים גערופן:

— ר' איטשע, זייט אַזוי גוט...

הינטער די אויגן האָט ער וועגן אים געזאָגט:

— אַ שטאָלצער קבצן... אַ האָנאָראָווע פּענטאַק!...

אַז בערנאַרד האָט צו די מאַשינען געלאָזט אַריינשטעלן מאָטאָרן, האָט ר' מאיר געטענהט, אַז ער האָט אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט אין דער בלאָטע אַריין. ער האָט זיך געקלאַפּט מיט ביידע פויסטן אין האַרץ:

— ס'קאָסט מיך בלויז, מיין עלעקטרי!... מיין בלוט!... די מאָטאָרן קלאַפּן אַ גאַנצן טאָג אין קאָפּ, אַז כ'ווער דול!... און פאַר די אַרבעטאָרער איז עס אַ „זאַבאַווקע"!... ערשט נעכטן איז אַריינגעדרייט געוואָרן אַן אויבער־העמד אין דער מאַשין, אַז מ'קען עס שוין אויפן מיסט אַרויסוואַרפן!...

ער האָט געזיפּט די באָרד צווישן די פינגער און אויסגעדרייט דעם קאָפּ פון ברודער, ווי ער וואָלט געווען מיט אים ברוגז:

— אווע־טאָווע, ס'טויג נישט!... נישט אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, אַז די אַרבעטאָרער וועלן מאַכן טאָפּלט, נאָר זיי מאַכן גאָרנישט!... דער מאָטאָר טרייבט טאַקע און מאַכט אַן אַ ווינט, אָבער די אַרבעטאָרער „נאַדאָנזשען" דען צוצוגעבן צו דער מאַשין אַזוי שנעל?... ס'רוישט נאָר אין קאָפּ, און מ'ער גאָרנישט!...

ס'האָבן נישט געהאָלפן דעם ברודערס ווערטער, אַז דער מאָטאָר יאָגט אונטער דעם אַרבעטער. ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם, ליב געהאַט צו ברענגען פּאַר אַ ראיה צו זיינע רייד דעם סוחר אויף דער גענשע־גאַס, אַ יידל, אַ נעבעכל:

— וואָס איז זיך דאָ וואָס צו וווּנדערן?... — האָט ער תמיד אָנגעהויבן מיט דיזעלבע ווערטער — ער האָט זיך נישט אַריינ־

געגומען קיין אויסלאַנד אין קאָפּ אַריין! אַז האַלטן, האַלט ער אויף אַ געוועלבל... אַ קלאָזעטל!... און ער זשויבט שטיקער גאָלד!... כ'מעג עם פאַרמאָגן בלויז אַ העלפט, וואָס ער פאַראַי־בעריקט בלויז אין אַ חודש!...

אָבער בערנאַרד האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפן ברודער, זיך אַרומגעדרייט מיט אַ צערויטלט פּנים, אָנגעגרייט יעדן אונ־טערצוטראָגן אַ העפלעך שמייכעלע. ס'האָט אים נישט געאַרט אפילו, וואָס די אַרבעטער זינגען אין פאַבריק, געהאַט דערויף אַ פאַרטיקן תירוץ:

— ס'איז פונקט ווי ביי די סאָלדאַטן... — האָט ער גע־זאָגט צו מאירן, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן — וואָס העבער זיי זינגען, אַלץ שנעלער שפּאַנען זיי...

דאָס האָט מאירן אַזוי צענומען, אַז ער האָט זיך אַוועקגע־שטעלט קעגנאיבער אים, לאַנג אַריינגעקוקט אים אין פּנים אַריין, נאָר גאָרנישט געזאָגט. דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אויפגע־שטעלט אויף די שפּיץ נעגל, אַז זייערע שטערנס האָבן זיך אָנגע־רירט און אַריינגעשריגן בערנאַרדן גלייך אין פּנים אַריין, ווי צו אַ טויבן, הויך און שאַרף:

— יע־קע!...

יעדן אָוונט אויפסניי, ווען די אַרבעטער זענען אַוועק, האָט ער זיך פאַרמאַכט אַליין אין פאַבריק און נאָכגעציילט די שטיק־לעך סחורה, צי זיי מאַכן מער און צי דער ברודער איז טאַקע גע־רעכט. די באָרד, באַזעצט מיט ווייסן שטויב פונם בייטל, ווי מיט שימל, האָט זיך אים צעשויבערט, אויפן שטערן זענען אויפ־געלאָפן שנירלעך שווייס. ער האָט זיך געבויגן אויף דער ערד, ווי ער וואָלט געטון אַ הייליקע אַרבעט, איינמאָל געציילט און פריש פון דאָס ניי אָנגעהויבן, צי ער האָט זיך אַמאָל נישט טועה געווען.

ר' מאיר האָט אַזוי גיך נישט געוואָלט נאָכגעבן דעם ברודער, זיך אויסגעדרייט מיט פאַרשידענע תירוצים, אַבי אים נישט מודה צו זיין, אַלעמאָל אויפסניי געמאַכט קולות:

— מאַטאָרן האָב'ך באַדאַרפן!... נאָך דאָס האָט מיר גע־פעלט!... כ'על נאָך בדלות ווערן צוליב יעקעס איינפאַלן!...

אָבער בערנאַרד האָט שוין אינגאַנצן זיך מער נישט צוגע־הערט צום ברודער, פאַרנומען געווען מיט גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט געלאָזט אָפּדרוקן קאָלירטע קאַרטלעך, אַז „די ברידער ליפּעראַנט האָבן צוליבן קריזיס אַראָפּגעלאָזט די פּרייזן". ר' מאיר האָט דערפון נישט געהאַלטן. וואָס?... די גאַנצע וועלט דאַרף צו אים אַריינקוקן און וויסן, וואָס ביי אים טוט זיך?... פּונדעסט־וועגן איז ער בשתיקה, קיינער זאָל נישט באַמערקן, אַרויס אין גאַס און אַ האַלבן טאָג אָפּגעשטאַנען און פון אַ ווינקל אַרויסגע־קוקט, צי די יינגלעך טיילן פונאַנדער די קאַרטלעך, צי זיי וואַרפן זיי אַמאָל נישט אַוועק. מענטשן האָבן אים געשטופּט, דער ווינט האָט אים געשלעפּט מיט כעס ביי די פּאָלעס און אים מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון אומגעריכט פון הינטן און מיטן גאַנצן כוח גע־שטויסן אַרויס פון באַהעלטעניש. אָבער ער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, געקוקט, ווי אַ קליין קינדעריש הענטל טיילט פונ־אַנדער די קאַרטלעך:

— יעקע מיט זיינע איינפאַלן!...

דער ווינט האָט אים אַוועקגעריסן די באָרד אויף אַ זייט, זי אויסגעקרומט און פּלוצים אַ כאַפּ געטון אין דער הויך זיין היטל...

VII

וואָס אַ טאָג האָט זיך ר' מאיר געפילט פרעמדער ביי זיך אין געשעפט. ער איז דאָ מער נישט קיין באַלעבאָס, וואָס האָט אָפּגעלעבט לאַנגע יאָרן. ס'האָבן אים געטריבן די אויסגעקערטע פּאָדלאָגעס, וואָס זענען גרעסער און אויסגעצויגענער געוואָרן, די שפּיגלדיק־קאַלטע קליאַמקעס און די העל־אויסגעמאָלענע טירן. אין פאַבריק איז ער שטענדיק אַריינגעפאַלן מיט אַ בהלה און מען האָט געמוזט נאָך אים נאָכרוימען. אַלץ האָט ער מיט אַ הילך געוואָרפן, וואָס איז אים נאָר אונטער די הענט גע־קומען, איבערגעדרייט שטולן, צעשיט די סחורה. ער האָט גע־שאַפן מיט די אַרבעטער כדי צו ווייזן, אַז ער איז נאָך דאָ באַלע־

באָס, באַפּוילן מיטן שיק־ייִנגל, כאָטש ער האָט גאָרנישט גע־דאַרפֿט, געשריגן, אַז אַלץ גייט אונטער, וואָס ער האָט במשך פֿון לאַנגע יאָרן געבויט!... נאָכאַנאַנד האָט ער בלויז גערעדט רייד, אָן אַ צוזאַמענהאַנג, וועגן דעם שכן, וואָס איז „אַראָפּגעפֿאַלן" אין „זיי" האָבן שוין דאָס רעשט ביי אים צוגענומען פֿאַר שטייערן, ביז צום לעצטן נאָגל אויסגעליידיקט. ביי די ליידיקע פּאָליצעס איז ער פֿאַרבליבן, אָבער פֿון געוועלב האָט ער נישט געוואָלט אָפּטרעטן. גאַנצע טעג איז ער געזעסן, אַ פֿאַרשטאַרטער, מיט שטיקער שפּינוועבס אויף די צעקנייטשטע מלבושים, צווישן די גאָלע פּאָליצעס, פֿון וועלכע עס האָט געבלאָזן מיט קעלט און חורבה, און געקוקט אין איין פּינטל...

בעת דאָס ווייב האָט מיט בלעריי זייטיקע וועגן און אונ־טערוועגעלעך אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וואָלט זיך אַמאָל פֿונדעסטוועגן געמעגט אַריינכאַפּן צו אַ דאָקטאָר, ער איז צופֿיל אָנגעשטרענגט, איז ער אַריין אין אַ רציחה. ער האָט זיך אָנגע־ביזערט אויף איר, אַז זי האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיטן ברו־דער און זיי ביידע ווילן אים משוגע מאַכן. אָבער ער פֿאַרשטייט זיך אויף די קונצן!

יעדן אינדערפֿרי האָט ער זיך דערמאָנט אָן אירע רייד און מ'האָט אים אַריינגעטריבן אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט זיך פֿון דער העלער הויט אָנגעהויבן אויף איר בייזערן און שרייען:

— דאָקטער!... דאָקטער!... מגע... ווייסעך!...

אָבער אינמיטן אַ העלן טאָג איז ער פּלוצים פֿאַרשוווּנדן פֿון דער היים. מ'האָט נישט געוווּסט, וווּ ער איז אַהינגעקומען, ער איז נישט געווען, נישט אין שטוב און נישט אין געשעפֿט. מ'האָט זיך געשראָקן פֿאַר אים, זיינע געגנ זענען געווען שטאַרק אויסטערליש. דאָס ווייב האָט מורא געהאַט, ער זאָל זיך נישט אַ מעשה אָנטון, אָפּגעהיטן זיין יעדן טריט, שטיל און פֿאַרבאַ־האַלטן, ער זאָל דערפֿון נישט געוווייער ווערן, ווייל ער האָט אַלץ געטון איר צולהכעיס.

דעמאָלט גראָד, ווען מ'האָט זיך אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אים אַרומגעזוכט, האָט ער געבלאָנדזשעט פּאַוואָליע, ווי ער וואָלט אַ סך איבעריקע צייט געהאַט, איבער זייטיקע גאַסן און

הינטערגעסלעך. קליינע אָנהויב־ווינטערדיקע שנייעלעך זענען
פויל געהאָנגען אין דער האַרבער קאַלטער לופט, זיך שלעפּעריק
געדרייט אַרום אים אין אַ קרייז, געוואָרן אַלעמאָל ווינציקער און
ווינציקער און מיטאַמאָל אויפגעהערט אינגאַנצן צו פאַלן. ער
האָט זיך געשאַרט ביי די ווענט, קיינער זאָל אים נישט זען, דער
קאָלנער אויפגעשטעלט און דאָס יידישע היטעלע טיף־אַראָפּגע־
־וקט אויפן שטערן.

ביים דאָקטאָר האָט ער באַקוקט פונדערווייטנס די אַלע
בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט. ער האָט געזען
אַ קאָפּ פון אַ מאַן מיט אַדורכגעפלאָכטענע אָדערן, ווי אַ נעץ.
ער האָט געפּרוווט אויפכאַפּן די געשפּרעכן פון די קראַנקע, וואָס
האָבן זיך געטראָגן פון דאָקטאָרס קאַבינעט. ווען מען האָט אים
פאַרבעטן צום דאָקטאָר, האָט ער נישט געהערט. מען האָט גע־
מוזט צו אים צוגיין און מונטערן.

ר׳ מאיר האָט געקוקט אויפן דאָקטאָרס שטייפן, לאַנגען
האַלאַט און אויף די קאַלטע מכשירים, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט
אין זיך דעם שנייאיקן קאַלטן טאָג, דאָס ווייסע מעבל און דעם
פלאַטשיק־קליינעם דאָקטאָר מיטן יונגן גאָלן שאַרבן. ער האָט
געטראַכט, אַז דאָ איז דאָס קליינע דאָקטערל, וואָס זעט אַזוי נע־
בעכדיק אויס אויף דער גאַס, אַ גאַנצער מענטש. ער פילט זיך
גוט צווישן די ווייסע ווענט און קאַלטע, בלאַנקנדיקע מכשירים.
און ער, מאיר, דער גאַנצער אויפטוער, איז ביי אַט דעם קליינעם
מענטשעלע אין די הענט. ער קאָן טון מיט אים, וואָס אים גע־
פעלט. דער דאָקטאָר האָט אים אומגעדולדיק אויסגעהערט, גע־
מונטערט אַלעמאָל, ער זאָל ענטפערן און ר׳ מאיר האָט בשעת־
מעשה געטראַכט פון די אַלע מענטשן, וואָס זענען געזעסן צו־
זאַמען מיט אים אין וואַרט־זאַל, זיך געפילט דאָ היימיש, אַריינ־
געקוקט אין צייטונגען און אָפן גערעדט וועגן זייערע חולאתן,
ווי וועגן אַ טאָג־טעגלעכער זאַך. ער האָט דאָ אינגאַנצן פאַרגעסן
אין זיין פאַבריק, אין געוועלב, ווי ער וואָלט צו זיי קיינמאָל קיין
שייכות נישט געהאַט. זיין אייביק אַרומהאָווען, דאָס אַרומיאָ־
געניש, האָט זיך אים אויסגעוויזן צווישן די קאַלטע מכשירים

און לעבן דעם קליינעם דאָקטערל אין ווייסן שטייפן כאַלאַט, אַזוי נאַריש און איבעריק...

גיריק האָט ער געשלונגען דעם דאָקטאָרס גלייכגילטיקע ווערטער וועגן דעם, אַז ער דאַרף זיך היטן, נישט אָנשטרענגען די נערוון, צומבעסטן וואָלט געווען ער זאָל אַרויספאָרן ערגעץ זיך אָפּרוען.

ער איז געבליבן זיצן אויף דער שטול, זיך נישט גערירט פון אָרט. דער דאָקטאָר האָט אים געמוזט אַרויספירן. אָנשטאָט צום אַרויסגאַנג, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט ווייטער צום דאָקטאָרס טיר.

פאַוואָליע איז ער אַראָפּ פון די שטיגן, זיך געשאַרט ביי די ווענט, קיינער זאָל אים נישט זען. ס'איז שוין געווען פינסטער. גרינע ציטערדיק־צעפלאָסענע פייערלעך זענען געשווומען אינם רויביקן בין־השמשות. קליינע אָנהויב־ווינטערדיקע שנייעלעך זענען צוריק געהאָנגען אין חלל, געראָיעט ווי פליגן, אַרום די גרינע גאַסן־לאַמטערן און בשום־אופן זיך נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן צו דער ערד. די גאַסן זענען געלעגן איינגעקורטשעט, ווי פון קעלט.

ר' שאירן איז דער וועג אַהיים אויסגעקומען אַ סך קלענער, ווי צום דאָקטאָר. ער האָט נישט געפילט, ווי ער לויפט איבער די גאַסן און דער כעס זאַמלט זיך אין אים קעגן דאָקטאָר. ער האָט אַלעמאָל געשטעלט גרעסערע שפּרייזן, געלאָפן אַזוי גיך, ווי געיאָגט פון עמעצן. דער כאַלאַט האָט זיך אים צעקנעפּלט, געפאַכעט אין ביידע זייטן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער פליט. דער שניי האָט זיך געלאָזט מיטאַמאָל האַסטיקער פון דער הויך, געפאַלן געדיכט און אין גרויסע פלייִשיקע שטיקער. ער האָט נישט געשפּירט, ווי דער שניי צעגייט אים אויפן פּנים, פאַרקריכט אין באָרד און ווייסט אָפּ זיינע מלבושים. ווען ער איז צוגעקומען צו זיין הויז, האָט ער דאָס באַמערקט. ער האָט זיך געחידושט, וואָס אַלץ איז פלוצים איינגעהילט אין ווייסן. ווען איז עס געשען?...

אין שטוב איז ער אַריינגעפאַלן פלוצים, אַ בייזער, אַן אויפגעקאָכטער, ווי ס'וואָלט אים ווער מיט געוואַלט אַריינגעשטופּט, אַז אַלע האָבן זיך פאַר אים דערשראָקן. ער האָט שווער געסאַ־

פעט, נישט צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר. עס האָט אַ ווייע געטון מיט אַווינטערדיקן דרויסן, דאָס טישטוך איז אויפגעלאָפן, און די טיר, וואָס פירט אין דער שכנותדיקער שטוב, האָט זיך מיט־אַמאָל פאַרהאַקט מיט אַ טראַסק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש, אַן אויסגעשעפּטער, אַ מידער, און אויסגעשאָסן אויפן אָרט:

— אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט!... ער פאַרשטייט נישט פון דאַנען ביז אַהער!... — האָט ער גערעדט צו זיך — ער איז אַזוי אַ דאָקטער, ווי איך בין אַ דאָקטער!... אַבי „דאָס" נעמט געלט!...

דאָס ווייב און די קינדער האָבן אָנהויב נישט פאַר־שטאַנען, וואָס ער רעדט, נאָר באַלד זיך געכאַפּט אין וואָס עס גייט. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך פאַר זיי געהיטן מיטן גיין צום דאָקטאָר, און געפּייערט:

— אַז ער פאַרשטייט נישט פון דאַנען ביז אַהער!... ווייסעך־וואָס? אַ יונגער צוציק!... — האָט ער געקלאַפּט אין טיש מיט ביי־דע פויסטן — אַ שוסטער איז ער, נישט קיין דאָקטער!... אַ גראָ־בער קאָפּ!...

ער האָט דאָס ווייב מיט די קינדער געטריבן פון זיך:

— גייטץ!... גייטץ!... — האָט ער זיי געהייסן אַרויסגיין פון שטוב.

ער איז האַסטיק אַריין אין געשעפט. ווען ער האָט די טיר געטון ברייט אַ צעפּראַל און שטיין געבליבן אַ פּאָר מי־נוט אויף דער שוועל, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, האָט מען זיך פאַר אים דערשראָקן און מורא געהאַט צו קוקן אין זיין זייט אַריין. זיין אונטערשטע ליפּ איז אים לויז אַראָפּגעהאָנגען און שטאַרק געציטערט, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אַרויסזאָגן, נאָר ער האָט נאָך נישט דאָס ריכטיקע וואָרט. שווייגנדיק און לאַנג האָט ער אַלעמען אָנגעקוקט מיט שטאַר־אַרויסגעקוילערטע, פאַר־לאָפענע אויגן. פּאַוואָליע איז ער צוגעגאַנגען צו בערנאַרדן, אים לאַנג אַריינגעקוקט אין פּנים, אָבער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַר זיין טישל און געמישט אין פאַרשידענע פּאַפּירן און צעטלען. דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעשטופּט צווישן די פיל גלעזערנע שענקלעך, פּאָליצעס, שאַכטלען מיט וועש, גע־

נומען שטיל סאָרטירן און צוזאַמענלייגן די סחורה, צוגלייך מיט אַלע „משרתים". ווען אַלע זענען שוין אַוועק, האָט ער נאָך אַליין איינער אַליין געאַרבעט, אַ באַגאַסענער מיט שווייס געשלעפּט באַלנס, פּעק, שאַכטלען. ס'איז שוין געווען שפּעט, די קעגנאיבערדיקע פענסטער האָבן זיך ביסלעכווייז געלאָשן און ס'איז אַרום שטאָק־פינסטער געווען. בלויז ביי אים האָט טונקל געטליעט אַן איינציק לעמפּל, זיך געטוקט, ווי עס וואָלט געהאַלטן ביים אויסגיין. די שטילקייט האָט גערוישט, זיך שווער געגאָסן, ווי אַ וואַסער. די מאַשינען האָבן זיך געטוליעט אין אַ קופּע, ווי אַ סטאַדע שאָף. אין שוואַכן שיין פון לעמפּל האָט זיך זיין גוף לאַנג און שפּיציק געשוואַרצט, זיך אַלעמאָל צעוואַקסן אויפן סופיט און ווענט, ווי אַ שוואַרצער פלאַטערנדיקער פויגל...

אָבער דעם אַנדערן טאָג, ווען ער איז געקומען אין געשעפט, איז פון זיין אַרבעט קיין זכר נישט געבליבן. די סחורה איז צוריק געלעגן גלייך געלייגט אין הויכע שטויסן, ווי טורעמלעך. די שאַכטלען מיט וועש האָבן זיך געהויבן ביז צום סופיט. ער האָט זיך שטיל געשטעלט אַרבעטן. אָבער די אַרבעט איז אים פון די הענט געפאַלן און וואָלף דער „משרת" האָט אים געמוזט צוהעלפן, אונטערשפּאַרן.

יעדן אינדערפרי איז ער דער ערשטער געווען אין געשעפט. אַ „משרת" איז איבער אים געשטאַנען, אים אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט און צוגעהאָלפן ביי דער אַרבעט. אַלץ, וואָס ער האָט במשך פון אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג צוזאַמענגעלייגט אין אומגעלומפּערטע שטויסן, האָט מען ביינאַכט צעוואָרפן און פריש גלייך געלייגט...

אַ געסל אין קאַרלטאָן

I

ווען דער זון אירער, לייבל, איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה אויף גאַנצע פיר יאָר צייט, האָט זיך ברכה די אלמנה געדונגען אַ „בעט ביי יענעם" און אָנגעהויבן צו ציילן די טעג און די וואָכן, ביז מ'וועט לייבלען באַפרייען. זי האָט אַפּירגערוקט פון אונטערן בעט אַן אַלט קיישל און זיך אַוועקגעשטעלט האַנדלען מיט געבעקס אין גאַס. אָבער די בריוו פון „איסטראַליע", פון איר עלטערן זון, יאָסל, האָבן נישט אויפגעהערט צו קומען. יאָסל האָט נישט אַנדערש געוואָלט, נאָר זי זאָל קומען צו אים צופאָרן. ער איז קיין־עין־הרע, אַ ייד, אַן עושר, און עס וועט איר נישט פעלן ביי אים פון קיין פויגל־מילך. חוץ די בריוו האָט ער איר אויך איינמאָל אַריינגעשיקט געלט, אַ סך געלט, און אַ בילד, וווּ ס'זענען געשטאַנען אין איין רייַ אויסגעשטעלט: יאָסל, זיין פרוי, און די צוויי קינדער — אַ ייִנגל מיט אַ מיידל. זיי זענען אַלע געשטאַנען לעבן אַ נייעם גרויסן „סאַמאָכאָד" און לעבן אַ שיין־געבויט הויז מיט אַ גאָרטן און שטיינערנעם פּאַרקן. אינדערהויך, אויף דער פּאָטאָגראַפיע, איז געווען אויפגעשריבן מיט צעקרומטע, גרויסע אותיות: „זעסט, מאַמע, דאָס איז אַלץ מיינס"!...

יאָסל איז געווען נישט העכער פון די קינדער און אויסגעזען, ווי נישט דער מאַן פון דער שיינער, העל־צעשטראַלטער און הויך־וווקסיקער פרוי, נאָר ווי אירס אַ קינד. אַ ברייטלעך־קליינער, אַ קיילעכדיקער, ווי אַ באַלעם, האָט ער נחתדיק און ממזריש אַפּירגעוווּנקען פון צווישן זיין בני־בית מיט זיינע קלוגעטשקע, לאַכנדיק־בוּיערנדיקע אייגעלעך, ווי איינער זאָגט:

— גיטץ נאָר אַ קוק צו וואָס יאָסל, דער דאַמסקע שניי־דער, האָט דערלעבט!...

ברכה האָט נישט געפרעגט ביי קיינעם וויפיל ס׳מאַכן אויס די שווערע פאַפּירן, וואָס דער זון האָט איר געשיקט אויף הוצאות, נאָר זיי באַהאַלטן טיף אין שטרוי־זאַק, ביי זיך צוקאָפּנס. דאָס געלט איז דאָרט אַזוי לאַנג געלעגן, ביז זי איז איינמאָל געקומען מיט אַ „וואָלוווקע" צום „פּאָוויאַק" און מען האָט איר געזאָגט, אַז מען האָט איר זון, דעם „בונטאָווניק", פאַרשיקט ערגעץ אין תפיסה, אויף פּראָווינץ. דעמאָלט האָט זי צום ערשטן מאָל, מיט ציטערנדיקע הענט, באַרירט דאָס אָרט, וווּ דאָס קניפּל איז געלעגן, זיך געיישובט, צי זי זאָל אַפּירשלעפּן דאָס געלט, צי נישט.

ברכה האָט בשום־אופן נישט געקענט פועלן ביי זיך, זי זאָל זיך פּלוצים אויפהויבן און אַוועקפאָרן — איבערלאָזן אַלץ אויף הפקר. נישט פון היינטיקן טאָג איז זי צוגעווינט צו וואַרטן. אויף איר מאַן, דעם לאַנגען מאַטעס, האָט זי אויך געוואַרט, ווען מ׳האָט אים קיין סיביר פאַרשיקט. און אַז ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען, האָט זי אים אויך קיינמאָל אינדערהיים נישט געהאַט און ווייטער געמוזט ברענגען די פרנסה אין שטוב אַריין. זי האָט אַליין אַכטונג געטון אויף אירע צוויי קדישים, יאָסלען און לייבלען, זיי אָפּגעגעבן צו אַ בעל־מלאכה, און איר האַרט מאַנסביליש קול און אירע האַרטע גרויע אויגן זענען אומעטום געווען. כאָטש זי האָט געפילט, אַז ס׳איז איבער אירע כוחות, האָט זי זיך פונדעסטוועגן נישט צוגעלייגט אויף קיין איין טאָג, געוווּסט, אַז זי וועט זיך אַזוי גיך נישט קענען צוריק אויפהויבן. ווען זי איז ביינאַכט, אַ מידע און אַ צעבראָכענע, פון דער גאַס געקומען, האָט זי פייער געמאַכט, צוגעשטעלט וואַרעמס, און אַ סך מאָל פאַרקאַשערט די אַרבל און אויסגעוואַשן אַביסל גרעט. בעת די וועש האָט זיך געקאָכט, האָט זי אַריינגעכאַפּט דאָס רוי־מען, איבערגעדרייט די שטוב, געשריגן אויף אירע צוויי זין, וואָס זענען גאַנצע חתן־בחורים געווען, ווי אויף פּיצלעך קינדער. מאַטעס איז דעמאָלט געזעסן אין אַ ווינקל שטוב און צום ווי־פילסטן מאָל דערציילט זיינע העלדישקייטן פון אַמאָל. בעתן דערציילן האָט ער זיך אַליין געבאָדן אין נחת, באַוויזן זיינע

הענט, וואָס זענען געווען בלוי און אויפגעשוואָלן, ווי די מילצן, אָפּירגעשלעפּט זיינע פיס, וואָס זענען געווען שווער און אָנגע־דראָלן, ווי די קאַנען. אָט דאָס איז אים אַ זכר געבליבן פון סי־ביר!... און פאַרשיקט האָט מען אים דאָרטן צוליב זיין טבע, וואָס ער קען זיך פון איר ביזן הייַנטיקן טאָג נישט אָפּגעוווינען — ער איז צופיל „פּונקטואַלנע”... דאָס איז זיין חסרון...

ס'איז געווען דעמאָלט אַ שטאַרקער פראָסט. ווען ער מיט שלמהלע „סטאָליאַזש” האָבן אַראָפּגעריסן דעם רוסישן אָדלער פון צערקל. זיי האָבן אָפּגעטון די אַרבעט, אַז קיין האָן האָט נישט געטון קיין קריי. אָבער נאָך אַלעמען, ווען שלמהלע האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעטראָגן, האָט ער, מאַטעס, זיך גאָרנישט געאײַלט און זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן, צי דער אָדלער „ליגט טאַקע גוט אין דער ערד”. פּלוצים איז פאַר אים אויסגעוואַקסן אַ „קנעפּל”, מען האָט אים איינגעזעצט אין „חד־גדיא” און משלח געווען קיין סיביר...

ברכה האָט כסדר געהערט מאַטעסעס קול, כאָטש ער איז שוין לאַנג אויפן עולם־האמת געווען און זי האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך איבערצולאָזן אַלץ אויף הפקר און אַוועק מי־יודע־ווו. אָבער לייבלען האָט זי שוין מער נישט געקאָנט זען, נישט געקאָנט מער טראָגן פאַר זיינעטוועגן קיין „וואַלוווקעס” און ס'האָט זיך איר פּלוצים קלאָר דערמאָנט יאָסל מיט זיינע קלוגע, בויערנדיקע אייגעלעך — און ווען ס'וואָלט נאָר מעגלעך געווען, וואָלט זי אַריבערגעפלויגן צו אים...

דעם זוניקן שיינעם פרימאָרגן, ווען זי איז פון דער היים אוועק, איז דאָס גאַנצע וואָלינסקע־געסל געווען ביי איר אין שטוב פאַרזאַמלט, געוויינט — און געווונטשן איר אַ גוטע עלטער ביי איר רייכן זון:

— שוין צייט ברכהשי... שוין צייט זי זאָלן זיך אביסל אָפּרוען... זי זאָלן פון אַ בעסער לעבן ווייסן!...

דאָס קליינוואַרג, וואָס האָט זיך אין הויף געשפּילט, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט צו איר אויף דער דראָזשקע, מיטגעפאָרן

אַ שטיקל וועגס, כאָטש דער דאָראָזשקאָזש האָט מיט דער בייטש געצוויקט. דאָס קליינוואַרג האָט זיך געבעטן ביי איר:

— נעמען זי מאַך מיט ברכהשי־קרוין... נעמען זי מאַך מיט אַביסל קיין „אַסטראַליע"...

אָבער ברכה האָט זיך נישט גוט געפילט. זי האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך געשעמט, ווי זי וואָלט עפּעס אַ זינד באַגאַנגען.

ערשט ווען זי איז אַרויף אויף דער שיף, האָט זי צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געווען זיכער, אַז אַלע ווייסן צו וועמען זי פאָרט... איבער דער גאַנצער צייט פון דער נסיעה האָט זי נישט אויסגעטון איר ניי באַרכעטן קלייד, וואָס זי האָט זיך געלאָזט מאַכן ביי ציפּען דער נייטאָרין, וואָס האָט אין גאַנץ וואַרשע אַ שם געהאַט מיט אירע גאָלדענע הענט. זי האָט זיך געחידושט, וואָס מען האָט איר יאָסלען, דעם גרויסן גביר, נישט געקענט, געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט קען אים און ווייסט, אַז ער איז איר זון... אַ באַליידיקטע, האָט זי געהאַלטן אין איין ווייזן פאַר די עטלעכע יידן אויף דער שיף, דאָס בילד, ווו ס'איז געשטאַנען יאָסל מיט זיין בני־בית לעבן נייעם גרויסן אויטאָ און לעבן שיינעם הויז, ווי אַ פּאַלאַץ, זיך גערימט מיט יאָסלס „שאַנקעדיקער" פרוי און מיט זיינע „לאַכטיקע" קינדער. זי האָט שוין מער גאָרנישט גערענקט, כסדר בלויז אין זינען געהאַט, ווי ס'וועט אויסזען איר ערשטע באַגעגעניש מיט יאָסלען. כאָטש דאָס ווייב זיינס זעט אויס צו זיין אַ גאַנצע פּריצהטע, וועט זי נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך, זי וועט האַלטן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מאַמען פון אַזאַ זון, ווי יאָסל. זי וועט לערנען די שנור, ווי אַזוי אין כבוד צו האַלטן אַזאַ מאַן, ווי זי האָט, ווייזן איר ווי צו קאָכן די מאכלים, וואָס ער האָט ליב געהאַט, ווען ער איז נאָך אינדערהיים געווען. יאָסל איז אויסגעגאַנגען נאָך אַביסל צוגעריישטע גריץ. בעת דער יונג איז שפּעט ביינאַכט פון דער אַרבעט געקומען און דערשפּירט דאָס ריישעכץ צו דער גריץ, וואָס האָט די שטוב פאַרשמעקט, האָט אים דאָס מויל געוואַסערט און ער האָט זיך געדונגען, איין טעלער איז פאַר אים צו ווייניק געווען...

ברכה האָט שוין געפילט אויף איר האַלז די פאַרפלאָכטענע קינדעריש־ווייכע הענטלעך פון די אייניקלעך. זי האָט זיך אַלע־מאָל אַראָפּגעכאַפּט אונטן, אין דער קאַבינע, באַקוקט די מתנות, וואָס זי האָט געקויפט פאַר זייערטוועגן פון דעם געלט, וואָס יאָסל האָט איר אויף הוצאות געשיקט. זי האָט פאַרזיכטיק, מיט ציטערנדיקע הענט, אויפגעפּאַקט די ליאַלקע, וואָס פאַרמאַכט די אויגן בעתן שלאָפן, באַוווּנדערט דאָס בלעכערנע „סאַמאָבאָרל", וואָס אַז מען דרייט עס אָן, לויפט עס, ווי אַ נישט־גוטס...

בשעת זי איז אַראָפּ פון דער שיף, האָט זי די שיינע זאַכן געהאַלטן אָנגעגרייט, געלאָזט אויף הפקר איר אייגן קיישל, ווו זי האָט געהאַט דאָס אַלטע קלייד און אַביסל וועש ליגן. אָבער זי האָט נישט געהאַט וועמען איבערצוגעבן די שיינע מתנות. זי האָט באַלד יאָסלען אַ פרעג געטון, ווו דאָס „פּראָצענט" איז. זיינע צופרידן־שמייכלענדיקע אייגעלעך האָבן ממזריש־גיך זיך אַ גליטש געטון קודם־כל איבער דער מאַמען, דערנאָך איבערן אויסגעלייטערט־געסקלאַרוועטן פנים פון זיין הויך־וווקסיקער פרוי, וואָס האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טון, וויאַזוי אַרויסצווייזן איר גרויסע גאַסט־פריינטלעכקייט:

— די קינדער שלאָפן שוין, מאַמע... — האָט יאָסל אין איילעניש געריבן זיינע הענט, זיך אַ שיבער געטון פון גרויס הנאה — ס'איז שפּעט... דאָ איז נישט יוראָפּ!... קינדער וואַלגערן זיך נישט דאָ ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין... יו סי?... נו וועל, מאַמע... נישט באַלעמוטשעט... אינדערהיים וועלן מיר צייט האָבן אַלץ צו רעדן...

ער האָט אָנגענומען דאָס קיישל מיט אירע זאַכן, די מתנות פאַר די קינדער, אַריינגעוואָרפן אַלץ אין אויטאָ. באַלד האָט זיך דער אויטאָ אַ גליטש געטון איבער רייכע העל־באַלויכטענע גאַסן. ברכה האָט שוין מער גאָרנישט געזען, נאָר יאָסלס פּלייצעס, געפילט, אַז לעבן איר זיצט זיין אויסגעפּוצט ווייב, כסדר געוואַלט אויסדרייען דעם קאָפּ, זאָגן איר עפּעס, אָבער זי האָט קיין ווערטער נישט געפונען.

II

אין דער היים, אין די רייכע, העל־צעצונדענע שטובן, אויסגעבעט מיט טייערע האריק־אויסגעשטיקטע טעפיכער, האט שוין געווארט א ווייס־געדעקטער טיש, אנגעשטעלט מיט די שענסטע מאכלים און געטראנקען. פון דעם העלן שטראלנדיקן ליכט, פון דעם בלאנקנדיק־ווייסן טישטוך, פון די פיל זילבערנע און קרישטאלענע געשירן, האט ברכהן אנגעהויבן צו שווינדלען אין קאפ. איידער זי האט זיך נאך רעכט אפגעוואשן פונם וועג, האבן שוין אנגעהויבן צו גיין געסט, וואס זענען געקומען מקבל־פנים זיין מיסטער גראסעס מאמע פון פוילן. בנעימותדיק, נישט געאיילט, האבן זיי זיך אריינגערוקט, מיט גרויס אנגעלייגטקייט אראפגענומען די אויבער־מלבושים. די ווייבער, אויסגעפוצט אין בלישטשנדיקע אויערינגלעך און אין שארכנדיק־זיידענע אונטער־קליידער ביז צו דער ערד, זענען געגאנגען מיט געמאסטענע טריטעלעך, איינגעהאלטן און מיט חשיבות זיך באגריסט מיט די קעפ. זיי האבן מיט גנבהשע, גארנישט־אויסנזייענדיקע בליקעלעך באקוקט איינע ביי דער אנדערער די שטעטער, דאס צירונג, בעת־מעשה געשנעבלט די ליפעלעך און גערעדט וועגן זייטיקע זאכן. די מענער האבן מיט גרויס אומגעדולד געטרעטן נאך די ווייבער, געשיט חלצהלעך אויף זייער חשבון און אריבערגעקוקט צום טיש, וואס איז מיט כיבוד געגרייט געווען, געשאצט, וויפיל מיסטער גראס האט זיך דאס פארגונען אויסצוגעבן אויף דעם קבלת־פנים פון זיין מוטער...

ברכה איז געשטאנען אין א ווינקל שטוב, א נישט־אויסגעשלאפענע, א מידע, זיך באמיט צו געדענקען די אלע פרישע פנימער, וואס האבן זיך אין איר קאפ געמישט. יעדן גאסט באזונדער האט יאסל צו איר צוגעפירט. די מענער האבן אין דער גיך צו איר א ווארף געטון א פאר ווערטער אויף יוצא צו זיין, באלד שטיין געבליבן אן לשון און זיך אפגעטראגן. די ווייבער זענען געבליבן לעבן איר אביסל לענגער. יעדע איינע פון זיי באזונדער האט ביי איר מיט גרויס געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט פאראכטן דאס קעלנערל פון נייעם בארכנטענעם קלייד און

איר צוגעוואָרפן א פּאָר ווערטער וועגן איר רייכן, געראָטענעם זון. באַלד האָבן די געסט אײנגעאַנצן אין איר פארגעסן און זיך אַריינגעלאָזט אין א שמועס. מ'האָט גערעדט וועגן „יוראָפּ", וועגן די צרות אין פּוילן, ווו יידן האָבן נישט צו עסן, בעת־מעשה גענומען צוביסלעך משקה, פארזוכט א שטיקל טאָרט, א שטיקל לעקעך.

מיסטער ראָסטקער, דער רעדל־פירער אויף אַלע שמחות, א ברייטער, הויכער ייד, מיט א צעגאָסן, בלאס פּנים, ווי נאָך א תענית, איז באַלד נאָך די ערשטע פּאָר גלעזלעך בגילופין געוואָרן און אָנגעהויבן אַרויסצווייזן זיינע לצנישע שטיקלעך. ער איז צוגעשטאַנען צו מיסיס גראָס און נישט אַנדערש פּאַרלאַנגט פון איר, נאָר זי זאָל אים לאָזן אַריינקוקן אין שענקל, אויב ס'איז נאָך דאָרטן עפּעס פאַרבליבן צו נעמען אין מויל אַריין.

— נישט שיין, מיסיס גראָס... — האָט ער זיך מיט געמאַכטער ערנסטקייט געריסן דעם גאָרגל — אַלץ דאַרף שטיין אויפן טיש... נישט געזשאַלעוועט!... איינמאָל לעבט מען!

מיסיס גראָס האָט בייז אָנגעקוקט יאָסלען מיט אירע גרויסע, אומשולדיק־קעלבערנע אויגן, געהאַט צו אים טענות, וואָס זיינע חברים, די אויפגעקומענע בעלי־מלאכות, קענען זיך נישט אויפפירן לייטיש ביי א טיש.

דער שמועס ביים טיש איז ביסלעכווייז אויסגעוועפּט געוואָרן און ערשט צוריק באַקומען לעבן, ווען מען איז איבערגעגאַנגען אויף די אייגענע ביזנעס. דעם אויבן־אָן האָט איצט גענומען אייזיק יעלין, וואָס האָט געקלאַפּט אין טיש אַריין, זיך געהיצט מער פון אַלע. א דאַרער, אַן אָנגעכמורעט־בייזער, איז ער אייביק אַרומגעגאַנגען מיט א טענה, אַז אַלע זענען אים שונאים און ס'בעסטע וואָלט געווען, ווען די יידן וווינען נישט אויף איין אָרט און קוקן זיך נישט איינער דעם אַנדערן אין דער שיסל אַריין. ער איז צופרידן געווען, וואָס אין קאַרלטאָן, אויף דער „רעטדאָן־סטריט", וווינען נישט מער אַזויפיל יידן, ווי אַמאָל:

— א פּעני־היפּעני יידן געפינען זיך היינט אויף דער רעטדאָן־סטריט... — האָט זיך באַוויזן א ליכטיקער שמייכל אויף

זיין שטענדיק פינסטער פנים — דעטס אַל... אויסטראַליע איז גענוג גרויס...

— יאָ אַ הייפּעני יידן... נישט אַ הייפּעני יידן... — האָט אים צונישט געמאַכט דזשייקאָב פרענקעל דער בייטל־פאַבריקאַנט — וואָס איז אַ נפקא־מינה?... אַ מענטש האָט זיך איינגערעדט אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז! ס'וואָלט געפּאַסט ר'זאָלט מאַכן אַ „דזשאָק", מיסטער יעלין!... אַ מענטש איז שוין אַזוי לאַנג אין דער „קאַנטרי" און ער האָט זיך נאָך נישט אָפּגעוווינט פון די אַלטע היימישע שטיקלעך!...

כאָטש מיסטער פרענקעל איז מיט אַן אַכט יאָר צוריק סך־הכל אַהער געקומען, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַן אַלטן תושב. באַלד, ווי ער האָט נאָר אַראָפּגעשטעלט אַ פוס אויף דער יבשה, האָט ער אָנגעהויבן צו „גלייבן" דאָס לאַנד און האָט געהאַט טענות צו זיינע שיפס־ברידער, וואָס דק זיי דרייען אויף אַלץ מיט דער נאָז, בענקען אַהיים און מאַכן אַן „טראָבל". אַ ליאַדע גאָרנישט, אַ ליאַדע פענטאַק, קומט אַהער און דערציילט נסים, אַז אינדערהיים איז ער כאָטשבי ראָטשילד געוועזן!... דאָס וואָרט „גרינע" איז גאָרנישט פון זיין מויל אַראָפּ, זיינע אייגענע שיפס־ברידער האָט ער גערופן „גרינע". ס'איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אַלע יידן, מחוץ אויסטראַליע, זענען געווען ביי אים „גרינע"... ער האָט זיך שטענדיק געיחוסט מיט די ידידי־בריוועלעך, וואָס ער האָט צום פּרעמיער געשריבן, געגעבן אים כלערליי עצות. יעדן באַקאַנטן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, האָט ער געוויזן די קאָפּיע פונם לעצטן בריוו. ער האָט זיך אָנגעטון די ברילן, אָנ־גענומען יענעם ביי דער גאָמבע, פאַרגעסן אין די אַלע ענגלישע ווערטער, געזונגען מיט אַ גמרא־ניגון, וואָס ער האָט שטענדיק אַריינגעבראָכט אין זיין יידיש, ס'זאָל באַקומען אַ שטיקל חשיבות:

— ר'פאַרשטייט?... — האָט ער נישט אָפּגעלאָזט יענעם — ס'איז אַ וואַזשנער אויפּטו!... פּס... פּס... אַזעלכע פאָרנדיקע גע־וועלבלעך וועלן אַ שטופּ טון דעם האַנדל... ער'עט אַרויס פון הינער־פּלעט... נו יאָ, נו... ס'איז אַ וואַזשנער אויפּטו!...

ברכה האָט זיך נישט געפילט גוט צווישן די־דאָזיקע יידן. פון די אַלע רייד זייערע, געזונגען האַלב מיט אַ פרעמדן און

האַלב מיט אַ היימישן ניגון, האָט זי קנאַפּ־וואָס פאַרשטאַנען. ס׳האָט איר פאַרדראָסן, וואָס קיינער קוקט זיך מער אויף איר נישט אום, וואָס זי איז אַזוי נישט אָנזעעוודיק. זי האָט באַשיינ־פערלעך געזען, אַז יאָסל האָט פון איר נישט קיין גרויס נחת און זי האָט אים געוואָלט אָפּדאַנקען מיט עפּעס פאַר דעם אַלעם גוטן, וואָס ער האָט פאַר אירעטוועגן געטון. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף אָפּטון עפּעס אַזעלכעס, אַז אַלע זאָלן זי דערזען. און בעת זי האָט דערהערט דערמאָנען יאָסלס נאָמען, האָט זי פון דער העלער הויט אויסגעשאָסן, אַזוי הויך, אַז אַלע זאָלן זי הערן:

— אַ טייער קינד, יאָסל!... נאָך אינדערהיים איז ער שוין געווען אַ לייט... אַלץ, וואָס די אויגן האָבן געזען, האָבן די הענט געקענט מאַכן!...

בעת זי האָט אַרויסגעזאָגט די פּאָר ווערטער, זענען אירע שפּיציק־שאַרפע, אַרויסשטאַרנדיקע באַקן־ביינער אָנגעלאָפן מיט אַ בושהדיקער רויטקייט און די אויגן זענען נחתדיק אָנגעקוואָלן געוואָרן מיט טרערן. נאָר קיינער האָט זי רעכט נישט געהערט. ס׳האָט איר שוין באַנג געטון דאָס גאַנצע עסק און אירע באַקן־ביינער זענען נאָך מער מיט בושה אָנגעצונדן געוואָרן. אָבער פּלוצים האָט זיך צו איר אָנגערופן מיסטער פרענקעל:

— נישט יאָסל איז דער טויגער, מומעשי, נאָר די מדינה טויג!... גרעסערע לאַ־יוצלחס זענען דאָ אַל־רייט...

און ראָסטקער האָט מוסיף געווען מיט אַ לצנותדיק שמייכעלע:

— אַ קונץ איז מומעשי, אַז איר האָט יאָסלען פאַר אַ שניידער געמאַכט!... אַ שניידער רופט מען ביי אונז אין דער מדינה אַ גאָלד־שפּינער... אַ פּראָפעסאָר... ווער קען זיך צו יאָסלען גלייכן... די מדינה איז פאַר אים געמאַכט געוואָרן!...

ברכה האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט בשום־אופן נישט געקענט באַנעמען מיטן שכל, אַז מען זאָל פון יאָסלען, וואָס איז געקומען צו אַזאַ עשירות, חוזק מאַכן. זי איז געווען מיד, די אויגן האָבן זיך געקלעפּט ביי איר און זי האָט נישט געפילט מער די פיס. ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך, זי זאָל אַנט־

שלאָפֿן ווערן, ווי זי שטייט און גייט, און זי איז זייער צופֿרידן געווען, וואָס די געסט האָבן זיך געקליבן צום גיין.

יאָסל איז אַרויסגעגאַנגען באַגלייטן די געסט און די שטוב איז געבליבן ליידיק. דער ווייס־געדעקטער טיש איז געווען פֿאַר־פֿלעקט און ס'האָבן זיך אויף אים געוואַלגערט ליידיקע גלעזלעך פֿון ווײַן און שיריים פֿון עסן. די שנור האָט זיך דערנענטערט צו איר און געזאָגט, אַז דאָס בעט איז פֿאַר איר געגרייט. כּדי צו ווײַזן, ווי ס'איז איר נאָענט די מוטער פֿון איר מאַן, האָט זי נאָכאַנאַנד געגלעט אירע אַקסלען, זי גערופֿן „מאַמע" און איר אַ קוש געטון:

— דאָס איז דײַן בעט, מאַמע... — האָט זי געזאָגט — כ'מיין, אַז ס'וועט זײַן גענוג ווייך פֿאַר דיר...

ביים אַרויסגיין האָט זי איר נאָכאַמאָל אַ קוש געטון און געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, מאַ...

III

לאַנג איז ברכה ביי יאָסלען אין הויז נישט געווען. זי איז געווען דאָרט עטלעכע וואָכן בלויז און באַלד האָט יאָסל געדונגען פֿאַר איר אַ שטוב אין דעם שמאָלן געסל אין קאַרלטאָן, וווּ ס'האָבן געוווינט מיסטער יעלינס און פֿרענקעלס טאַטע־מאַמע.

באַלד אויפֿצומאָרגנס, נאָך דעם קבלת־פּנים, וואָס יאָסל האָט געמאַכט צוליב איר קומען, האָט ברכה דערפֿילט די וואָכע־דיקייט. זי האָט זיך אַ ריס־אויף געטון פֿון געלעגער, געטריבן פֿון עול, וואָס האָט זי נישט געלאָזט רוען אַ גאַנצע נאַכט, אַרײַן אין קיך, כּדי עפּעס צוצוהעלפֿן. אָבער אין קיך האָט געפֿעכלט אין יעדן ווינקעלע, און מ'האָט זי נישט געדאַרפֿט אײַנגאַנצן. יאָסל איז אַוועק אין דער פֿאַבריק אַרײַן און די קינדער אין שול. די שנור האָט זיך געאײַלט אין גאַס אַרײַן, געשטאַנען אויף איין פֿוס, אַן אויסגעפּוצטע אין אַ ממזריש־קליין היטעלע און אין אַן אויסגעפּאַסטן קורצן פּאַלטן, אויסגעזען אַ סך העכער און שמע־

לער, ווי זי איז געווען אינדערראמתן. זי האָט געהייסן ברכהן אַריינגיין צו זיך אין שטוב, די דינסט וועט איר דאָרט אַריינגעבן דאָס אָנבייסן. ברכה האָט געוואָלט דער שנור עפּעס זאָגן, מיטאַמאָל זיך דערמאָנט, אַז זי ווייסט גאָרנישט איר נאָמען, פאַרגעסן, וואָס זי האָט אין זינען געהאַט און אָנגעהויבן עפּעס צו שטאַמלען מיט דער צונג. די שנור האָט זיך געכאַפּט, אַז די אַלטע ווייסט נישט ווי זי הייסט און זיך אָנגערופן:

— רוף מיך נעטטי, מאַמע... — האָט זי פּאַוואָליע געזאָגט און פאַרצויגן מיט אַ זיס חנדל אירע זאַפּטיק־פולע קינדערישע ליפּעלעך — אַזוי רופן מיך אַלע...

ברכה איז אַרויס אין גאָרטן באַגלייטן די שנור. דערפילט אַ קעלט און פּלוצים באַמערקט, אַז ס׳איז ווינטער. כאָטש די ביימער זענען געווען אָנגעטון אין גרינעם, איז אָבער דער הימל געווען נידעריק, אָנגעפּעלצט מיט שווערע קאַלטע וואָלקנס. ברכה האָט זיך דערמאָנט, אַז בעת זי איז אַרויסגעפאָרן פון דער היים, איז געווען אָנהויב זומער און זי האָט זיך געחידושט, וואָס זי האָט דאָ באַלד נישט באַמערקט דעם ווינטער. איבער דער גאַנצער צייט פון דער נסיעה האָט זי גאָרנישט באַמערקט דעם מרחק, וואָס פאַרגרעסערט זיך מיט יעדן רוק פון דער שיף און ערשט איצט האָט זי דערפילט, ווי ווייט זי איז פון דער היים. ס׳האָט איר פּלוצים אָנגעהויבן וויי טון דאָס האַרץ און זי האָט זיך דערשפירט פיל קראַנקער, ווי זי איז געווען אינדערהיים. אינדערהיים האָט זי אין גאָרנישט געדענקט, גאָרנישט צוגעלאָזט צו זיך, געוועזן צופיל פאַרנומען. זי האָט פּלוצים פאַרשטאַנען, אַז זי איז אין דער פרעמד, אַז זי וועט שוין אַזוי גיך נישט זען צוריק דאָס וואָלינסקע־געסל. זי האָט נישט געזען פאַר זיך קיין שום אויסוועג, ווי זי וואָלט אין אַ טיפן גרוב אַריינגעפאַלן. ס׳האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרץ און זי האָט זיך געחידושט, וואָס אויפן גאַנצן וועג אַהער האָט זי נישט געדענקט אין לייבלען און האָט בלויז געקלערט פון איר רייכן זון, יאָסלען.

ווען יאָסל איז אַהיים געקומען אויף מיטאָג, איז זי באַלד צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל אַ טראַכט טון צו ברענגען לייבלען אַהער.

— אַ ייִנגל לײדט זיך אָן זײן גאַנץ לעבן... — האָט זי געזאָגט — ס׳וואָלט שוין געווען די העכסטע צײט ער זאָל קומען צו עפּעס אַ שטיקל תכלית... ווען האָט ער דאָרט אַצינד... קײנעם נישט!...

דערהערט די רייד, האָבן זיך יאָסלס קלײנע אײגעלעך צעשמײכלט, ער האָט זיך אַ שיבער געטון פון גרויס הנאה, און איר געענטפערט, אַז ער זעט נישט דאָס געאײל, מען וועט נאָך וועגן אַלעמען באַווײזן צו רעדן, איצט איז ער הונגעריק, דאָס מיטאָג שטײט שוין אויפן טיש.

צום מיטאָג זענען געווען פאַרבעטן געסט און די שנור האָט זיך געהאַלטן אין אײן פּאָרען. ס׳איז געקומען איר טאַטע צוגײן און זי האָט זיך געחנדלט און אַרומגעטענצלט אַרום אים. דער טאַטע אירער, אַן ענגלישער ייִד, אַ הויכער, אַ ציכטיקער, אַ שטײפער, האָט געהאַלטן אין אײן בלאָזן צו אַלץ און צו אַלעמען. ער האָט ברכהן דערלאַנגט בלויז די שפּיצן פינגער, ווי אַ גוטער ייִד, זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און זי געפרעגט מיטן אײביקן ביטול פון די ענגלישע ייִדן צו די פרעמדע, ווי זי „גלײכט" די מדינה.

ברכה האָט געזען, ווי יאָסל איז אײנגעשרומפּן געוואָרן בײם שווערס אַרײַנקומען. ער האָט זײער געוואָלט בײ אים אויסנעמען, אַרײַנגערעדט אין אים, כאָטש יענער האָט זיך אפילו אויף אים נישט אומגעקוקט. יאָסל האָט זיך אַלעמאָל אַ שיבער געטון, ווי פון קעלט, אַ באַשפּײ געטין די שפּיצן פינגער, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין אויספּרוון אַ פרעס־אײזן, פון דער העלער הויט כסדר אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער, אַז דער בויך האָט זיך בײ אים אײנגאַנצן געשאָקלט. דאָס ווײַב האָט נײשט געקענט פאַרטראָגן דעם שאַנס העוויות, זיך אַלעמאָל צוגעשאַרט צו אים און דערמאָנט מיט אַ זיס, צעפּיעשטשעטע קולעכל, ווי זי וואָלט גאָרנישט אויסן געווען:

— דזשאָ־או...

יאָסל האָט אַ צאַפּל געטון, ווי אַ געכאַפּט פישל, פאַרלוירן דאָס לשון און אין דער ערשטער רגע נישט געוווסט וואָס דאָס ווײַב וויל פון אים האָבן. אַז ער האָט זיך געכאַפּט אין וואָס עס

גייט, איז דער קארק זיינער אנגעגאסן געווארן מיט בושה און ער האט גנבהש־געלאסן אויסגעדרייט דעם קאפ, כדי זיך איבערצו־צייגן, צי קיינער האט כאטש גארנישט באמערקט.

בעת די קינדער זענען פון דער שול געקומען, האט זיך נעטטי געגרייט זיי פארצושטעלן פאר דער באבען. זי האט גע־מאכט פארשידענע הכנות דערצו, אנגעזאגט די קינדער, ווי זיך אויפצופירן, כדי אלץ זאל אויסקומען וואס שענער און וואס יום־טובדיקער. אבער ווען זי האט אריינגעבראכט די אייניקלעך צו דער באבען, האבן זיי נישט געוואלט צו איר צוגיין, זיך אוועק־געשטעלט פונדערווייטנס און זי באטראכט מיט נייגעריקייט, ווי מען באטראכט עפעס אן אויסטערליש שפילעכל, מיט וועלכן מען ווייסט נישט ווי זיך אומצוגיין. די מתנות, וואס די באבע האט זיי געברענגט, האבן זיי גלייכגילטיק צוגענומען, נישט צומאל א קוק געטון אויף זיי.

א נישט־צופרידענע, א בייזע, האט נעטטי צוריק אריינגע־פירט די קינדער אין זייער שטוב. זי האט שוין מער נישט אפגע־טרעטן פון ברכהן, גערופן זי „מא", כסדר געטאנצט ארום איר אויף די שלאנקע פיס, געשמייכלט צו איר זים מיט די געסקלאר־וועטע בעקלעך, מיט די קינדערישע ליפעלעך און מיט די אלע געדיכט־אנגעדרייטע לאקן אויפן קאפ. אבער וואס בעסער די שנור איז צו איר געווען, אלץ מער האט ברכה צו איר א כעס געפילט, נישט געקענט פארטראגן, וואס זי האט יאסלען ביי איר צוגענומען, נישט געקענט איר פארגינען דעם גרויסן שווילטאג. אירע הארטע גרויע אויגן, וואס זענען פון תמיד־אן געווינט געווען צו זארגן פאר יענעמען, זענען פארלאפן מיט אן עקשנות, און דאס מאנסבילישע קול איז אנגעפולט געווארן מיט א הארב־קייט. ס'האט זי ארומגענומען א גרויסע בענקשאפט נאך די אלע יידענעס אין וואלינסקע־געסל, וואס האבן א סך מאל לייבלען ביי זיך אין שטוב אויסבאהאלטן, ווען פאליציי האט אים ארומגע־זוכט. זי האט כסדר געטראכט, וואס די יידענעס דארט ווייט אינדערהיים טוען, ווי זיי לעבן, צי פירט זיך נאך דארט אינדער־היים אזא לעבן, פונקט ווי אמאל — און פון אירע גרויע אויגן האבן זיך געגאסן טרערן.

אויך יאָסלען האָט זי נישט געקענט פאַרגינען זיין עשירות, זיין שווילטאָג. בעת ער האָט זי איבער דער שטאָט געפירט און זיך באַוויזן פאַר איר מיט זיינע רייכע געוועלבער, האָט זי אַלץ באַקוקט, אָבער דער קאָפּ איז איר געווען ערגעץ אַנדערש. יאָסל האָט זיך אַליין געהאַלטן אין איין באַוואונדערן, ווי־נאָך ער, אַ דאַמסקע־שניידער, האָט געקענט קומען צו אַזאַ רייכקייט, גע־גאַנגען מיט אַזאַ פּאַריסענעם קאָפּ, אַז ער האָט זיך אַזש איבער־געבראָכן אין דער פּלייצע. ער האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט מיט איר פאַר אַן אַנדער געוועלב און איר געהייסן באַקוקן די „וויסטאַוועס", וואָס זענען אָנגעפּילט געווען מיט זיידענע לוקסוסאָווע קליידער, באַפּוצט מיט אַלערליי שלייפעלעך און קריינדעלעך. ווען ברכה האָט זיך צו דער זעט אָנגעקוקט מיט די אַלע שיינע און טייערע זאַכן, האָט ער זי געהייסן אויפהויבן דעם קאָפּ צו דער שילד, וואָס איבערן געוועלב:

— זעסט, מאַמע... — האָט ער צו איר געזאָגט מיט אַ נצחונדיק שמייכעלע — דאָרט אויבן שטייט מיין נאָמען... דאָס איז אַלץ מיינס!...

אָבער ברכהן האָט דאָס אַלץ נישט געפרייט. זי האָט זיך געלאָזט שלעפּן פון אים, ווו נאָר זיין האַרץ האָט געגלוסט און כסדר בלויז אירס אין זינען געהאַט:

— אַ יינגלטשיקע ווערט דאָרט פאַרשוואַרצט... ווערט דאָרט אויסגעריסן איינער אַליין... וואָס וועט זיין פון אים דער תכלית?...

— האָט זי געהאַלטן אין איין מינטערן יאָסלען — ווי לאַנג וועל'ך אומשטיינסגעזאָגט אינגאַנצן אָנטרייבן... די פּאָר יאָר, וואָס ס'איז מיר נאָך באַשערט צום לעבן... דאָס האַרץ טוט מיר וויי... כ'וויל נאָך דערלעבן צו זען דאָס יינגל...

ס'האָבן נישט געהאָלפן יאָסלס רייד. כאָטש האַק און בראָק, אַז ס'איז איצט שווער ווען אַריבערצונעמען אַהער, שוין לאַנגע יאָרן, ווי מען לאָזט קיינעם נישט אַריין, אַפילו די אייגענע מאַמע איז אים נישט לייכט אָנגעקומען צו ברענגען, — האָט זיך ברכה ווייטער געהאַלטן ביים איריקן און עפּעס אַנדערש איז איר גאָר־נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. ס'האָט אַפילו נישט געהאָלפן, וואָס יאָסל האָט איר צו פאַרשטיין געגעבן, אַז לייבל זיצט אין

תפיסה און מען דאַרף קודם־כל וואַרטן ביז ער וועט פון דאָרטן אַרויס. ברכה האָט געטענהט איינס, אַז אַזאַ עושר ווי ער, יאָסל, איז, קאָן אָנקומען צום קייזער אַליין...

שווער איז געווען מיט דער יידענע עפּעס צו מאַכן. אין בעסטן־גוטן, ווען יאָסל האָט געמיינט ער איז שוין מיט איר אויף אַ שטיקל דרך און זי האָט צו אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — האָט זי פּלוצים צוריק אָנגעהויבן פון דאָס ניי און געטענהט, אַז ווען יאָסל גיט זיך אַביסל מער מי, וואָלט ער אַלץ געקענט אויפטון!...

די יידענע האָט אַזויפיל געברענטע צרות אָנגעמאַכט, אַז יאָסל איז געווען גליקלעך, ווען ס'זענען שוין די ערשטע פּאָר וואָכן אַריבער און ער האָט געקענט פאַר דער מאַמען דינגען אַ שטוב אין דעם געסל אין קאַרלטאַן, ווו ס'האָבן געוווינט מיס־טער יעלינס און פרענקעלס טאַטע־מאַמע.

IV

אין דעם שמאָלן געסל אין קאַרלטאַן איז געווען לעבעדיק. באַלד דעם ערשטן טאָג, איידער ברכה האָט זיך נאָך באַוויזן רעכט אויסצופּאַקן אין דער נייער דירה, זענען שוין צו איר גע־קומען שכנים. נישט־געזעטעטנעריהייט זענען קודם־כל געקומען ישראל פרענקעל דער „רימאַזש" מיטן ווייב און הערש־לאָזער דער „רבי". באַלד נאָך זיי האָט נישט דרייסט אַריינגעשטעקט דאָס קעפּל מרדכילע יעלין און נאָך אים האָט מיט זיכערקייט אַריינגעשפּאַנט זיין פּלוניתטע גאָלדע. מ'האָט ברכהן אָנגעהויבן אויסצופרעגן וואָס ס'הערט זיך אין וואַרשע, וואָס ס'הערט זיך אויף דער וואָלינסקע, אויסגעפרעגט זי אויף דעם, אויף יענעם — ביז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ישראל דער „רימאַזש" האָט גוט געקענט מאַטעסן, ברכהס מאַן, און זיי זענען די בעסטע „קאָ־לעגעס" געווען. ישראל האָט צוזאַמענגעצויגן זיין געזונט, קיי־לעכדיק־רויט לבנה־פּנים, פאַרקנייטשט זיין קורצן שטערן און אָנגעשטרענגט זיין ראיה אין דער ווייטקייט אַריין, ווי ער וואָלט דאָרטן עמעצן געזוכט:

— כ׳געדענק אים נאָך, ווי היינט, מאַטעסן... — האָט ער געזאָגט מיט אַ הייזעריקלעך־געדיכט קול — כ׳דערמאָן זיך אַקוראַטנע, ווי פּאַניע האָט אים קיין סיביר משלח געווען פאַר זיינע מעשים־טובים... אָן אייגענער איז ער געווען, מאַטעס... אַ נאַשבראַט... שוין אַ שיינע פּאָר יאָר זענען זינט דעמאָלט אַוועק... אַ־וואַ... אַ־וואַ... אַ שיין ביסל צייט!...

ביי ברכהן האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן אַזוי שווער צו קלאַפּן, אַז אָט־אָט שטעלט זיך עס איינגאַנצן אָפּ. די בלאַסע אַרויסשטאַרנדיקע באַקנביינער האָבן זיך ביי איר לייכט צעפלאַמט און באַלד האָט אַ צונטערדיקע נחתדיקע רויטקייט באַדעקט איר גאַנץ פּנים. אַ היץ איז איר אַדורך איבערן לייב, ווען זי האָט פּלוצים, דאָ, אין דער פרעמדער שטוב, דערהערט מאַטעסעס נאָמען דערמאָנען. ס׳האָט זיך איר מיטאַמאָל געגומען דאַכטן, אַז מאַטעס געפינט זיך לעבן איר און זי הערט זיין קול...

די געסט זענען ביי ברכהן לאַנג געזעסן, פאַרגעסן אין עסן, זיך צערעדט וועגן זייערע קינדער. וואָס האָבן נישט געוואָלט זיי האַלטן ביי זיך, דאָרטן ערגעץ אין די רייכע, גויאישע גאַסן...

מרדכילע יעלין האָט דערציילט, ווי ער האָט די ערשטע צייטן נישט געוואָלט ביים זון נעמען אַ צעבראָכענע הייך־פּעני, ווי ער האָט געאַרבעט ביי אים אין דער פאַבריק און ווי דער זון האָט אים באַלד פון דאָרט געוויזן דעם וועג. מרדכילע איז געווען פון דער היים אַ שניידער, אַ באַלעבאַטישער ייד, אַ הדרת־פּנים מיט אַ זילבערן געפּוצט קמצל. ס׳איז געווען אַ יחוס אין וואַרשע זיך ביי אים צו נייען און די גרעסטע דאַמעס וואָלטן פאַר אים אַ זאַק באַרשטש נישט אַוועקגעגעבן. בשעת ער איז אַוועקגעפאָרן, זענען אָט די אַלע דאַמעס געקומען צו אים צו דער באַן און אים נישט געוואָלט אַוועקלאָזן. זיי האָבן אים נישט געוואָלט אַוועקלאָזן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווער וועט פאַר זייערטוועגן נייען די שיינע קליידער, אַז ער וועט נישט זיין — און צווייטנס, האָבן זיך די שיינע דאַמעס שטילערהייט געליבט אין אים... ער איז געווען אַזאַ „דעליקאַטנער“, מרדכילע, מיט אַ ווייס זיידן פּנים, זיידענע הענט און אַ זיידן קמצל, אַליין שיער נישט, ווי איינע פון די דאַמעס אויסגעזען. — איז דען אַ חידוש געווען,

וואָס די ווייבער האָבן געשטרעקט פאַר אים דאָס לעבן? אַז ער איז געקומען אין דער גאָלדענער מדינה און אַריין צו זיין זון אין דער פאַבריק אַרבעטן, האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס לויפעניש, דאָס כאַפּעניש, און געוואָלט דעם זונס פאַבריק אוועקשטעלן, ווי ער פאַרשטייט. אָבער ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן זיך צופיל אַרומצאַצקען מיט אַ שטיקל אַרבעט, זיך שפּיגלען דערין, איז באַלד צו אים צוגעקומען דער זון און אין אים אַריינגערעדט שטיל, קיינער זאָל חלילה נישט הערן:

— מאַכסט מיך אומגליקלעך, טאַטע... — האָט ער אין אים אַריינגערעדט שטיל און געלאַסן, כאָטש דער כעס האָט אין אים געזאָטן — דאָ איז נישט פּוילן... וואָס קוקסטו אַריין אין דעם שטיקל אַרבעט, ווי אין אַ בריליאַנט?... קוילעסט מיך אָן אַ מעסער!... כ׳על נאָך מוזן צוליב דיר „סטאָפּן” די גאַנצע פעקטערי!...

מרדכילע איז זיך געזעסן, ווי נישט אים מיינט מען, נישט געקענט פאַרשטיין, ווי מען קען אַזוי יאָגן אַן אייגענעם טאַטן, געהערט דעם זון, ווי דעם קאָטער און ווייטער געטון זיינס. נאָר ווען דער בן זיינער האָט אים אַליין נישט אָפּגעלאָזט, האָט עס אים שוין אַ ברי געטון. אָבער ער האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן נישט אַרויסצושיסן, בלויז אויסגעדרייט דאָס זיידענע קאַפּל, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ און געלאַסן געזאָגט, כאָטש דער כעס האָט שוין אין אים געברענט:

— רעד מיר צום דאַשיק!... — האָט ער געלאַסן, מעשהיחסן, פּאַוואָליע געזייעט די ווערטער און אָנגעוויזן אויפן אויסגעדרייטן קאַפּל — אַ וואַזשנער באַלמעלעקע ביסטו מיר!... שיין האָב׳ך דערלעבט, אַז דו גייסט מיך לערנען!... קענסט דען האַלטן אַ נאָדל אין דער האַנט?... קאַליקע!... פּאַרטאַטש!...

דאָס האָט שוין דעם זון אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כלים, ער האָט אַרויסגעריסן ביי אים דאָס שטיקל אַרבעט פון דער האַנט און ער, מרדכילע, האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועק אָן אַ זיי־געזונט.

— שיין האָסטו זיך אויסגעאַרבעט... — האָט מרדכילע גערעדט צו זיך אַליין — ס׳וואָלטן דיך געדאַרפט אָנקוקן די

קליענטקעס דיינע, וואָס פּאַראַ שיין פּנים דו האָסט!... ס'וואָלט דיך געדאַרפט אָנקוקן די שיינע פרוי פּריוועס... אוי, די שיינע פּרוי פּריוועס... די לאַכטיקע פרוי פּריוועס...

מרדכילע האָט זיך פאַרטראַכט, זיינע אויגן האָבן אַ וואַנ־דער געטון אין דער ווייטקייט, זיך געזעגן מיט אַ שיינע פּאָר יאָר צוריק און ער וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט, ווען נישט זיין ווייב גאָלדע, וואָס האָט אים דערמאָנט אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך:

— שוין, האָסט זיך שוין צערעדט?... שיינע ליאַלע מיינע...

— האָט זי געזאָגט מיט איר געזעצט קול, ווי פון אַ פאַס אַרויס, אַז מרדכילע האָט אינגאַנצן אַ ציטער געטון — ס'האָט זיך אין דיר שוין אָנגעצונדן דאָס טריפהנע בלוט דיינס!... קוקטץ נאָר אָן דעם אַלטן ביין, ווי ער רודערט דאָס נאָך אַלץ אַרום מיט די אברים!...

מרדכילע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ס'האָט אים אַ טרויער אַרומגעכאַפּט. אָבער לאַנג טרויעריק זיין, האָט אים נישט געלאָזט ישראל „רימאַזש", וואָס האָט דערציילט, ווי אין וואַרשע וואָלט מען אַזאַ בנאָק אָנגעלערנט:

— האַ, דער געלער איטשע פון לעדער־פאַריין וואָלט פאַר־טראָגן אַזאַ עוולה?... ער וואָלט דערציילט אַזאַ באַלעבאָס יענע מעשה!... באַלד געמאַכט אַ שטרייק, ווי אין פּסוק שטייט!... אוי, וואַרשע... וואַרשע...

ישראל האָט זיך דערמאָנט וועגן פאַריין, וועגן די שטרייקן, וועגן די אַלע רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס מען פלעגט זינגען אויף די דעמאָנסטראַציעס...

אויך הערש־לאָזער דער „רבי" האָט מרדכילען געטרייסט:

— נעם דיך נישט איבער, מרדכילע... — האָט ער צו אים געזאָגט — און מיין גן־עדן־פירער האָט מיך נישט באַלד „אַרויס־געבענדיקט" פון דער פאַבריק זיינער? און יעך קען שוין יאָ געבן פּלייצע!... און פון דער דירה האָט ער מיך נישט משלח גע־ווען?... באַלד נאָך די ערשטע פּאָר וואָכן... נאָך די ערשטע פּאָר וואָכן!... אָפּגעפּאַרטיקט דעם שווער מיט אַ „ווישל" און פּטור אַן עסק!... מילא, ווען מיין אַלטיטשקע וואָלט כאָטש געלעבט,

וואָלט געווען אַ האַלבע צרה... אַזוי דריי דיך אַרום אַ גאַנצן טאָג איינער אַליין, ווי אַ הונט... פּונקט ווי אַ הונט...

הערש־לאַזער האָט ליב געהאַט איין וואָרט צוויי מאָל איבערצוחזרן, כדי צוצוגעבן זיינע רייד מער חשיבות. בשעת מען האָט אים עפּעס דערציילט, האָט ער קיינמאָל נישט דערהערט צום ערשטן מאָל און מ'האָט אים שטענדיק געמוזט איין־און־דיזעלבע זאַך צוויי מאָל איבערחזרן. ער האָט נישט געהאַט איבער גאַנצע טעג צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. ס'האָט אים צוליב דעם געטריבן פון זיין אייגענער דירה און ער האָט זיך ליב געהאַט צו טוליען אין פרעמדע שטובן. צומיינסטן איז ער אָפּגעזעסן ביי ישראל „רימאַזש". וואָס האָט געוווינט מיט אים אַ טיר אין אַ טיר. דאָרט האָט ער זיך געקאָכט זיינע יאַיכלעך אין אַ קליין פּאַרסאַזשעט טעפּל און געזאָגט זיינע תורות, געוווסט, אַז ישראל איז ווייט נישט קיין תלמיד־חכם. ס'האָט אים אַרומגענומען אַ וואַרעמקייט, ווען ישראלס ווייב האָט זיך איינגעהערט אין זיינע תורות און אים אָפּגעגעבן גרויס דרך־ארץ. בעת ער האָט מעביר געווען די סדרה יעדן שבת אינדערפרי פון צעשיטן חומש אַרויס, האָט ער אָנגעקוקט, אַז ישראלס ווייב האָרכט זיך אונטער. דאָס איינגעשרומפּענע פּנים איז ביי אים אויסגעלייטערט געוואָרן און דער דאַרער, ביינערדיקער גוף, ברייטער און גרעסער.

ברכה האָט זיך צווישן די יידן געפילט, ווי ביי זיך אינדערהיים. זי האָט אפילו אָנגעהויבן צו דערציילן ווי ס'איז שלעכט אין וואַרשע, ווי יידן האָבן נישט קיין פּרנסה און מען ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. אָבער ישראל דער „רימאַזש" איז נישט נתפּעל געוואָרן פון אירע רייד און איר איבערגעהאַקט:

— אַ שיינע מעשה, נו... — האָט ער געזאָגט און איבערגעחזרט זיין באַליבט ווערטל — וואָס וואָלט געווען מיט כל־ישראל, וואָלט געווען מיט ר' ישראלן!...

ברכה האָט דערציילט וועגן איר לייבלען, וואָס איז געבליבן דאָרטן אינדערהיים, אָן אַ מאַמען, אָן גאָרנישט, נישט געוואָלט הערן די רייד פון די יידן, ווי ס'איז איצט שווער מיטן ברענגען אַהער, ווי שוין לאַנגע יאָרן קומט מער קיינער נישט צופאָרן און

מען קוקט זיך אומזיסט אויס די אויגן נאָך אַ פרישן מענטש פון דער היים. זי האָט זיך געהאַלטן ביים איריקן, אַז זי מוז נאָך זען דאָס קינד, ווייל ס׳איז שוין איר נישט באַשערט לאַנג צו לעבן. ווי לאַנג איז דער שיעור די אַלע צרות איבערצוטראָגן?

קיינער האָט זיך מער מיט איר נישט געשפּאַרט און מרדכילע יעלין האָט זיך אָנגערופן:

— צוגעשניטן און אָוועקגעלייגט!... פּטור אָן עסק... אוודאי וועלן זי קענען ברענגען איהנס זון... אַז זי וועלן צושטיין צו יאָסלען, וועט ער שוין מוזן עפּעס אויפטון... צום קייזער אַליין קען ער אָנשפּאַרן!... וואָ־דען...

V

ברכה האָט שוין מער לייבלען נישט אַרויסגעלאָזט פון זי־נען. די נאַכט, ווען מ׳איז צו איר געקומען און לייבלען פון איר אָוועקגעריסן, איז איר כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן. זי האָט נאָכאַנאַנד געהערט דאָס באַפעלנדיק־הויכע קול פונם פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיך צו לייבלען מיט הוזק געווענדט:

— געגוג געשלאָפן, פּאַרעץ!... אין „פּאַוויאַק" וועסטו קע־נען אַ בעסערן דרימל כאַפּן!... וועסט דיר קענען דאָרט אויסרוען די ביינער!...

זי האָט געזען לייבלען, אַ צעשויבערטן, אַ צעכראַסטעטן, מיט שלאָף אין די אויגן, כסדר געהערט זיינע ווערטער, וואָס האָבן זי געפּרוווט בארואיקן:

— זאָרג דיך נישט מאַמע... וויין נישט... — האָט זי כסדר געהערט זיינע ווערטער — כ׳וועל באַלד צוריקקומען...

אָבער ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. וואָס קראַנ־קער ברכה האָט זיך געפילט, אַלץ מער האָט זי געטראַכט פון לייבלען. און כאָטש זי האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין חשבון, נישט געוווסט מער ווו איין און ווו אויס, האָט זי פונדעסטוועגן נאָך אַלץ געציילט די טעג און די וואָכן, וואָס זי האָט לייבלען נישט

געזען. יאָסלען האָט זי מער נישט אָפּגעלאָזט און ער האָט גע־מוזט טון אַלץ, כדי ליבלען צו ברענגען.

איינמאָל אין דער וואָך, שבת־נאָכמיטאָג, ווען יאָסל האָט זיך אומגעקערט פון די געשעפטן, איז ער אויפן וועג אַהיים, ביי איר אָפּגעטרעטן. ס׳איז דעמאָלט לעבעדיק געווען אין געסל, ווייל צו מרדכילען און צו ישראל „רישאַזש” זענען אויך די קינדער געקומען.

שוין מיט עטלעכע טעג פריער האָט מען זיך געגרייט אויפ־צונעמען די קינדער און ס׳האָט אויסגעזען אין געסל, ווי אין אַן ערב יום־טוב. צעשטראַלטע, פול מיט ברען צו דער אַרבעט, האָבן זיך די ווייבער געהאַלטן אין איין פּאָרען און אַרומגעגאַנ־גען פאַרזאָרגטע און פאַרטועטע. זיי האָבן איינגעקויפט פון שענסטן און בעסטן — פון אַ גוט שטיקל הערינג ביז אַ פערטל שאָק ניס, אַ טאָרבעלע מאַנדלען און אַביסל צוקערלעך, כדי מכבד צו זיין די אייניקלעך. אויך האָבן זיי אָנגעבאַקן היימיש געבעקס, היימישע חלה און לעקעך און געשטעלט אַביסל היימישע משקה. די באַקן האָבן ביי זיי כסדר געפלאַמט פון דערוואַרטונג און פרייד און זיי האָבן זיך דערפילט צוריק יונג, פול מיט זאָרג נאָך די קינדער. זיי האָבן זיך איינע פאַר דער אַנדערער באַוויזן מיט די געבעקסן, מיט די מאכלים, געצמאָקעט מיט די ליפּן:

— אָ־וואַ... אָ־וואַ... אַ מעדן... מיינער גייט אויס נאָך אַזאַ ביסל היינערנע יויך...

— און מיינער ווייטער האָט ליב אַן איינגעהאַקט לעבערל... אַ גוט איינגעהאַקט לעבערל מיט אַביסל גענזן־שמאַלץ...

כמעט שטענדיק איז פאָרגעקומען אַ מחלוקת צווישן גאָל־דען און מרדכילען, בעת זי האָט פאַר אים פאַרשלאָסן די מאכלים אין שאַפקעלע און אים נישט געלאָזט פאַרזוכן גאָרנישט פון די נייערע מעדנים. אַ פאַרויטלטע, פול פרייד, וואָס אַלץ איז איר אַזוי גוט געראָטן, האָט זי אים געטריבן פון זיך:

— נאַשער... פרעסער... אַוועק!... — האָט זי אים געטריבן, בשעת ער האָט זיך געדרייט אַרום איר, ווי אַ קאַץ, וואָס גרייט זיך עפּעס צו כאַפּן — אַ מענטש זאָל זיך נישט קענען איינהאַלטן... נאָר ס׳שמעקט אים אָן, ווי אַ טראָגעדיקער ייִדענע... דאָס איז

אַלץ פאַרן קינד... ער ברעכט זיך גענוג דעם קאָפּ, נעבעך, אַ גאַנ־צע וואָך... אַ קנאַפּן עול האָט ער?... און צו די אַלע צרות האָט ער נאָך אַ צולאָג דיך צו פאַרזאָרגן!...

אַלץ האָט גאָלדע געקענט אַריינזאָגן מרדכילען, נאָר נישט דאָס — און שטענדיק איז פון אַ געלעכטער איבערגעגאַנגען אויף אַ רעכטן־אמת. מרדכילע האָט זיך באַליידיקט פונם ווייב, זיך אַרומגעדרייט שטאַרק ברוגז, נישט אויסגערעדט צו איר מער קיין איין וואָרט.

פּונקט ווי גאָלדע האָט געהאַט צו טון מיטן מאַן, האָבן די אַנדערע ווייבער געהאַט צו טון מיט זייערע מענער, וואָס איז זיי שטענדיק עפּעס געפלויגן פאַר דער נאָז, פּונקט דעמאָלט, ווען די קינדער האָבן באַדאַרפט קומען. ישראל „רימאַזש" האָט פון דער יידענע זיינער געלאַכט אין די פויסטן, וואָס זי צערייסט זיך אַזוי דעם יאַשטשיק פאַרן בנאָק. אַז ביים קדיש איז דאָס סיי־ווי־סיי נישט אָנגעלייגט, ער קומט צופאָרן בלויז אויף איין רגע, וויל קוים טועם זיין עפּעס פון די אַלע אָנגעגרייטע מאכלים און איז באַלד עוקר. יעדעס מאָל, ווען דער זון האָט באַדאַרפט קומען, האָט ער אַרויסגענומען דעם זייגער פון דער וועסטל־קעשענע און זיך געחכמעט:

— דער דאָקטער דאַרף באַלד קומען אויף דער וויזיט...

אָבער כאָטש ער האָט אַלץ אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, געווען צו אַלץ גלייכגילטיק, האָט ער זיך פונדעסטוועגן שטילער־הייט אָנגעטון דעם יום־טובדיקן ראָק, זיך אַרומגעדרייט צע־טראָגן און אַלעמאָל, קיינער זאָל נישט באַמערקן, אַרויסגעגאַנגען קוקן, צי דער זון פאָרט שוין...

אויך ברכה האָט אָפּגעוואַרט יאָסלען, אויסגעקוקט די בריוו, וואָס ער וועט ברענגען פון לייבלען. יאָסל איז צו איר געקומען אין זיין נייעם אויטאָמאָביל, וואָס איז פאַרפאָרן מיט אַ רעש אין שמאָלן, אָרעמען געסל, שיער נישט אומגעוואָרפן די קליינע הייז־לעך מיט זיין גרויסקייט און רחבותדיקייט. טיילמאָל האָט אויך יאָסל מיטגעבראַכט מיט זיך די קינדער און ברכה האָט נישט געוווסט ווו זיי צו זעצן, זיך געהאַלטן אין איין פאָרען אַרום זיי, געשטופּט זיי אויף אַ לעפעלע גלייך אין מויל אַריין איינגעמאַכץ,

וואָס זיי האָבן קוים פאַרזוכט, ווי אַ רפואה. אויך יאָסל האָט קוים פאַרזוכט פון די אַלע מאכלים. וואָס זי האָט אָנגעגרייט, כסדר געקוקט אויפן זייגער, זיך געדרייט אויפן בענקל און איידער זי האָט זיך נאָך באַוויזן געענוג אָנצופרייען מיט אים, איידער זי האָט נאָך באַוויזן איינצופּאַקן פאַר אים אַ פּלאַיקל איינגעמאַכץ, אַ טער־פּעלע שמאַלץ — איז ער שוין געשטאַנען אין דער טיר.

ברכה האָט נאָך קוים באַוויזן אים צו פרעגן מכוח לייבלען. ער האָט איר אַלעמאָל געענטפערט דאָסזעלבע, אַז לייבל איז אפילו שוין אַרויס פון תפיסה, אָבער ער וויל נישט קומען.

— ער שרייבט, לייבל, אַז ס'איז אים גוט דאָרט, ווו ער איז... — האָט געזאָגט יאָסל — ער קען נישט קומען, ווייל ער האָט אַ סך אַרבעט... ער איז נישט ביי זיך אין די הענט... די צייט איז אַ שווערע און ער טאָר נישט אַנטלויפן, ווי אַ פּחדן...

ברכה האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס לייבל מיינט, וואָס ער איז אויסן, צי קען ער טאָקע נישט טון דיזעלבע אַרבעט הי. זי האָט נישט געררוט, נישט אָפּגעשטאַנען. דערצו האָט זי זיך אונטערגעהערט, ווי מען האָט דערציילט, אַז אינ־דערהיים איז איצט סכנות־נפשות, אַ ייד טאָר זיך אין גאַס נישט באַווייזן, מען איז נישט זיכער מיטן לעבן... זי האָט זיך גע־פילט קראַנק. ס'האָט זי געפּרעסט ביים האַרץ, אָבער קיין דאָקטאָר האָט זי נישט געלאָזט צו זיך רופן. ווען יאָסל האָט זי נישט גע־האָרכט און גערופן צו איר אַ דאָקטאָר, האָט זי זיך אָנגעבייזערט אויף אים:

— שיק מיר בעסער לייבלען... — האָט זי געזאָגט — כ'דאַרף נישט קיין דאָקטאָר... וואָס וועט מיר אַ דאָקטאָר העלפן!...

אין גערסל האָט מען זיך אַרום איר געפּאָרעט, זיך מיט איר אָפּגעגעבן און איר אַלעמאָל דערציילט, ווי ס'האַלט מיט לייבלען. גאָלדע איז פון ברכהן אינגאַנצן מער נישט אָפּגעטרעטן. בעת זי איז געשטאַנען ביי דער קיך, האָט עס זי געטראָגן און זי האָט אַלעמאָל זיך געמוזט אַריבערכאַפּן צו ברכהן, כדי אַ קוק צו טון, וואָס זי מאַכט. זי האָט געקאָכט פאַר אירעטוועגן פאַרשידענע יאַיכלעך און אַלעמאָל געברענגט צוטראָגן צו איר אַן אַנדער

יאַכל אונטער דער שירץ. אָבער ברכה האָט גאָרנישט געקענט עסן. ווען זי האָט בלויז באַנעצט די ליפּן, קוים עפּעס טועם געווען, האָט זי באַלד אַוועקגעשטופּט פון זיך דאָס טעפּל און זיך גע־בעטן:

— גלויבן זי מיר, גאָלדעשי, כ'קען נישט עסן... — האָט זי זיך געבעטן — ווי קען'ך עסן, אַז כ'וויים נישט, צי מיין לייבל האָט צו עסן... כ'קען נישט, גאָלדעשי, כ'קען נישט...

אָבער גאָלדע האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— עסן זי... — האָט זי איר איינגערעדט — ס'איז אַ טייער ביסל יויך... ס'היילט די נשמה... די קינדער זאָרגן זיך טאַקע שטאַרק וועגן איהן... ס'גייט זיי טאַקע שטאַרק אין לעבן... וואָס קלערן זי?...

ברכה האָט צוגערוקט צו זיך דאָס טעפּל, געוואָלט עפּעס טועם זיין, אָבער ס'איז נישט געגאַנגען:

— כ'קען נישט, גאָלדעשי־קרוין... — האָט זי געזאָגט — ס'גייט מיר נישט דורך דעם האַלז אַדורך... אַלץ בלייבט מיר שטעקן דאָ־אָ... — האָט זי אָנגעוויזן אויפן האַלז.

אָבער גאָלדע איז באַשטאַנען אויף ס'איריקע. בעת זי האָט געזען, אַז ס'גייט נישט מיט גוטן, איז זי געגאַנגען מיט בייזן:

— אַ שיין פּנים האָבן זי, ברכה... שפּיגלען זי זיך נאָר אָן, ווי זי זעען אויס!... — האָט זי זיך געבייזערט — קיין העלפט איז שוין פון איהן נישט געבליבן... ס'לוינט זיך נישט אַזוי אַוועקצוברענגען פאַר די קינדער!... כ'בין אויך אַ מאַמע, כ'וויים אויך!...

ס'איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה און מ'האָט פאַר ברכהן געמוזט פאַרהוילן דעם אמת. מ'האָט פאַר איר געמוזט אויסטראַכטן אַ ליגן, אַז לייבל פאָרט שוין, אַז ער איז אויפן וועג, געוווסט, אַז דאָס האַלט נאָך ברכהן אויף ביים לעבן, ווען נישט דאָס, וואָלט זי שוין לאַנג אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט...

און ס'איז טאַקע אַ פריידר געווען אין געסל, ווען יאָסל איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן געקומען אָנזאָגן, אַז לייבל קומט אויף אַ רעכטן אמת. אין דער היים טאָר ער לענגער נישט בלייבן, ווייל מ'וועט אים נאָכאַמאָל אין תפיסה איינזעצן...

ברכה איז שוין דעמאָלט מער פון בעט נישט אַראָפּ, כסדר זיך איינגעהערט, צי לייבל גייט נישט. לויט איר חשבון, האָט ער שוין לאַנג באַדאַרפט זיין און זי האָט געהאַלטן אין איין פרעגן, וואָס ס׳דויערט עפּעס ביי אים אַזוי לאַנג די נסיעה. מ׳האָט איר איינגערעדט, אַז סך־הכל זענען ערשט עטלעכע וואָכן אַריבער. זינט לייבל איז אַרויסגעפאָרן פון דער היים און אַ נסיעה קיין אויסטראַליע איז נישט קיין שפּרונג.

יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך גערעדט, אַז ס׳האַלט שמאָל מיט ברכהן, איז מען שנעל געלאָפן רופן יאָסלען. יאָסל איז באַלד געקומען צוזאַמען מיטן דאָקטאָר, אָבער ס׳האָט זיך שטענדיק אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז אומזיסט געווען די מורא. איינמאָל, נעת יאָסל מיטן דאָקטאָר זענען צו־לאַנג געזעסן ביי ברכהן אין שטוב, איז מען געווען זיכער, אַז ס׳איז שוין נאָך אַלעמען. די יידן, וואָס האָבן מיט האַרץ־קלאַפּעניש געוואַרט אין דער פאָר־דערשטער שטוב, אַלעמאָל אונטערגעשטעלט אַן אויער צו דער טיר, כדי אויפצוכאַפּן, וואָס ס׳הערט זיך מיט דער קראַנקער, האָבן מיט מורא אַריינגעקוקט, דאָ יאָסלען, דאָ דעם דאָקטאָר אין די אויגן. און אַז גאָלדע האָט בשום־אופן נישט געקענט אַרויסקוועטשן, נישט פונם דאָקטאָר, נישט פון יאָסלען, אַ וואָרט, האָט זי באַצייטנס אָנגעהויבן צו וויינען און צו פאַרברעכן מיט די הענט:

— אַזאַ טייערע נשמה... — האָט זי שטיל געכליפּעט — אַזאַ לאַכטיק מענטש...

אָבער הערש־לאַזער דער „רבי" האָט זי נישט געלאָזט וויי־נען. כאָטש ער אַליין האָט נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט ער איז, האָט ער פונדעסטוועגן זיך צעבייזערט:

— שאַ!... יידענע! — האָט זיין קול אינגאַנצן געציטערט — וואָס עפּעס אינמיטן דערינען אַ וויינען אויף דיין קאָפּ?... ווער האָט דען געזאָגט, אַז ס׳איז, חלילה, עפּעס געשען?...

ס׳האָט זיך טאַקע באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די מורא איז געווען אומזיסט, ווייל ברכה האָט זיך דעם טאָג גוט געפילט. כאָטש דער דאָקטאָר האָט זי שוין פון לאַנג אויפגעגעבן, איז זי, ווי אים אויף צולהכעיס, געלעגן האַלב־אויפגעזעצט אין בעט,

אונטערגעשפארט מיט א בארג קישנס און איר קלארער אויסגעוואשענער בליק האט געבלאנדזשעט איבער אלעמענס פנימער, ווי זי וואלט עפעס געזוכט. מ׳האט אויסגעמיטן איר בליק, זיך געפילט קעגן איר שולדיק, און ערשט ווען לייבל האט זיך געפונען אויף דער שיף, האט מען איר אנגעהויבן צו קוקן צוריק גלייך אין פנים אריין.

VI

דעם טאג, ווען מ׳איז געפארן צו דער שיף אפווארטן לייבלען, האט זיך ברכה באלד אינדערפרי פלוצים גענומען ארויסשארן פון בעט. מ׳האט נישט פארשטאנען, וואס זי וויל, שטום נאכגעקוקט איר יעדן ריר, און ערשט אז ברכה האט מיט די אויגן אנגעהויבן זוכן איר אנטועכץ, וואס איז שוין לאנג געלעגן ערגעץ אוועקגערוימט, האט מען זי פארזיכטיק צוריק אריינגעלייגט אין בעט אריין. מען האט זי ארומגעדעקט און איר צו פארשטיין געגעבן, אז לייבל וועט גארנישט צו איר האבן, אז זי וועט אים נישט גיין אפווארטן.

ברכה איז אליין געבליבן אין שטוב, זיך צוריק ארויסגעשארט פון בעט, געפרווט שטעלן א טריט, אבער זי האט זיך געמוזט אנהאלטן אן די שטולן, אן טיש, פונקט ווי א פיצל קינד, וואס לערנט זיך גיין. זי האט ארויסגענומען פון דער שאפע דאס בארכנטענע קלייד, וואס איז נאך אלץ ניי געווען, עס ארויפגעשלעפט אויף זיך און זיך צוגעזעצט צום טיש, אפווארטן לייבלען.

מיט דעם ריח פון ים און ווינט אין די שווארצע, געדיכטע האר, אין דעם שמאלן דארן גוף, איז לייבל אריין אין שטוב. אבער ברכה האט זיך פון ארט נישט געקענט אויפהויבן און נישט געקענט אים אקייגנגיין. ער איז צו איר צוגעקומען און זי האט מיט די הענט לאנג געזוכט איבער זיין יינגלעריש־שמאל פנים, איבער זיין שמאלן גוף, ווי זי וואלט זיך וועלן פארזיכערן, אז ער איז גאנץ און געזונט, אים נאס געמאכט מיט טרערן און

כסדר איבערגעחזרט, ווי זי וואָלט נישט געגלויבט אירע אייגענע אויגן, אירע אייגענע הענט:

— דאָס ביסטו טאַקע, לייבעלע... ביסט טאַקע געקומען...

זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, כסדר מיט די הענט געפירט איבער זיין פּנים, איבער די האָר, און ערשט אַז די הענט האָבן איר נישט געדינט מער, האָט גאָלדע לייבלען פון איר צוגענומען און מען האָט זי אַריינגעלייגט צוריק אין בעט.

ברכה האָט געזען, ווי מ׳רינגלט אַרום לייבלען. די יידן האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט, געהאַלטן אים אין איין אויספרעגן, וואָס ס׳הערט זיך אין דער היים, ביי משפחה, צי ס׳איז טאַקע אמת, וואָס די צייטונגען שרייבן, אַז אַ ייד טאָר זיך אין גאַס נישט באַווייזן... ישראל „רימאַזש" האָט זיך אַרומגעדרייט אַ יום־טובדיקער, אַ צענומענער, אַריבערגעשריגן אַלעמען מיט זיין הייזעריק־געדיכט קול, נישט אָפּגעלאָזט לייבלען:

— וואָס מאַכט ער עפּעס דער געלער איטשע פון לעדער־פּאַריין?... ער לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע, האַ?...

— האָט ער זיך געריסן — איי, ווען ער וואָלט דאָ מיט אונז גע־ווען, וואָלטן מיר אַן אַנדער פּנים געהאַט!... לחיים לייבל...

ברכה האָט געהערט לייבלס יינגלעריש־קלאָר קול, געהערט, ווי דער „רימאַזש" זאָגט אים נאָך מיט יום־טובדיקייט יעדעס וואָרט, געזען יאָסלען, די שנור, וואָס האָט זיך געפּאַרעט צווישן עולם, און זי האָט רואיק צוגעשלאָסן די אויגן...

א י נ ה א ל ט:

באנקראָט — — — — — — — — — — — 7
שיפּס־ברידער — — — — — — — — — — 18
אין דער פרעמד — — — — — — — — — 38
דער שידוך — — — — — — — — — — 50
דאָס נייע הויז — — — — — — — — — 63
ווינטער — — — — — — — — — — — 82
אויף דער סטאַנציע — — — — — — — — 98
חברטעס — — — — — — — — — — — 108
טעכטער — — — — — — — — — — — 116
מיסטער סעגאַלס ווייב קומט צופאָרן — — — — 124
אליין — — — — — — — — — — — 143
אין א קעלער־שטוב — — — — — — — — 154
פרילינג — — — — — — — — — — — 161
נאָך דער חתונה — — — — — — — — — 172
דער פאָטער און דער זון — — — — — — 181
די שול אין סאַניביי — — — — — — — 188
פירמע „ברידער ליפעראַנט" — — — — — — 212
א גאַס אין קאַרלטאָן — — — — — — — 242

פון דעם זעלבן מחבר :

„שטובן און גאַסן" — נאָוועלן, וואַרשע, 1935

(ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי)
אויסגעשעפּט.

אין פאַרענדיקן :

„אַ יידישע גאַס" (נאָלעווקעס) — ראָמאַן.